STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06607

ESEYEN

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

עסייען

(דיסקוסיעס און כאַראַקטעריסטיקעס)

אַרויסגעגעבן פֿון דער יידיש-עטישער געזעלשאַפֿט

1951

לייבל כהן

Copyright, 1951, by
ABBA GORDIN
New York, N. Y.

Printed in the U. S. A., by
Aber Press, 225 Varick St., New York, N. Y.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

אַנשטאָט אַ פאָררעדע:

1. דער ווערט פון וואָרט 7

2. די לאַגע פון יידישן שרייבער 9

I. דיסקוסיעס

איינלייטונג:

א. דער ים התלמוד 15

ב. די מלחמה פון תורה 18

רופן און אָפּרופן 22

די דינאַמיק פון אמונה 31

רעליגיע ווי אַ פּראָבלעם פון קיום:

1. אַנעמישער רעפאָרמיזם 43

2. רעליגיעזער סענטימענטאַליזם 49

אונטערן צייכן פון אייביקייט 57

„פּאָעטיש" 62

דער אַלטער בונד און דער יונגער „בונד" 69

די טעריטאָריעלע פראַגע 82

מלחמה־אָפּשאַף און אייביקער פרידן 87

די רפואה פאַר דעם חולה — סאָציאַליזם 93

דיסהיסטאָריזאַציע פון היסטאָריע 105

פרייהייט אָדער קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט 114

מדינת ישראל און ישראל

מדינת ישראל און ישראל 121

גלות און גאולה 128

גלות, ארץ ישראל און יידישקייט 136

גלותיזם אין „ארבע כנפות" הארץ 144

גלות־פּסיכאָלאָגיע 150

II. כאַראַקטעריסטיקעס

משה העס 159
מרדכי בן הלל הכהן 169
דר. י. א. מעריסאָן — דער אַנאַרכיסטישער איקאָנאָקלאַסט 179
אַלעקסאַנדער בערקמאַן:
א. די טראַגעדיע וואָס האָט געהייסן אַלעקסאַנדער בערקמאַן .. 188
ב. דער מאַן פון וויזיע, ווילן און וואָרט 200
פּיאָטער קראָפּאָטקין 207
לונאַטשאַרסקי — אַנאַטאָלי וואַסילעוויטש 211
טאָמאַש מאַסאַריק 217

אַנשטאָט אַ פּאָררעדע

1.

דער ווערט פֿון וואָרט

אונדזער ליטעראַטור איז כמעט ווי רעדוצירט געוואָרן צו טעגלעכע צייטונגען מיט דאָ און דאָרטן אַ פאַרוואַלגערטן פאַרטיי־וואָכנבלאַט מיט אַן אומזיכערן אַריינטריף פון אַ מאָנאַטשריפט, וואָס קומט אַרויס איינ־מאָל אין צוויי, אין דריי חדשים.

טאָג־צייטונגען פאַרנעמען זיך, ווי עס דאַרף זיין, מיט טאָג־פראַגן און ניט מיט פּראָבלעמען, וואָס ליגן אויף יענער זייט פון לאַנגע יאָרן. אַ צייטונג־שרייבער מוז האַלטן זיין אויג אויף דעם היינטיקן טאָג. דער נעכטן און מאָרגן זיינען דאָך אַנדערע טעג און אין זיי און וועגן זיי דאַרף מען דאָך יעדעס מאָל שרייבן באַזונדער און, גאַנץ אָפט, אַנדערש. אַמאָליקע ישיבה־בחורים האָבן „געגעסן טעג", היינטיקע צייטונג־מיטאַרבעטער „שרייבן טעג". פאַר דעם וואָס געפינט זיך ווייטער און איבער דעם פאַרביילויפנדיקן מאָמענט האָבן זיי ניט קיין צייט און ניט קיין געדולד.

אָבער דאָס איז נאָך אַ האַלבע צרה. די גאַנצע צרה הייבט זיך אָן, ווען אַ שרייבער ווערט אַ „האָרעפּאַשניק", אַן אַרבעטער וואָס האָט אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וואָס דערקלערט „סטרייקס", אָרגאַניזירט „פּי־קעט־ליינס". דעמאָלט ווערט ער אויס וואָרט־זאָגער, אויס לערער און גייסטיקער פירער. דעמאָלט ווערט ער אַ שריפטשטעלער, אַ בעל־מלאכה, וואָס שטייט אויף דער אייגענער מדרגה ווי דהיינו אַ שריפטזעצער. דער שרייבער האַנט־ווערקער „אַרבעט" אַ געוויסע צאָל שעהן אין באַשטימטע טעג און קריגט דערפאַר זיין לוין, ווי יעדער לוין־אַרבעטער. דאָס

הייסט: ער ווערט „עקספלואַטירט״. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז וואָס מער ער קריגט באַצאָלט און וואָס ווייניקער ער אַרבעט, אַלץ גע־זינטער איז עס פאַר אים און פאַר דער וועלט, ווייל אויף אַזאַ אופן ווערט ער דאָך ווינציקער „עקספּלואַטירט״.

לכן ווען עס קומט צו שרייבן וועגן אַ בוך, שטעלט זיך גלייך אַרויס, אַז אָט־די „אַרבעט״ איז די אומדאַנקבאַרסטע, וואָס מיינט די אַמווייניקסט באַצאָלטע. ווייל אָט־די „אַרבעט״ פון ביכער קריטיק זעט מען ניט, זי ווערט ניט רעגיסטרירט אויפן פּאַפּיר אין דער קוואַנטיטעט פון אָנגעשריבענע צייַלן און שפּאַלטן. דער קריטיקער, דער רעצענזענט דאַרף גאָר אַרבעטן, אויסערן שרייבן, אויף דעם לייענען. און ווער רעדט נאָך ווען דאָס בוך איז ניט געשריבן אין אַ פעדער־לייכטן און שפּאַט־ביליקן לשון פון אַ צייטונג־אַרטיקל, דעמאָלט איז דאָך גאָר צרות: מ׳דאַרף צולייגן קאָפּ, און אַמאָל טאַקע „באַוועגן געהירן״ בכדי צו פאַר־שטיין וואָס דער מחבר מיינט צו זאָגן. און דאָס קאָסט איבעריקע צייט, איבעריקע מי און דער „פּראָפעסיאָנעלער״ קריטיקער קען זיך עס, פשוט, ניט דערלויבן, ווען ער באַזיצט אפילו יענע טיילן פון אַנאַטאָמיע אין אַ ניט־אַטראָפירטן צושטאַנד...

דערפאַר באַמערקט זיך אַז ס׳רוב ווערן צענזורירט קליינע בראָ־שורלעך, ביכלעך וועלכע אַנטהאַלטן אַ פּאָר וואַסערדיקע עסייען, ס׳רוב איבערדרוקעכצן, וואָס לאָזן זיך איבערקוקן אין אַ פּאָר מינוט, און מ׳קען וועגן זיי מבינות זאָגן מיט אַן אָנשטעל פון אַ גרויסן ידען, מיט דער פּאָזע פון אַ גרויסן אויטאָריטעט.

דער לייענער, וואָס וואָלט נעמען ערנסט דעם היינטיקן „האַנט־ווערקער קריטיקער״ (צום גליק זיינען אַזעלכע תמימים לייענער דאָ זייער ווייניק) און זיינע מיינונגען וועגן דערשיינענע ווערק, וואָלט קריגן אַ פאַלשן באַגריף וועגן דער בידנער יידישער ליטעראַטור.

מ׳קען עס פאָרמולירן אַלס געזעץ, כמעט: וואָס ווייניקער ווערט און וואָג אַ בוך פאַרמאָגט, אַלץ מער ווערט וועגן אים געשריבן און געזאָגט.

פאַרוואָס? פשוט, דער „קריטיקער״ שטרעבט צו אַן אידעאַלן צו־שטאַנד. וואָס איז פאַר אים אַן אידעאַלער צושטאַנד? לייענען פינף מינוט און קענען דערנאָך שרייבן, ד״ה, „רייבן די זייטן״, „רייבן אַ מאָר־דע״, אַ פּאָר שעה און אַרויסקומען מיט אַ גאַנצן אַרטיקל.

אָבער וואָס טוט מען מיט אַזעלכע ווערק וואָס מ׳דאַרף לייענען אָדער, רחמנא ליצלן, גאָר שטודירן עטלעכע וואָכן, און דערנאָך האָבן צו

שרייבן — און דאָס אויך מיט שווערקייט, מיט אומזיכערקייט, קוים מיט צרות — בלויז אַ פּאָר שעה? שווייגט מען וועגן זיי, דאָס הייסט מ׳לייענט זיי אינגאַנצן ניט, און מ׳שרייבט וועגן זיי ניט. דאָס איז ווען דער קריטיקער איז אָרנטלעך. ווען אָבער ניט, שמירט מען וועגן זיי, רעדט מען „אויף פייער און אויף וואַסער״, מ׳רייסט אַרונטער, אויב מ׳איז אין כעס, מ׳לויבט, אויב מ׳איז אין אַ גוטער לוינע.

ווייל ווער איז עס מחויב צו אַרבעטן אומזיסט, לייענען אַ ווערק גאַנצענע וואָכן און קריגן באַצאָלט פון „עקספּלואַטאַטאָר״ בלויז פאַר צוויי שעה!

.2

די לאַגע פון יידישן שרייבער

באמת געוועדט קריגט דאָך דער יידישער לייענער, אַפילו ווען ער באַצאָלט פאַר אַ בוך דעם פולן פּרייז, דעם יידישן בוך אומזיסט. וואָס איך מיין? איך מיין אָט־וואָס: צו פאַרפאַסן אַ בוך, אַ וויכטיק ווערק, נעמט ניט נאָר חדשים, נאָר טאַקע יאָרן, אַמאָל צענדליקע יאָרן. פאַר אָט־יענער צייט באַצאָלט דער פאַרפאַסער. דערנאָך קומען צו די הוצאות פון אַרויסגעבן דעם בוך, זאַץ, קאָרעקטור־אַרבעט, דרוק, איינבונד; פּלוס די צייט פון התעסקות מיטן אַרויסגעבן, אַזוי אַרום אַז דער יידישער מחבר איז ניט בלויז אַ פאַרפאַסער, ער איז, ס׳רוב, אויך אַ פאַרלעגער. און אַרויסגעבעריי איז אַן אַרבעט וואָס קאָסט צייט און מי. דערנאָך קומט צו די גאָר ניט לייכטע אַרבעט פון פאַרשפּרייטן דעם בוך. ביי היינטיקן טאָג דאָ אין לאַנד קענען מיר זאָגן, אַז מיר פאַרמאָגן ניט קיין „קויפער־מאַרק״ בנוגע יידישע ביכער, מיר האָבן אַ „פאַרקויפער מאַרק״. דאָס מיינט אַז אויב מ׳וויל אַ בוך זאָל זיך צעגיין, זאָל זיך פאַרשפּרייטן דאַרף דער מחבר אַליין ווערן דער פאַרקויפער, פּשוט, אַרומפאָרן פאַרקויפן זיין ווערק. דאָס, די אַרבעט פון פאַרקויפן, קאָסט צייט און מי. אַזוי אַז ווען דער יידישער לייענער קויפט דעם יידישן בוך פון מחבר און באַצאָלט אים „שיין״, „ניט געדונגען זיך״ דעם פולן נאָמינאַלן פּרייז, דעקט אָט־די איינגאַמע קוים מיט צרות די הוצאות פון אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן דעם בוך. דער יידישער מחבר אַלס אַזעלכער גייט אַוועק זיין בוך אומזיסט, ווייל אַלס פאַרפאַסער קריגט ער ניט באַצאָלט. ער

קריגט בלויז צוריק זיין קרן, וואָס ער האָט אויסגעלייגט, און אַמאָל אויך מינימאַל באַצאָלט פאַר דער טרחה פון אַרויסגעבן און אַמאָל, זייער זעלטן, אויך פאַר דער טרחה פון פאַרשפּרייטן דעם בוך. אַלס מחבר קריגט ער גאָרניט, ער קריגט ניט קיין שום מאַטעריעלע קאָמפּענסאַציע, קיין שום האָנאָראַריום פאַר זיין מי פון פאַרפאַסן זיין ווערק.

„מה אני בחנם אף אתה בחנם״, דער אויבערשטער האָט עס געזאָגט צו משהן: „ווי איך גיב אָוועק מיין תורה אומזיסט, אַזוי זאָלסטו אָוועקגעבן זי אומזיסט״... דעם אויבערשטן איז געווען לייכט עס צו זאָגן, ווייל ניט ער עסט, ניט ער טרינקט, ניט ער שלאָפט, ניט ער דאַרף צאָלן דירה־געלט, ניט ער דאַרף זיך אָנטאָן; מיט איין וואָרט ער איז ניט קיין „עקאָנאָמישער סוביעקט״... אָבער די משהס קומט עס אָן ניט לייכט... יעדנפאַלס אַ סך שווערער ווי דעם רבונו של עולם...

איך שרייב אָט־די שורות מיט דער כוונה צו לאָזן טאַקע וויסן דעם יידישן לייענער, בוך־קויפער, אַז זיינע פאַרפאַסער אַרבעטן אומזיסט, ד״ה זיי אַרבעטן און צאָלן צו פאַר זייער אַרבעט.

און מיר פערזענלעך געפעלט אַזאַ לאַגע. ווייל אַ בוך, פאַר וועלכן דער מחבר אַליין באַצאָלט ניט דער ערשטער דעם גרויסן פּרייז, איז אייגנטלעך ניט קיין שאַפונג. אַ בוך וואָס ווערט אַ סחורה, אַ שטיקל וואַרע, האָב איך צו אים קיין שום צוטרוי ניט. ווי נאָר די גייסטיקע פּראָדוקטן ווערן סחורה, ווערן קאַפּיטאַליסטישע מהותן, נעמט מען זיי פאַלסיפיצירן, מ׳נעמט מיט זיי טאָן וואָס מ׳טוט מיט סחורות איבעראַל. מ׳באַמיט זיך צו פאַרקויפן וואָס מער און קריגן וואָס מער. מ׳חנפט זיך אונטער צו דעם שלעכטן געשמאַק, מ׳באַמבקעט צו צו די ווילדע אינסטינקטן, אַבי כאַפּן דעם קונה, אַריינשלעפּן צו זיך אין קרעמל אַריין דעם קונה, מיט פּראָסטע ווערטער, מ׳שונדעוועט.

און דאָ רירן מיר אָן איינע פון די אייטערדיקע מכות פון אונדזער, איך מיין לאו־דווקא יידישער, גייסטיקער פּראָדוקציע. די זאַך איז אַזוי, ווען פאַרפאַסעריי ווערט אַ מסחר איז עס ערגער ווי געוויינטלעכער מסחר, ווי פּשוטער האַנדל. ווייל אין קאָמערץ האַנדלט מען מיט אויסערלעכע זאַכן, מיט פּראָסטע פּראָדוקטן, בשעת דאָ, אין ליטעראַטור, האַנדלט מען מיט אידייען, וועלכע, ערשטנס, איז לייכטער צו פאַלסיפיצירן; צווייטנס, דאָ פאַרקויפט מען שטיקער נשמה. אַזוי אַרום ווען ליטעראַטור ווערט געשעפט איז עס, אייגנטלעך, די ערגסטע פאָרמע פון פּראָסטיטוציע.

און דאָ ליגט דער שליסל צום פאַרשטיין די דעמאָראַליזאַציע פון

דער אייראָפּיאישער שריפטשטעלעריי און פון אונדזער שריפטשטעלעריי אויף וויפל זי לויפט נאָך דעם ניט־יידישן מאַרק און כאַפּט דאָרטן קונדן...

ניטשע אין זיין „אַנטי־קריסט" לאַכט אָפּ פון דער קריסטלעכער קרייציקונג וועלכע דינט מכלומרשט אַלס באַווייז פון דער ריכטיקייט פון דער קריסטלעכער אידייע. ער זאָגט בערך אַזוי: נו, איז וואָס, אַז ישו איז געקרייציקט געוואָרן, איז וואָס באַווייזט עס, אַז ער איז גערעכט? אַ האָר ניט, אַז זיי כאַפּן אַ פערד־גנב, לינטשן אים דען ניט די פויערים??!

דער אמת איז, אַז אידעאַליזם באַווייזט זיך אַליין, מער גאָרניט. דער פאַקט, וואָס אַ בוך ווערט אָוועקגעגעבן אומזיסט, באַווייזט נאָך ניט די חשיבות פון בוך, עס באַווייזט אָבער אַז דער מחבר איז ערנסט וועגן זיין ווערק. דער מחבר אידעאַליסט קען מאַכן אַ טעות, אידעאַליזם פאַר־היט ניט פון טעותים, ער מוז אָבער זיין ערנסט, ער מוז גלויבן אין זיין אַרבעט, אין דער חשיבות פון זיין אַרבעט. צו אַזאַ מחבר קען מען האָבן צוטרוי.

„יידישע שריפטן", באַנד איינס, ז"ז 301—304.

דיסקוסיעס

איינלייטונג

די ליבשאַפט צום תלמוד

א.

דער ים התלמוד

אַט יענעם ברען און יענע מאָס פון מסירת־נפש, וואָס אַנדערע פעלקער האָבן אַרויסגעוויזן צו אימפּעריע־אויפבויאונג, האָט דער ייד אַריינגעטאָן אין אויפהאַלטן און פלעגן זיינע אָריגינעלע שאַפונגען אויף דעם געביט פון רעליגיע און הייליקער ליטעראַטור.

דעם חומש האָט דער ייד, זיכער, ניט פאַרלאָזן. דער חומש, דער תנ״ך איז, אמת, זיינס. ער האָט עס אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אָבער עס איז פאָרט ניט אויסשליסלעך זיינס ווייל אויך דער ניט־ייד, דער קריסט, אַנערקענט עס, האַלט עס פאַר הייליק. אַט־די אַנערקענונג פון דעם ספר־הספרים מצד פון ניט־יידן שאַקירט צו אַ געוויסער מאָס דעם יידן.

דער „עם־הספר״, דאָס פאָלק פון בוך ווייל האָבן אַ ספר וואָס גע־הערט בלויז צו אים אַליין, און קיינער אויסער אים האָט אין אים, אין זיין אַנערקענונג און פאַרהערלעכונג, קיין חלק ניט. דער ייד וויל האָבן אַ ווערק וואָס נאָר ער אַליין לערנט עס, האַלט עס טייער, שפּיגלט זיך אין אים, — און קיין אַנדערער וויל עס ניט האָבן.

דער ייד וויל האָבן אַזאַ ספר, וואָס זיינע, דעם יידנס, שונאים זאָלן אים האַסן, ווי זיי האַסן דעם יידן. ער וויל האָבן אַ ווערק, וואָס טיילט זיין שיקזאַל. דווקא אַט־אַזאַ ווערק האָט דער ייד באַדאַרפט צו האָבן. און אַז ער האָט עס געקראָגן האָט דער ייד אין דעם טייערן, ליבן,

הייליקן ווערק אַריינגעטאָן זיין אייגענע נשמה, אַריינגעגאָסן אין אים זיין שווער געמיט, און געוואָרן מיט אים אַן אומצעשיידטע פּאָר.

און ווי די בוימער נעמט אַרום די קאָרע,
אַזוי דעם יידן קלאַמערט איין די גמרא.

דעם תלמוד האָט מען פאַרברענט אין פּאַריז אין יאָר 1244. דער רוימישער פּויפּסט מאַרטין דער פינפטער האָט פאַרבאָטן צו שטודירן דעם תלמוד און באַפעלן צו פאַרניכטן אַלע עקזעמפּלאַרן, וואָס מע קען געפינען.

אין 1250 אום ראש השנה האָט מען קאָנפיסקירט אַלע גמרות און פאַרברענט זיי עפנטלעך אין רוים, לויט דעם באַפעל פון דער אינקווי־זיציע. דאָס אייגענע איז געטאָן געוואָרן אין קרעמאָנע איטאַליען אין יאָר 1559.

די פּויפּסטער גרעגאָרי דער דרייצנטער (1572—85) און קלעמענט דער אַכטער (1592—1605) האָבן באַנייט דעם פאַרבאָט אויף לערנען גמרא.

אין פּוילן האָט דער בישאָף דעמבאָווסקי אין יאָר 1757 באַפעלן צו פאַרברענען דעם תלמוד.

אָט־דאָס פאַהאַסט בוך, די גמרא, וואָס אַזויפיל בלבולים זיינען אויף אים געמאַכט געוואָרן, אַזויפיל פאַרפאָלגונגען האָבן זיך געשאָטן אויף זיין קאָפּ געבויגן ביז צו דר'ערד, — אָט־דער ספר איז דעם יידנס ליבלינג, ווייל אין אים איז פאַרזיגלט דעם יידנס מערכה. ער איז דער גייסט און די נשמה פון יידן. דאָ, צווישן די טאָוולען, האָט זיך גע־צאַפּלט און געפלאַטערט דעם יידנס נשמה. אַן דעם ספר האָט דער ייד זיך געקלאַמערט מיט אַלע כוחות, און אַן אים האָט ער זיך אָנגעהאַלטן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין עקשנות.

דער תנ"ך איז דאָס הייליקסטע ווערק, אמת; אָבער די יידן אין אים זיינען אויסטערלישע, פון איין זייט שטייען די נביאים, די שטראָפער, פון דער צווייטער זייט — געצנדינער, קריגער, קעניגן. זיי זיינען עפּעס אַזוי ווייט פון דער יידישער סביבה אין פּוילן. און דער לשון פון די נביאים, די גרויסע מוסר־זאָגערס איז אַזוי בילדער־רייך און געפליגלט אַז דעם יידן איז עס שווער צו באַנעמען.

אַ פּוילישער ייד האָט קיין סך ניט געלערנט דעם ספר־הספרים. איבערהויפּט נאָך, וואָס די משכילים האָבן זיך אַזוי צוגעכאַפּט צו אים...

דאָס צופיל אָפּגעבן זיך מיט אָט־דעם הייליקן ווערק איז געווען אַ סימן פון אַן אָפּנויג, אַן אָפּווייך פון דרך הישר...

זיין גאַנצע אומגעטיילטע ליבשאַפט האָט דער פוילישער ייד אָוועק־געגעבן דער גמרא. דאָ האָט ער זיך געפילט ווי אין זיין אייגענעם עלעמענט. מען קען פרעגן און ענטפערן, זיך מתווכח־זיין, זיך שפּאַרן, זיך אַמפּערן. די גמרא באַהאַנדלט ענייניס, וואָס זיינען אים געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן, ווען זיין אויפפיר סיי אין בית־המדרש, סיי אין הויז און סיי אין געשעפט.

און וואו איז עס פאַרפאַסט געוואָרן? אין וואַגלעניש, אין בבל, אין די ישיבות. דאָ האָט זיך דער ייד געפילט ווי אין דער היים, צווישן אייגענע יידן, וואָס זיינען מדקדק כחוט השערה, וואָס שטעלן אויף צוימען אַרום צוימען, מאַכן סייגים און גדרים — ס'איז אַ מחייה!

אין אָט־דעם גרויסן און ריין־יידישלעכן ספר האָט ער זיך גע־קענט אויסלעבן אַן אַ שטער און אַן אַ בשותפות מיט דעם שכן, דעם ערל. די גמרא איז געווען „כלו שלי", אינגאַנצן דעם יידנס, אַ יידישער מאכל מיטן אמתן יידישן טעם, געקאָכט אין אַ כשרן יידישן טאָפּ, פאַר־רוקט אין אַ יידישן אויוון. עס איז געווען מעדני מלכים... די סוגיות — אַ דערקוויקונג. זיי האָבן צעשפּילט דעם שכל, געשאַרפט און געשטאַרקט דעם קאָפּ, ניט די פאַנטאַזיע. מיט אָט־דעם געריכט האָט דער ייד זיך געקוויקט אַ גאַנצע וואָך און שבת־קודש און יום־טוב אָוודאי און אָוודאי. דאָס איז געווען זיין טעגלעך ברויט און אויך זיינע שבתדיקע „בשר ודגים וכל מטעמים", פלייש און פיש און אַלע פּאַטראַוועס.

און ווען די וועלט אַרום אים האָט געזידט און געקאָכט מיט שנאה צו אים און צו אַלדאָס וואָס איז געווען זיינס, האָט דער ייד געהאַט אַ פעסטונג, אַ מקום־מקלט, אַ פּלאַץ וואוהין צו אַנטרינען און זיך אויס־באַהאַלטן. צווישן אָט־די דיקע, אינטעלעקטועל פאַרטיפיצירטע פיר ווענט, האָט ער זיך געפילט זיכער מיטן לעבן. ווייל דער־דאָזיקער אַנטרינונגס־פּלאַץ איז ניט געווען אויף דער יבשה, נאָר, בפירוש, ים, אַ ים־התלמוד, טיף און ברייט אָן אַ גרונט און אָן אַ ברעג. דער ים האָט געברויזט און זיך געכוואַליעט. אָבער ער איז געווען אַ יידישער מילדער ים. די שטורעמס און אוראַגאַנען וואָס האָבן געבושעוועט און די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געהויבן ביז צום הימל אַרויף, זיינען געווען פריינטלעכע, ליבלעכע. זיי האָבן דעם יידן מיט זיין גאַנצן פּעקל צרות און דאגות געטראָגן אַזוי נאָכגיביק, מיט אַזאַ פריינטשאַפט און ליב־שאַפט, אויף זייערע שוימענדיקע רוקנס. טאַקע אַ ים — אַ צעשטורעמ־

טער, אַ רוישנדיקער, אָבער דער ייד האָט אים כסדר געשפּאָלטן, און איז אים דורכגעגאַנגען בשלום, בשעת זיינע שונאים, די פּרעהס פון אַלע צייטן מיט זייערע רייטוועגענער האָבן אים ניט געקענט אָניאָגן.

די שונאי־ישראל זיינען געווען שטאַרק און מעכטיק אויף זייערע יבשות אָבער דער ים התלמוד איז געבליבן דורכאויס אין יידנס רשות, און זיינע שיפן אָנגעלאָדענע מיט סברות און פּלפּולים, שכל־געווירצן פון כל המינים האָבן געזעגלט פריי און פראַנק.

ב.

די מלחמה פון תורה

ביי דעם גמרא יידן, דעם למדן, דעם חריף איז אַלץ קשה, האַרב. אים אַרט אַלץ, וואָס מיינט באמת האַרט, קשה. עס אַרט (האַרט) אַ קשיא.

מחמת כדי אַ זאַך „זאָל זיך שיקן", דאַרף זיך עס שיקן, דאָס מיינט עס דאַרף גיין אַ גאַנג, פליסן, האַלטן אין איין באַוועגן זיך. צום אָנ־פאַנג זיינען אַלע זאַכן געווען פליסיק, וואַסער; „און דער גייסט פון אלקים האָט געשוועבט איבערן געזיכט פון די וואַסערן" (בראשית א', ב'). וויבאַלד אַזוי דאַרף אַלץ פליסן ווי אַ וואַסער, גיין ווי אַ מזמור, רירן זיך, באַוועגן זיך, זיין דינאַמיש, אויפטועריש. קיין זאַך טאָר ניט איינשטיין אויף אַן אָרט, זיין פאַרגליווערט. עס טאָר ניט פאַר־שטאַנען ווערן. ווי נאָר אַ זאַך ווערט סאָליד, איינגעשטעלט, האַרט, ווערט עס קשה, נעמט עס אַרן דעם יידן, רופען אים: סטייטש! אַ שטיק חומר איז אַ נידעריקע זאַך. עס דאַרף זיין ענערגיע, ניט קיין מאַטעריע. דעם שטאָף דאַרף מען אָפּפרעגן, מחמת ער איז האַרב, קשה, און עס פרעגט זיך גלייך אַ קשיא. עס דאַרף ניט זיין קיין סטאַטישקייט. עס דאַרף זיין אַקציע, אויפטו. אשר ברא אלקים לעשות... אַלץ האָט דער רבונו של עולם באַשאַפן צו טאָן עפּעס מיט דעם און עס צו ענדערן.

וויבאַלד דינאַמישקייט, רירעוודיקייט איז דער „רוח־החיה", די זעל, וואָס באַלעבט דעם גאַנצן באַשטאַנד, דאַרף מען שטרעבן צום העכסטן פונקט פון דינאַמישקייט, פון אויפּיוירונג, פון אויפבּרויזונג.

און וואו און וואָס איז דער העכסטער פונקט? דער שפּיץ איז

דער געפּעכט, דאָס אַמפּערן זיך, דאָס „שטעכן זיך מיט די הערנער" פון סברות און הנחות. וואו? אין וואָס? „אין דעם קריג פון דער תורה".

„אַ קריגסמאַן, אַן איש מלחמה, דאָס איז דער יעניקער, וואָס פירט אָן די מלחמות פון דער תורה" (חגיגה, י"ד, ע"ב). ווייל פראָסטער געשלעג וואָלט דאָך צעשטערן זאַכן פיזיש, און אַזאַ סאָרט שלאָגן זיך, וואָס זייט און שפּרייט אַרום זיך פאַרנישטונג און חורבן, איז אַן עסק פאַר עשון מיט די „ידים ידי עשו".

די צעשטערונג וואָס איז אַזוי באַליבט ביי יידן איז פון אַ לאָגישן, אינטעלעקטועלן כאַראַקטער, עס איז אַ שכל־זאַך און עס ווערט געטאָן מיטן „הקול קול יעקב". עס מיינט ניט מער, אָבער אויך ניט ווייניקער, ווי אַן אָפּפרעג. מחמת געשמאַק געלערנט מיינט אָפּפרעגן אַ באַהויפּטונג פיר־און־צוואַנציק מאָל (בבא מציעא, פ"ד, ע"א).

אין סנהדרין האָט מען ניט אַריינגענומען קיינעם, וואָס האָט ניט געקאָנט מטהר־זיין אַ שרץ מיט באַווייזן פון דער תורה אַרויס, אַזוי שאַרפזיניק און אָפּפרעגעריש־אָפּשלאָגעריש, אַזוי געשיקט אין דיספּוטירן, אין דיאַלעקטיק האָט ער באַדאַרפט זיין (סנהדרין י"ז, ע"א).

סומכוס, אַ תלמיד פון רבי מאיר, האָט געבראַכט אַכט־און־פערציק באַווייזן אום צו באַגרינדן יעדן געזעץ וועגן טומאה וטהרה, ריינקייט און אומריינקייט. און אין יבנה איז געווען אַ תלמיד ותיק, וואָס האָט מטהר געווען אַ שרץ מיט הונדערט־און־פופציק ראיות, ק"נ טעמים (עירובין י"ג, ע"ב). צו אַזאַ שטופּע פון שאַרפזין האָבן די חכמי־התלמוד דערגרייכט.

וויבאַלד עס שטייט בפירוש אין דער תורה אַז עס איז טמא, און אויב דעם דין התורה קען מען ניט און מ'טאָר אָפּשלאָגן להלכה למעשה, איז כאָטש אָפּוואַרפן אים, אָט־דעם געזעץ, אין ספּעקולאַציע, אין פּילפּול. ווייל אַלץ וואָס איז געזעץ, דאָס הייסט, „געזעצט" דאַרף אומגעזעצט, אומגעוואָרפן ווערן, אַזוי אַז עס זאָל זיין טואונג און באַוועגונג, טויש און אומוואַנדלונג.

און וואָס מיינט איר, ווער האָט, סוף כל סוף, אויסגעפירט? דער ייד.

ער האָט אַזוי לאַנג געטענהט אַז עס איז קשה ביז ער האָט דורכגעבראָכן די טויבע וואַנט פון פיזיק און באַוויזן, אַז עס איז טאַקע מער ניט „קשה", אַז קיינע סאָלידע קעגנשטאַנדן זיינען ניט פאַראַן. די אַזוי גערופענע שטאָפן, סאָלידע קעגנשטאַנדן זיינען איינגעדרעמלטע, פאַר־

שלאָפּענע ענערגיעס און קרעפטן וועלכע מ׳קען פאַנאַנדערטשוכן, אויפ־וועקן.

דער ייד, אין דער פּערזאָן פון איינשטיינען, מיט זיין שאַרף־שפּיציק קאָפּ האָט דורכגעלעכערט די וואַנט פון דער פיזישערווירקלעכקייט. מיט וועלכן דינאַמיט האָט ער עס דורכגעריסן? מיט זיינע קשיות, מיט דעם וואָס אים האָט כסדר עפּעס געאַרט, געווען קשה, געווען צופיל פאַרהאַרטעוועט.

אַ ייד אַז קיינער פרעגט אים ניט און ער האָט אויך ניט ביי וועמען צו פרעגן אַ קשיא צי אַ שאלה, אַ „שאלת חכם״, פרעגט ער זיך אַליין. ער שלאָגט זיך אָפּ, אָדער ער שלאָגט זיך מיטן געדאַנק, מיט דער דעה. אַבי געשלאָגן זיך אינטעלעקטועל. אַ געפעכט, אַ „קריג פון אַלעמען קעגן אַלעמען״ אין דער וועלט פון ריינעם געדאַנק. עס איז די פּלוגתא פון סברות, השערות און מסקנות.

וויפיל זיינען ניט אויפגעשטאַנען אויפן תלמוד, געוואָלט אים באַזייטיקן! די אויסגעשפּראָכנסטע און פאַרביטערסטע שונאים פון תלמוד זיינען געווען די קאַראַאימער. זיי האָבן בשום־אופן ניט געוואָלט אָנערקענען אָט־דעם אויסערגעוויינטלעך חריפותדיקן ווערק פון יידישן זשעני. אַפילו דער רמב״ם, אָט־דער גאָר־גרויסער פּוסק, דער הלכה־מענטש, דער קאָדיפיצירער, האָט זיך אויך פאָרגעשטעלט, אַז די דיספּוטאַציעס און די מחלוקתן, מיט וועלכע דער תלמוד איז אָנגעפּיקעוועט, האָבן געהאַט זייער ווערט בלויז איידער מ׳איז געקומען צום באַשלוס און פעסטגעשטעלט דעם געזעץ, דעם פּסק הלכה. אָבער ווי נאָר אָט־דער צוועק איז דערגרייכט געוואָרן האָבן יענע אַמפּערנישן און פּלוגתות, דאָס געפעכט פון באַווייזונגען און אָפּווענדונגען פאַרלאָרן יעדן באַדייט, זיינען איבעריק געוואָרן. זיי האָבן דערפירט צום ציל, און נאָך דעם ווי מ׳איז שוין געקומען צום באַגערטן פּלאַץ, איז אויף וואָס דאַרף מען האָבן דעם וועג־וויזער? איצטער קען מען אים משלח־זיין.

דער רמב״ם האָט פאַרקוקט אַ יידישע פּסיכאָלאָגישע בויגונג, אַ פונדאַמענטאַלן שטריך פון יידישן כאַראַקטער. די הלכה פּסוקה, דער אָפּגעפּסקנטער דין איז סטאַטיש, איינמאָל פאַר אַלע מאָל פעסטגעשטעלט, ניט צו פאַרברעכן קעגן אים. בעת דאָס דעבאַטירן, וויכוחן, זיך „דינגען״ לאָגיש דיאַלעקטיש איז דינאַמיש, לעבעדיק און דערפאַר אַזוי עכט ייִדיש...

דער תלמוד בבלי איז געווען אַ שאַרפשטייך צו שאַרפן דעם קאָפּ, און דער תלמודיש געפעכט האָט אַנטוויקלט די „מוסקולן״ פון יידישן

פֿאַרשטאַנד, האָט געהאָלפֿן „שטעלן” דעם חלף פֿון אַנאַליז, טרעניִרט און אויסגעמושטירט די תּפֿיסה. גמרא לערנען האָט געמאַכט פֿון יידן דעם שטענדיקן פֿרעגער און אָפּפֿרעגער, דעם אייביקן „תּנא ופּליג” אַנשטאָט דעם „תּנא דמסייעא”, וואָס איז אויף אַלץ מסכּים, מיט אַלץ איינשטימיק.

אָט־די טראַציקייט פֿון אָפּפֿרעגעניש, אָט־די עזות וואָס צייגט זיך אַרויס אין געפֿינען חסרונות, זיך פֿאַרהאַלטן קריטיש אַפֿילו צו דאָס עלעמענטאַרסטע וואָרצלדיקע וואָס געפֿינט זיך אַפֿילו אויסערהאַלב פֿון רשות פֿון מענטשן און זיין מעגלעכקייט עס צו ענדערן אויף אַ גרונטאָוו־נעם שטייגער — איז אַ שטיק יידישע פּסיכאָלאָגיע. אָדער לאָמיר עס רופֿן „יידישע חוצפּה” אין שענסטן און בעסטן מיין פֿון וואָרט. דער יידישער מוט און דרייסט גייט ביז צו העלדישקייט. דאָס איז געקומען צו אים אַ דאַנק דעם שטודיום פֿון תּלמודישער דיאַלעקטיק.

דער ייד שטייט ניט, ווי אַ „קנעכט פֿאַר זיין האַר”, פֿאַר דעם סטאַטוס קוואָ, ווען ער איז אַפֿילו דער איינשטעל פֿון זיין אייגענעם מלכות, וואָס איז אין אים, פֿאַרלייבט אין זיין אייגענעם קערפּער. אַפֿילו זיך אַליין וואָלט ער וועלן איבערבויען.

רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט:

„ווען איך וואָלט געהאַט געשטאַנען אויפֿן באַרג סיני ווען די תּורה איז געגעבן געוואָרן, וואָלט איך בעטן דעם אויבערשטן ער זאָל געבן דעם מענטשקינד צוויי מיילער, איין מויל פֿאַר לערנען תּורה און אַ צווייט מויל פֿאַר אַלע אַנדערע באַדערפֿעניש” (ירושלמי, ברכות ז'.).

בלויז פֿאַרלוימדער און בייזוויליקע מענטשן האָבן געקענט באַ־שולדיקן דעם תּלמוד אין קאָנסערוואַטיווקייט און אָפּגעשטאַנענקייט.

דער תּלמוד איז דער דרייסטסטער אויסדרוק פֿון יידישער גאונות...

רופן און אָפּרופן

(אַן ענטפער צביונען)

אין 1936 איז אַרויס אַ בראָשור אונטערן היפש לאַנגלעכן נאָמען „פּרינציפּן און צוועקן־דערקלערונג פון דער יידיש־עטישער געזעל־שאַפט". די בראָשור האָב איך פאַרפּאַסט. זי איז, וואָס איר נאָמען זאָגט בפירוש, די פּראָגראַם פון דער „יידיש־עטישער געזעלשאַפט".

צביון ברענגט אין „פאָרווערטס" (יאַנואַר 21, 1936) ציטאַטן פון אָט־דער בראָשור מיט אַ גאַנץ ברייטער האַנט, און צום סוף מאַכט ער אָט־די פּאָר אים כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג:

„איך צווייפל אויב אַ ברודער אַרבעטאַרער, וואָס האָט דעם מזל צו האָבן אַ דזשאָב און האָט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין שאָפּ, וועט האָבן גענוג כוח דורכצולייענען אַזאַ עברי און עס נאָך פאַרדייען דערצו".

ערשטנס, וואו ווערט אָנגעדייט אַז די „פּרינציפּן" זיינען געשריבן געוואָרן ספּעציעל פאַר אַרבעטער. די דאָזיקע בראָשור „פּרינציפּן פון דער . . . יידיש־עטישער געזעלשאַפט" פּרעטענדירט ניט צו זיין קיין „אַר־בעטער־פּראָגראַם", נייערט אַ פּראָגראַם פאַר אַ יידיש־ראַדיקאַלן און עטישן מענטשן. די „פּרינציפּן" שטייען ניט אויף קיין קלאַסן־שטאַנד־פּונקט. די בראָשור אַנטהאַלט צען קורצע אָפּשניטן, וועלכע גיבן אי־בער בקיצור, אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם, די אָנשויאונגען און צוועקן פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט. צו דער „געזעלשאַפט" קענען געהערן אַרבעטער ווי אויך ניט קיין אַרבעטער. און ווען אָן דער געזעלשאַפט שליסט זיך אָן אַן אַרבעטער, טוט ער עס אַלס מענטש, אַלס ייד, ניט אַלס אַרבעטער. און בכלל בנוגע „עברי" איז דאָך דער ענין פשוט,

ניט אַלע ניט־אַרבעטער זיינען גרויסע בריות אויף „עברי״ און ניט אַלע אַרבעטער מוזן זיין שטומפּיק אויף „עברי״.

דאָס איז איינס אַוועק.

צווייטנס, איז דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״ פון מאַרקסן און ענגעלסן, וואָס איז שוין דווקא יאָ פאַרפאַסט געוואָרן לשם יחוד פון פּראָלעטאַריאַט און זיין אידעאָלאָגיע, לייכטער אָנגעשריבן? קען אַן אַרבעטער קומען פון דער אַרבעט, אַ פאַרמאַטערטער, אַן אויסגעהאָרעוועטער, שטיין וואָס דאָרטן שטייט? מיר דוכט אַז אַפילו ווען דער אַרבעטער איז אַ שטיין וואָס דאָרטן שטייט? מיר דוכט אַז ווען דער אַרבעטער איז אַ גוט אויסגערוטער קען ער אויך ניט פאַרשטיין אָט־יענע „דיאַלעקטישע עברי״.

אָבער עס איז אַן אַלטע מעשה: מע זעט ביי יענעם אין אויג אַ שטויבעלע, בשעת ביי זיך אין אויג דערזעט מען ניט אַפילו אַ באַלקן.

עס איז לייכט צו שרייבן לייכט וועגן לייכטע ענינים, נאָך לייכטער איז צו שרייבן גלאַט וועגן גלאַט גאָרניט... איך קען שווערן ביי מיין באָרד און פאות, אָפּגעגאָלטע און אָפּגעשאָרענע, אַז זאָגן חכמות, וויצן, גלייכווערטלעך, אַריינקיבעצן אין אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך איז פיל לייכטער ווי אויסצודריקן אַ פילאָזאָפישן געדאַנק, דערקלערן אַ לערע.

די שרייבער, וואָס באַרימען זיך מיט דעם אַז זיי קענען שרייבן פּאָפּולער, געהערן ס׳רוב צו דער קאַטעגאָריע שרייבער וואָס שרייבן טאַקע לייכט, אָבער זאָגן כמעט קיינמאָל גאָרניט. זיי זיינען „אַנגענעמע שמועסער״, אָדער פּשוטע פּלוידער־זעק.

שרייבן וועגן אַ גאָר ערנסטן ענין מיט אַ לייכטער „מאַסאָווער״ שפּראַך קען קיינער ניט. דאָס איז אַן אוממעגלעכקייט. אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור איז ניטאָ קיין איין פאַל פון אַ פילאָזאָף וואָס האָט אָנגעשריבן זיינע ווערק אין אַזאַ לייכטער שפּראַך אַז יעדער אומגעבילדעטער מענטש האָט אים געקאָנט לייענען און פאַרשטיין.

אמת, עס זיינען געווען און עס זיינען דאָ באַרימטע פּאָפּולאַריזאַטאָרן, וועלכע שטעלן זיך די אויפגאַבע צו מאַכן שווערע ענינים לייכט און פאַרשטענדלעך פאַר דעם ברייטן עולם. אָבער, ערשטנס, איז דער ענין פּאָפּולאַריזאַציע זייער פאַך, זייער ספּעציאַליטעט; צווייטנס, זיי נעמען שטענדיק געדאַנקען און לערן וועלכע זיינען שוין אויסגעדריקט געוואָרן פון די אָריגינעלע דענקער און זיי פאַרוואַסערן זיי, וואולגאַריזירן זיי. ס׳רוב זיינען אָט־די פּשטנים אָדער פרשנדתאס מקריב אויפן מזבח פון לייכקייט פון לשון די פּינקטלעכקייט און טיפקייט פון אינהאַלט.

זיי קימערט עס ניט, ווייל ווען איינער וויל באמת וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך ווענדט ער זיך צו די ווערק פון די מחברים, די שעפער, און ער שטעלט זיך ניט צופרידן מיט די וואָלוועלע איבערקייַעניש אָדער איבערקרימעניש פון אַט־די חוזרס, די איבערזאָגער.

מיט צוויי יאָר שפּעטער שרייבט צביון:

„דאָס בוך ‚יידישע עטיק' פון אבא גאָרדין... איך פרעג אייגנטלעך אָפּ דעם גאַנצן ענין פון ‚יידישע עטיק'. איז דאָך די יידישע עטיק אויך די קריסטלעכע עטיק". („פאָרווערטס", 1938).

נו, איז מה רעש?! זאָל טאַקע זיין אַז די קריסטלעכע עטיק איז די אייגענע וואָס די יידישע עטיק! ווי אַזוי קומט מען פון אַט־דער באַהויפּטונג פון אידענטיטעט צו דער אָפּפרעגונג פון דעם גאַנצן ענין יידישע עטיק? אדרבא, אַט־די באַהויפּטונג באַווייזט דאָך, פּונקט פאַרקערט, אַז יידישע עטיק איז אַזוי וויכטיק, אַז זי האָט געקענט באַצווינגען מיט איר גייסטיקער גבורה אַפילו די קריסטלעכע וועלט, ריכטיקער, אַ גרויסן טייל פון דער געצנדינערישער וועלט. אַפילו אַט־די פרעמדע און פיינטלעכע עלעמענטן האָבן זי געמוזט אָנערקענען, אַזאַ כוח ליגט אין דער יידישער עטיק.

וואָלט אַ בר־דעת געקענט זאָגן אַזאַ שטיקל „חכמה": איך פרעג אייגנטלעך אָפּ דעם גאַנצן ענין „ענגלישע שפּראַך", ווייל ענגליש הערט מען ריידן איבער דער גאַנצער וועלט, כמעט, אויך אין כינע און יאַפּאַן און אַפילו אין סאָוויעט־רוסלאַנד; אָדער איך פרעג אָפּ דעם גאַנצן ענין „אַמעריקאַנער וואַליוטע", ווייל דעם אַמעריקאַנער דאָלער נעמט מען אומעטום.

דער פאַקט וואָס יידישע עטיק איז טעאָרעטיש אָנגענומען געוואָרן אויך פון ניט־יידן, פון די וואָס רופן זיך קריסטן, זאָגט עדות וועגן דער שטאַרקייט פון דער יידיש־עטישער דיסציפּלין, בשום אופן ניט וועגן איר שוואַכקייט, איר „אָפּגעפרעגטקייט".

ווען צביון זאָגט, אַז ער האַלט ניט פון דעם ענין „קריסטלעכע עטיק", ווייל די קריסטלעכע עטיק, פון אַלף ביז תיו, איז אַנטליען פון יידן און זי איז, אייגנטלעך „יידישע עטיק", וואָלטן זיינע רייד האָבן אַ גרונט.

מינטא אין זיין ווערק „אינדוקטיווע און דעדוקטיווע לאָגיק" זאָגט, אַז דער אונטערשייד פון אַ מחבר וואָס איז באַהאַוונט אין הלכות לאָגיק און איינעם וואָס איז ניט באַהאַוונט באַשטייט אין דעם: דער געשולטער לאָגיקער וועט זיך ווידערשפּרעכן אין אַ דיקן באַנד, דער ניט־

געשולטער וועט זיך ווידערשפּרעכן אין אַ בראָשור פון צען זייטלעך.

מינטאָן איז אָבער ניט איינגעפאַלן אַז מיר, די אויסדערוויילטע, וועלן האָבן שרייבער, וואָס וועלן באַווייזן אַז זיי קענען דעם קונץ פון ווידערשפּרעכן זיך אין אַ נאָטיץ פון עטלעכע שורות.

אָט וואָס צביון שרייבט:

„און אין דער אמת טיילט דאָך אויך אבא גאָרדין ניט איין די עטיק אויף אַ יידישע און אַ קריסטלעכע, באמת איז זי ביי אים גאָר אַן אַנאַרכיסטישע". (דאָרט).

טשיקאַווע, בנאמנות! אבא גאָרדין טיילט ניט עטיק אויף יידישע און קריסטלעכע. טיילט ער זי אויף אַנאַרכיסטישע און ניט־אַנאַרכיסטישע?! פון וואַנעט האָט צביון גענומען אַז גאָרדינס „עטיק" איז אַן „אַנאַרכיסטישע"? וואו האָט צביון געזען אַזאַ מין „באַשעפעניש" ווי אַ ספּעציעל אַנאַרכיסטישע עטיק, אין וויסנשאַפטלעכן פּשט פון וואָרט? איך ווייס ניט פון אַזאַ עטיק.

פּיאָטער קראָפּאָטקין האָט אויף דער עלטער אָנגעשריבן אַ ווערק וועגן עטיק. אָבער זיין „עטיק" איז ניט „ספּעציעל־אַנאַרכיסטיש", און גאָרדינס אַוודאי און אַוודאי ניט.

די עם־הארצים „קריטיקער" פאַרגיב איך אַלץ וואָס זיי האָבן „געשריבן און געריבן" וועגן מיינע ווערק, אָבער צביון איז אַ ייד אַ למדן, און פון דעם, ווען אַ סך איז געגעבן, דאַרף מען אַ סך פאָדערן. און צביון, ווען ער וויל נאָר און לייענט, „איז ניט חולה" צו וויסן וואָס עס שטייט אין בוך. איז דאָך די פראַגע פאַרוואָס זאָל אַ באמת געבילדעטער מענטש ווי צביון זיך דערלויבן צו שרייבן אַזאַ באַנאַליטעט, נאָכזאָגן דעם פּזמון פון די איגנאָראַמוסעס רעצענזענטן? וואו האָט ער געזען „אַנאַרכיזם", „אַנאַרכיסטישע עטיק" אין מיין ווערק „יידישע עטיק"?

דער ספר איז, קודם כל, אַ ווערק וועגן רעליגיעזער פילאָזאָפיע. ער האָט צו טאָן ניט מיט עפּיסטעמאָלאָגיע, מיט דערקענטעניש־טעאָריע, נאָר מיט אַ גלויבעניש־טעאָריע. דער טערמין „עטיק" ווערט געברויכט אין נאָמען פון בוך „יידישע עטיק" אין דעם גאָר ברייטן טייטש פון וואָרט, אין אייגענעם באַטייט, כמעט, אין וועלכן ספּינאָזא האָט אים געברויכט אין זיין קלאַסיש ווערק „עטיק".

דער הויפּט־טעזיס פון אָט־דעם ווערק „יידישע עטיק", ווי אויך פון דער טרילאָגיע, איז דער פאָלגנדיקער:

דער זעלבסט־באַוואוסטזיין איז ארויפגעבויט אויף אַ זעלבסט־באַ־

גלויבט זיין, און יעדע מענטשלעכע דערקענטעניש באַזירט זיך אויף אַ גלויבעניש, וועלכע איז דער יסוד פון אַלדאָס־וויסעניש, דערוויסעניש. איך באַהויפּט, אַז אָט־די גלויבעניש־טעאָריע איז דער פונדאַמענט אויף וועלכן אַלע רעליגיעס אומבאַוואוסטזיניקערהייט זיינען אויפגעריכט. אין דער יידישער אמונה, אין דער יהוה־לערע, איז אָט־דער פונדאַמענט שוין כמעט ווי אַנטבלויזט. ער טויכט שוין כמעט ווי אַרויף צו דער אויבערפלאַך פון באַוואוסטזיין. דער יידישער גלויבן, אין זיין הויפּט־טעזיס פון אַנטי־פּאַגאַניזם, פון לא תעשה לך פסל, קומט צו אַמ־נאָנטסטן צו אַ זעלבסט־גלויבן.

מיין ווערק „יידישע עטיק" איז ניט קיין סאָציאָלאָגישער טראַק־טאַט און אַוודאי ניט קיין בוך וועגן פּאָליטישער וויסנשאַפט. אַנאַרכיזם איז אַ פּאָליטישע לערע, וועלכע געפינט זיך אין דעם טייל פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט רעפאָרמען, מיט פּלענער פאַר דעם ראַדיקאַלן איבערבוי פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

וועגן אַנאַרכיזם האָב איך געשריבן אַ היפש ביסל. אין רוסיש אין 1922 אין מאָסקווע איז אַרויס מיין ווערק „אינטעראינדיווידואַליזם", אַ טייל פון אָט־דעם ווערק איז אַרויס אין יידיש אונטערן נאָמען „סאָ־ציאַלע אָבערגלויבעריי" (1941) און „די יסודות פון דער געזעלשאַפט" (1942). איך האָב אויך פאַרעפנטלעכט אַ סעריע עסייען וועגן סאָ־ציאַלע פּראָבלעמען אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע". אין מיינע סאָציאַל־פּאָליטישע אויפפאַסונגען בין איך גאַנץ ווייט פון קראָפּאָטקי־נען, אָבער ניט ווייניקער ווייטלעך פון שטירנערן, ווי עס איז צו זען פון מיין ווערק „די סאָציאַלע פראַגע" (1940).

מיין בליק אויף פּסיכאָלאָגיע (ווי עס ווערט אַנטוויקלט אין מיינע ווערק, „יידישע עטיק", „יידישקייט", די פּרוי און די ביבל", „יידישער וועלט־באַנעם") באַשטייט אין דעם, וואָס איך באַהויפּט, אַז דעם אַנט־וויקלטן יחיד דאַרף מען אויפפאַסן ווי אַ רבים, ווייל ער פאַרמאָגט פילע 'איכן'. אָט־די 'איכן' דאַרף מען אָרגאַניזירן. דער מענטש, די פּערזענ־לעכקייט דאַרף זיין אינערלעך אָרגאַניזירט אויפן יסוד פון אינטער־אינדיווידואַליזם.

פרעגט זיך פאַרוואָס האָבן זיך די „קריטיקער" (מישטיינס געזאָגט) צעזונגען מכוח דעם, אַז גאָרדינס ספר איז אַן אַנאַרכיסטיש ווערק?

איז דער תירוץ פשוט:

זיי האָבן מיינע ווערק ניט שטודירט. צייט איז אַ צו טייערער

אַרטיקל אַז זיי, די גרויסע „קריטיקער", זאָלן עס פּטרן אויף שטודירן שווערע ביכער. זיי געבערויכן זייער צייט אויף וויכטיקערע צוועקן... די ווערק האָבן זיי ניט נאָר ניט שטודירט, אַפילו ניט געלייענט. זיי דאַרפן דאָך אָבער זאָגן מבינות און שפּילן די ראָליע פון די מומחים? האָבן זיי אַ בלעטער געטאָן דאָס בוך „יידישע עטיק" און זיך אָנגע־שטויסן אָן וואָרט „עגאָ", און אַ קיימאַ־לן האָבן זיי אַז „עגאָ" איז אַ שטירנערישע מאַנאָפּאָליע (ווייל שטירנערס בוך איז איבערזעצט סיי אין ענגליש און סיי אין יידיש) און וויבאַלד אַזוי איז דאָך דער ענין קלאָר: עס איז שטירנעריזם, וועלכן גאָרדין וויל דווקא אַריינפירן אין דער הייליקער תורה און זי, רחמנא ליצלן, פאַרשוועכן; עס איז „אַנאַרכיסטישע עטיק" און די זאַך איז ליקווידירט, ווייל די שטעלונג צום אַנאַרכיזם איז דאָך שוין געגומען פון־פאַרדעם אויף דעם פּאָליטישן געביט.

דער קאָמיזם געווינט נאָך פון דעם, וואָס איך בין ניט קיין שטיר־נעריאַנער אַפילו אין מיינע סאָציאַל־פּאָליטישע ווערק, אַפּשיטא שוין אין מיינע חיבורים וועגן יידישקייט, וועגן רעליגיעזער פילאָזאָפיע.

ווי שוין אויבן געזאָגט יענע „קריטיקער" פאַרגיב איך זייער פּלוי־דעריי און גראָב־יונגערישע מבינות־זאָגעריי, ווייל ווען זיי וואָלטן אַפילו געלייענט מיינע ווערק, וואָלטן זיי סיי־ווי־סיי ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָרטן שטייט. זייער קאָפּ איז ניט דערביי און ניט דערפאַר. אָבער אויף צביונען פאַרדריסט עס, ווייל ער קען און מעג, ווען ער וויל נאָר, משיג זיין וואָס עס שטייט יאָ און וואָס עס שטייט ניט אין אַ ווערק ווי „יידישע עטיק". ער דאַרף ניט נאָכזאָגן דיווילדע עמי־הארצים.

נאָך אַ פּאָר יאָר שפּעטער. צביון ברענגט דאָס מאָל ציטאָטן פון מיין בוך „מאָראַל אין יידישן לעבן". ער פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ:

„איך שטויס מיך אָן וואָס דער מחבר וויל דאָ זאָגן, האָב איך דאָך אַ רחמנות אויף דעם אָרימען יידישן לעזער" („פאָרווערטס", פעברואר 8, 1941).

עס איז ניטאָ וואָס רחמנות צו האָבן אויף דעם „אָרימען יידישן לעזער". מע האָט אים שוין לאַנג פאַרטריבן, און ער האָט אויפגעהערט אי צו „לעזען" און אי צו לייענען.

און וואָס איז דער חידוש? מע האָט אים געקאָרמעט מיט צען מאָל איבערגעקייטער שפּייז, דורכאויס מיט קאָמפּיליאַציעס. מען האָט זיך נאָכאַנאַנד געמיט צו מאַכן פאַר דעם לייענער וואָס לייכטער. האָט ער זיך מיישב געווען אַז דאָס לייכסטע איז גאָרניט צו לייענען. דאָס איז

איין סאָרט לייענער. דער צווייטער סאָרט לייענער האָט אויסגעפונען אַז וועגן די „יידישע" פובליציסטן קען מען זאָגן, אַז זיי „קייען וואָס זייערע גויאישע קאָלעגן שפייען"... און זיי האָבן אויפגעהערט צו לייענען די קייער און איבערקייער...

„אויב איך מאַך ניט קיין טעות, פעלט אין אבא גאָרדינס טראַדיציאָנעלער יידישער רעליגיע ניט בלויז דער טראַדיציאָנעלער יידישער גאָט, נאָר עס פעלט אין איר אינגאַנצן אַ גאָט" (דאָרט).

בנוגע טראַדיציע בכלל איז די זאַך אַזוי: עס זיינען פאַראַן גוטע טראַדיציעס און שלעכטע טראַדיציעס. צווישן די טראַדיציעס קלייבט דער באַוואוסטזיניקער מענטש אויס די יעניקע טראַדיציעס, וועלכע זיינען צו זיין געשמאַק, אַפּעלירן צו זיין פאַרשטאַנד. אַ ראָד, אַ נאָדל וכדומה זיינען אויך אַ טראַדיציע. אונדזערע אופנים פון דענקען זיינען אויך טראַדיציאָנעלע. מיר דענקען דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ שפּראַך, און די שפּראַך לייגט אַרויף איר חותם אויף אונדזער לאָגיק. אַזוי אַרום ווערט אַפילו אונדזער עצם דענקען אַן ענין פון אַ „פאַרהייליקטער" טראַדיציע. אַרויסגייענדיק פון אָט־דעם שטאַנדפּונקט זיינען מיינע באַגריפן, אויסטייטשונגען און אויפקלערונגען מכוח רעליגיע, זיכער, טראַדיציאָנעל, אין בעסטן פשט פון וואָרט טראַדיציע.

איצטער פרעגט זיך וואָס מיינט צביון, ווען ער זאָגט אַז אין גאָרדינס רעליגיע פעלט „דער טראַדיציאָנעלער יידישער גאָט"? ווער פעלט אין מיינע אויטאָ־רעליגיעזע אויפפאַסונגען, דער אלהים, דער יהוה פון דעם תנ"ך, דער "מקום", דער קדוש־ברוך־הוא, דער „מי שאמר והיה העולם", ווער פעלט? עס פעלט „גאָט", דער געלייטערטער פּרינציפּ פון אייניקייט, פון אנוכי יהוה, פון זעלבסטהייט? ניין, דאָס פעלט דאָך ניט, אָבער עס פעלט „גאָט", ד. ה. דער וואָרט „גאָט" פעלט. מישטיינס געזאָגט, ווי אַלט איז אָט־דער וואָרט אין דער יידישער טראַדיציע! דער דאָזיקער וואָרט איז געקומען פון דייטש. קיינער, וואָס איז געטריי דער ייִדיש־רעליגיעזער טראַדיציע, איז ניט מחויב זיך צו קלאַמערן אָן דעם ניט־יידישן וואָרט און ממילא אויך ניט־יידישן באַגריף, וועלבער ניט ווילנדיק קלעפּט צום פרעמדן וואָרט.*) איינס אַוועק.

צווייטנס, וואָס באַדייט „דער טראַדיציאָנעלער יידישער גאָט"? דער גאָט ווי אונדזערע באָבעס האָבן זיך אים פאַרגעשטעלט? ווער זאָגט עס אַז בנוגע רעליגיעז־פילאָזאָפישע אויפפאַסונגען זיינען די אַנשויאונגען

---

*) אבא גאָרדין, יידישער וועלט־באַנעם, אנשטאָט אַ הקדמה ז. 6.

און באַגריפן פון אונדזערע באַבעס און עלטער־באָבעס מער טאַנאַנ־געבנדיק ווי זייערע באַנעמונגען, לאָמיר זאָגן, בנוגע אַסטראָנאָמיע, פיזיק, פּסיכאָלאָגיע אָדער וועלכער עס איז אַנדערער וויסנשאַפטלעכער דיסציפּלין.

אָבער אויב צביון מיינט אַז ביי אבא גאָרדינען פעלט „דער טראַדיציאָנעלער יידישער גאָט״, ווי ער ווערט אויפגעפאַסט פון די בעסטע יידישע דענקער, פון די נביאים ביז דעם מחבר פון זוהר, איז ער ניט גערעכט, ווייל אָט־די פילאָזאָפיש־טראַדיציאָנעלע אויפפאַסונגען פון רעליגיע זיינען יאָ פאַרטראָטן אין מיינע ווערק.

מ׳דאַרף באַגרייפן אַז אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור זיינען פאַרטראָטן הן דער דענקער, הן דער דיכטער און הן דער פאָלקס־מענטש. דער רעליגיעזער דענקער זאָגט וועגן יהוה „לא יראני אדם וחי״, „אַ מענטש קען מיך ניט זען און לעבן״, און דער דיכטער זאָגט: „און איך האָב געזען דעם יהוה ווי ער זיצט אויף אַ הויכן און דערהויבענעם שטול״. דערצו קומען נאָך צו ריין פאָלקסטימלעכע שאַפונגען. די שאַפונגען פון פאָלק קענען ניט זיין אַזוי ראַפינירט, אַזוי איידל און דין, ווי די שאַפונגען און קאָנצעפּציעס מכוח אלהות פון די רעליגיעזע דענקער, פונקט ווי אַ פאָלקסלידל קען זיך ניט פאַרגלייכן אין סטיליזאַציע, טעכניק און איידלקייט פון געפיל, אָנגעהויכטקייט פון שטימונג, מיט די געדיכט־שאַפונגען פון אַ באַגאַבטן פּאָעט. מוחות־צעטומלעניש באַקומט זיך פון דעם וואָס סיי די פאָלקס־שאַפונגען, סיי די שאַפונגען פון יחידים דענקער און סיי די אימאַזשן און פאַנאַראַמעס, די בילדער און סצענעס געשאַפן פון אינספּירירטע רעליגיעזע דיכטער ווערן צענויפגעוואָרפן אין איין הויפן, ווערן צענויפגעמישט אין איין געפּעס. איינער, דער פילאָזאָף, באַהויפּט, אַז דער רבונו של עולם איז „דק מכל דק ונעלם מכל נעלם״ און דער צווייטער, דער דיכטער, זאָגט: מלך יושב על כסא רם ונשא. מע דאַרף אָבער וויסן וואו אײַן און וואו אויס, מע דאַרף זיך קענען פאַנאַנדערקלייבן אין די רעליגיעזע ווערטן, מע דאַרף וויסן וועלכע עלעמענטן זיינען פילאָזאָפישע און וועלכע פּאָעטישע.

סיי רעליגיע, סיי וויסנשאַפט, סיי קונסט זיינען ניט קיין דעמאָקראַטישע דיסציפּלינען.

דער רמב״ם, ווען ער האָט פאַרטראַכט זיין „מורה נבוכים״, יוסף אלבו, ווען ער האָט פאַרפאַסט זיין „ספר העיקרים״ און סעדיה גאון ווען ער האָט געשריבן זיין „אמונות ודעות״, און ר׳ יהודה הלוי ווען ער האָט געשאַפן דעם „כוזרי״, איז ניט אַרויס אין גאַס און האָט באַגעגנט

די ערשטע אַלטע באַביצע, אַ שרה בת־טובים, און זי געפֿרעגט וואָס זי טראַכט און ווי זי פּאַסט אויף דעם באַגריף פֿון אלהות. זיי האָבן עס ניט געטאָן. איך, נאַטירלעך, האָב עס אויך ניט געטאָן. קיין דענקער וועט עס קיינמאָל ניט טאָן. צביון וועט עס אויך ניט טאָן בנוגע קיין שום פֿילאָזאָפֿישער, וויסנשאַפֿטלעכער אָדער טעכנישער אויפֿגאַבע.

פֿרעגט זיך, פֿאַרוואָס זיינען די באַביצעס געוואָרן די קלאַסיקער, די אנערקענטע אויטאָריטעטן דווקא בנוגע רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען? פֿאַרוואָס זאָל רעליגיע זיין אַנדערש ווי וועלכע עס איז אַנדערע מענטשלעכע דיסציפּלין? אין מעדיצין רעכנט מען זיך ניט שטאַרק מיט די „באָבסקע רפֿואות", די וויסנשאַפֿט רעכנט זיך אויך גאַנץ ווינציק מיט די אויבערפֿלעכלעכע נאַאיווע אָנשויאונגען און אויסטייטשונגען פֿון „עמך" בנוגע פֿיזיקאַלישע אָדער כעמישע דערשיינונגען. פֿאַרוואָס דאַרף רעליגיע טאָן דאָס, וואָס קיין, סיי עמאָציאָנעלע און סיי אינטעלעקטועלע, דיסציפּלין טוט ניט?

דער ענטפֿער איז פּשוט, אַזוי ווילן די נאַאיווע אַבערגלויבערישע „אַפּיקורסים". ווייל מיט אַט־די אַלטפֿרענקישע געצנדינערישע רעליגיעזע באַגריפֿן איז זייער לייכט זיך צו ספּראַווען, און „מע קען אָן אַ אינטעלעקטועלן געפֿעכט ווערן אַ גאָר גרויסער העכט", אַ „פֿריידענקער", וואָס איז פֿריי פֿון דענקען און טראַכטן.

יידישע שריפֿטן באַנד צוויי זז. 88—81.

די דינאַמיק פון אמונה

(אַן ענטפער ש. ניגערן)

ש. ניגער שרייבט אין „טאָג" פון 18 פעברואַר, 1941:

„עס איז געווען אַ פונדאַמענט — אמונה. וואָס איז אַבאַ גאָרדינס פונדאַמענט? וואו איז זיין אמונה? אין אַלע זיינע ביכער האָב איך געפונען אמונה אין מענטשן, ניט אין גאָט. איז אפשר דער גלויבן אין מענטשן, וואָס שאַפט גאָט אין זיין געשטאַלט, מענטשלעכער, ווי דער גלויבן אין גאָט, וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין פורעם און לויט זיין געשטאַלט. אָבער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטשן, איז איין גאָט און די, וואָס גלייבן אין אים, קאָנען זיין פאַראייניקט, בעת דער מענטש שאַפט ניט קיין גאָט, נאָר געטער; און געטער האָבן די טבע צו צעטיילן מענטשן, אַנשטאָט זיי צו פאַראייניקן. וואו־זשע איז ביי אבא גאָרדינען דער יסוד, אויף וועלכן מען זאָל זיך קאָנען פאַר־אייניקן?" („ווען איך בין ראָטשילד").

דער עצם ענין צי מענטש איז באַשאַפן געוואָרן „בצלם אלהים" אָדער אַלץ ווערט באַשאַפן „בצלם איך" איז פון מיר באַהאַנדלט געוואָרן היפש ברייטלעך אין מיין ווערק „יידישקייט" (ז"ז 193—220) ווי אויך אין „יידישן וועלט באַנעם" (ז"ז 115—117).

פון ניגערס רייד וואָלט דער לייענער געדאַרפט מיינען, אַז איך האַלט, אַז דער מענטש שאַפט זיך זיין גאָט, ווייל אויף דער דאָזיקער באַהויפטונג בויט דאָך ש. ניגער זיין פראַגע. איז טאַקע אינטערעסאַנט צו זען וואָס האָב איך געזאָגט אין מיינע ווערק בנוגע אָט דער פראַגע.

„און אַזוי ווי דער ציבור־עגאָ איז עלטער, איז פאַרדעם, און פון אים שיילט זיך אַרויס דער עגאָ פון יחיד, דעריבער איז ריכטיק די באַהויפטונג פון דער ביבל אַז דער אלהים האָט באַשאַפן דעם מענטשן,

ד״ה דער ציבור־עגאָ שאַפט דעם יחיד־עגאָ, און ניט פאַרקערט" („יידיש־קייט", ז. 48).

דוכט זיך קלאָר.

נאָך אַ קורצע ציטאַטע:

„מיר טאָרן קיינמאָל ניט, אויף איין סעקונדע ניט, פאַרגעסן דעם פונדאַמענטאַלן אמת, אַז מיר, אַלס קליין־איכן, זיינען בלויז שטראַלן פון דער זון, פון דעם אין־סוף איך, פון דעם באַשטאַנד־איך, און בלויז אַלס זיינע כאוואניקעס, אַלס זיינע קינדער, בנים אתם ליהוה אלהיכם, קענען מיר זיך באַהויפּטן" („יידישער וועלט־באַנעם", ז. 116).

און אויב יאָ אַזוי, איז וואָס פרעגט ש. ניגער, וואָס איז מיין יסוד? דעם ענטפער אויף דער פראַגע האָט ש. ניגער, ווי יעדער אויפמערקזאַמער לייענער, געקענט לייכט געפינען אין דער טרילאָגיע, וועלכע איך האָב אַ נאָמען געגעבן „די קריטיק פון ריינעם גלויבן". איך בוי אויף דעם אייגענעם יסוד אויף וועלכן אַלע רעליגיעזע דענקער האָבן געבויט, ד״ה, אויף אמונה, אויף דעם גלויבן. איך קען ניט באַגרייפן ווי אַזוי מ׳קען מיך פרעגן, ווי ש. ניגער טוט עס, „וואו איז מיין אמונה?" וואו עס געפינט זיך אמונה בכלל, דאָרטן געפינט זיך מיין אמונה. זי ליגט, זיכער, ניט אויף דער פּאָליצע, אָדער פאַררוקט ערגעץ אין דער האַרובע. זי געפינט זיך אין דעם וואָס אויף פאָלקס־לשון רופט מען „האַרץ" און מער פּינקטלעך באַצייכנט מען עס אַלס זעלבסט־באַוואוסטזיין. לויט מיין שיטה איז דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין אויפגעבויט אויף אַ זעלבסט־באַגלויבטזיין, און יעדער מענטש אַלס אַזעלכער איז קודם־כל אַ גלויביקער, און בלויז אויף זיין גלויבן באַזירט זיך זיין וויסן. אַ מענטש מוז זיין פריער זעלבסט־באַגלויבטזיניק און ערשט נאָכדעם קען ער ווערן זעלבסט־באַוואוסטזיניק, און אין יעדער אַקציע פון זעלבסט־באַוואוסטזיין באַהויפּט זיך דייטלעך דער זעלבסט־באַגלויבטזיין.

ש. ניגער מאַכט אַ באַהויפּטונג, אַז ווען גאָט שאַפט דעם מענטשן, דעמאָלט ווערט אַחדות געשאַפן און ווען דער מענטש שאַפט זיין גאָט, דעמאָלט שאַפט ער געטער און מיט זיי קומט מחלוקת אויף דער וועלט. אָט דער טעזיס איז ניט געטריי צו די היסטאָרישע פאַקטן, יעדנפאַלס איז ער צו ראָז־אָפּטימיסטיש.

צווישן די מאָנאָטעאיסטן, וואָס האָבן געגלייבט אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, זיינען פאַרגעקומען געניג קריגערייען. צו וואָס גיין ווייט? דער ווילנער גאון און ר׳ שניאור זלמן, דער „רב", האָבן ביידע געגלייבט, אָן ספק, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, און אָט דער

גלויבן האָט זיי ניט געשטערט אָנצופירן אַזאַ מאוימדיקע מחלוקת. דער גאון האָט מחרים געווען די חסידים. אויך אין תלמוד געפינט איר רעגיסטרירטע חרם־פאַלן, הגם סיי די אַריינלייגער און סיי די אַרייג־געלייגטע אין חרם האָבן געגלייבט באמונה שלמה אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן. און די רבנישע יידן מיט די קאַראַאימער האָבן זיך ניט געקריגט? פאַרוואָס האָט זיי אָט יענער כישוף־מאַכער פּרינציפּ ניט פאַרהיט פון שפּאַלטונגען? און וואָס איז מכוח דעם קריסטנטום, ער אָנערקענט דאָך די לערע פון בצלם אלהים און וויפיל סכיזמען, ריסן האָט די קאַטוילישע קירך דורכגעמאַכט?

פון וואַנען האָט ש. ניגער גענומען דעם געדאַנק, אַז דער מאָנאָ־טעאיסטישער „בצלם אלהים" שטאַנדפּונקט שאַפט אָפּ צוויסטיקייטן, שטרייטיקייטן צווישן מענטשן? ווען גאָט וואָלט געהאַט געשאַפן איין מענטשן, וועלכער וואָלט געבליבן איינער אין איינציק ווי דער יידישער כל־יכול, דעמאָלט וואָלט קיין מחלוקת ניט געווען, סיידן דער איינציקער מענטש וואָלט זיך געקריגט מיט זיך אַליין, וואָלט זיך געשלאָגן מיטן אייגענעם געדאַנק און אייגענער דעה. אָבער אַזוי ווי מענטשן זיינען דאָ אין מערצאָל און דערצו זיינען זיי נאָך פאַרשיידן, — קריגן זיי זיך. און ווען די מענטשן שאַפן זיך פאַרשיידענע געטער איז ווייטער דאָס אייגענע: ניט די געטער, די מענטשן קריגן זיך, און זיי איז ניט גענוג וואָס זיי רייסן זיך אַרום צווישן זיך, זיי שמועסן זיך איין, אַז זייערע געטער טוען דאָס אייגענע, פירן אָן קריגערייען, רייסערייען.

די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס קענען ניט אָוועקשטעלן אויף זייער קרעדיט דעם אָפּשוואַך פון דעם קאַמף־אינסטינקט ביי מענטשן. אַדרבא, זיי האָבן פאַרשאַרפט און פאַרשפּיצט דעם פאַנאַטיזם פון די גלייביקע, געשטייגערט זייער אומטאָלעראַנץ. ווייל כל־זמן עס זיינען געווען פאַר־שיידענע געטער האָט מען זיך געקענט דערלויבן צו זאָגן: זאָל זיך יעדער אויפפירן לויט די באַפעלן פון זיין גאָט (ילך לו כל איש בשם אלהיו). אָבער ווען עס איז דאָ בלויז איין גאָט, וועלכן אַלע אָן אויסנאַם מוזן געהאָרכן, וויל יעדער גלייביקער אַרויפצווינגען אויף יעדן אַנדערן דווקא זיין גאָט־באַנעם, דווקא זיין הדרכה, זיין שטאַנדפּונקט, זיין קולט. און דעמאָלט ערשט צעפלאַקערן זיך די בלוטיקסטע מלחמות, פעלקער און לענדער ווערן דערטרונקען אין בלוט. אַלס בעסטע באַווייזן פאַר דעם קענען דינען דער ראַכענעמענדיקער אָרעם פון דער קירך, די אינקוויזיציע, און די בליציקע אומברחמנותדיקע שווערד פון איסלאַם.

ש. ניגער ברענגט אַ ציטאַטע פון מיין בוך „מאָראַל", אין וועלכן

איך זאָג, אַז דער יידישער ראַדיקאַל האָט באַדאַרפט העלפן פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל, וואָס די תורה האָט זיך געשטעלט, נעמלעך: דאָס פאַרמירן אַ „גוי קדוש", אַ פאָלק וואָס ריכט אויף זיין געמיינזאַמע־לעבן אויף דעם יסוד פון אַ רעליגיעז־עטישער לאָיאַליטעט, אַ רעליגיעז־עטישער סאַנקציע (ז. 178) און דאָ פרעגט ער:

„אָבער ווי קאָן דער יידישער ראַדיקאַל און זיין געפלאַנטער „יידן פאַרבאַנד" ווערן אַ שותף צו דער תורה? ווי קען ער איר העלפן פאַרמירן אַ „גוי קדוש"? ער האָט נישט דעם כוח, וואָס זי האָט. זי ווייסט וואָס עס הייסט זיין אַ גוי קדוש: זי דאַרף ניט אויסגעפינען ערשט, וואָס מיינט עס זיין רעליגיעז און וואָס מיינט עס זיין עטיש. זי איז געבויט אויף אַ גאַנץ באַשטימטן רעליגיעזן גלויבן (בראשית ברא אלהים אאז"וו); זי האָט אַ גאַנץ באַשטימטע עטיק. אָבער דער ייד, וועגן וועלכן (און צו וועלכן) אבא גאָרדין רעדט, — וואָס איז דער רעליגיעז־עטישער באַזיס, אויף וועלכן ער זאָל בויען דעם בנין פון אונדזער לעבן? אין נאָמען פון וואָס פאַר אַ גייסטיקן אויטאָריטעט זאָל ער קומען ריידן צו אונדז? און וואָס וועט זיין נאָכדעם ווי מיר אַלע וועלן זיך שוין פאַרשרייבן אין דעם אַלוועלטלעכן רעליגיעז־עטישן פאַרבאַנד? איז אבא גאָרדין זיכער, אַז מיר וועלן זיך דאַן ערשט ניט אַוועקזעצן דיסקוטירן דעם מהות פון רעליגיעזער עטיק? איז ער זיכער, אַז אַנשטאָט אַן אַלוועלטעכן פאַרבאַנד, וועלן מיר ניט האָבן קיין אַלוועלטלעכע... דיסקוסיע?"

ווער איז די דאָזיגע „זי" וועגן וועלכער ש. ניגער רעדט? דאָס איז די תורה. „זי ווייסט", זי האָט דעם כוח. וואו האָט זי גענומען דעם כוח? ווער האָט איר געגעבן כוח? און מערווירדיק, אויב זי האָט אַזאַ כוח און זי איז אַזאַ גרויסע ווייסערין, איז וואָס איז פאָרט מיט איר דער מער? פאַרוואָס האָבן די פאַרצייטיקע יידן געדינט גאַנץ געשמאַק געצן טויזנט יאָר נאָך דער לעגענדאַרער דאַטע פון מתן־תורה? און אויב ש. ניגערן דוכט זיך אויס, אַז זי, די תורה, איז באַשטימט, נעמט זיך די אילוזיע ביי אים בלויז פון דעם, וואָס זי האָט זיך באַוויזן צו אים ניט אין איר ארץ־ישראלדיקער סביבה, בשעת און נאָך איר באַשאַף, נאָר 2—3 טויזנט יאָר שפּעטער, ערגעץ אין סלאָבאָדקע, טעלז אָדער וואָלאָזשין, אָדער גאָר אין ווילנער גאונס קלויז, אין ירושלים דליטא.

ווען ש. ניגער וואָלט געווען גערעכט, אַז די תורה איז באַשטימט און „בראשית ברא אלהים" איז אַ קלאָרער זאַך, וואָלט דאָך טאַקע געווען שטאַרק הארב, פאַרוואָס האָט מען זיך אַזויפיל געאַמפּערט און געקריגט

טאַקע אַט וועגן דעם פשוטן זאַץ? און ווער האָט זיך געקריגט? די אַקאַדעמיעס פון הלל און שמאי. פון „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ״ זעט אין פלוג אויס אַז דער הימל איז באַשאַפן געוואָרן פאַרדעם, און, ווי אויף צו להכעיס, ווערט אין די ווייטערדיקע פסוקים דערציילט, אַז די ערד איז באַשאַפן געוואָרן פאַרדעם. „ביום עשות אלהים ארץ ושמים״... און דאָס וואָרט „בראשית״, וואָס לאָזט עס אונדז הערן? אַז עס איז שוין געווען אַן אָנפאַנג, ד״ה, אַז צייט איז שוין געווען „באַשאַפן״. און דער מדרש שרעקט זיך ניט און זאָגט: „עס שטייט ניט ,עס זאָל זיין אָוונט׳, נאָר ,עס איז געווען אָוונט׳, פון דאַנען איז געדרונגען, אַז די צייט־אָרדענונג איז געווען נאָך פונפאַרדעם״. לכן, דער זאַץ איז ניט אַזוי שטאַרק באַשטימט, ווי עס וואָלט זיך אויס־געדוכט דעם אויבערפלעכלעכן לייענער. און די עטיק אין דער תורה איז שוין גאָרניט באַשטימט. און וועגן תלמוד איז דאָך שוין גאָר אָפּגערעדט, דאָרטן איז שוין קיין באַשטימטקייט ניטאָ במציאות. וועגן אַלץ אַמפּערט מען זיך. און די אַמפּערניש, די אומבאַשטימטקייט, זעט אויס צו זיין אַ גרויסער חיסרון. אַזוי האָט טאַקע געטראַכט דער רמב״ם און ער זאָגט עס מיטן פולן מויל אין דער הקדמה צו זיין משנה תורה. אַלס קאָדיפי־צירער איז ער געווען פאַראינטערעסירט אין דער הלכה פסוקה, אין דעם טרוקענעם, צוגעשניטענעם דין און פסק. דער רמב״ם האָט געמיינט, אַז נאָכדעם ווי ער וועט האָבן פאַרטיק זיין קאָדעקס, אין וועלכן אַלע דינים און געזעצן וועלן געבראַכט ווערן אין אַ סיסטעמאַטיזירטער אָרדענונג, וועלן די יידן פאַרוואַרפן דעם שטודיום פון תלמוד, אַ ווערק וואָס איז פול מיט דיספּוטאַציעס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן „אַלוועלטלעכע דיסקוסיע״... אַ כלא עלמא פליגא... וואָס האָבן אָבער די יידן געטאָן? זיי האָבן פלייסיק שטודירט דעם תלמוד, געשוואומען אין אָט דעם ים דווקא דערפאַר, וואָס ער פאַרמאָגט ניט קיינע באַשטימטע גרענעצן און האָט ניט קיין גרונט. מיט דער „אומבאַשטימטקייט״ האָבן זיי זיך מחייה געווען.

די תורה איז ווייט פון צו זיין באַשטימט און אויסגעהאַלטן אַלס אַן עטישע לערע. די חומשים זיינען פול מיט ווידערשפּרוכן. און די פאַר־צייטיקע יידישע חכמים האָבן זיך געפּלייסט מיט כל הכוחות אַריינצוּ־ברענגען אָרדענונג און איינהייטלעכקייט אין אָט דעם עטיש־רעליגיעז־קולטורעלן תוהו ובוהו. זיי האָבן געמוזט צוגעבן, אַז אין דער תורה איז ניטאָ „קיין פאַרדעם און נאָכדעם״, אַז „די תורה האָט גערעדט פאַרן יצר הרע״. דאָרטן געפינט איר אי דעם „לא תרצח״ (דו זאָלסט ניט

מאָרדן), אי דעם „לא תחיה כל נשמה" (דו זאָלסט ניט לאָזן לעבעדיק איין זעל). יהוה איז אי אַן „אל קנא ונוקם" (אייפערזיכטיק און ראַכע־זיכטיק), אי אַ „רחום וחנון" (באַרעמהערציק און גנעדיק). אַפילו אין סאַמע קולט איז דאָ אַ געמיש, רעשטלעך, איבערבלייבענישן פון פאַר־דעמדיקע עבודה־זרות שטעקן אַרויס אויף יעדן שריט און טריט. יום־כיפור איז דער כוהן־גדול זיך מתעסק מיט צוויי ציגנבעק, אי מיט דעם „שעיר ליהוה" און אי מיט דעם „שעיר לעזאזל" (ויקרא טז), ד"ה, אויך דעם „עזאזל" צאָלט די ביבל איר שטייער, זי וויל זיך ניט אײַנרייסן צופיל. און/ווער איז דער עזאזל? דאָס איז דער קיניג פון די שדים, דאָס איז דער גרויסער ר' שמעלקע, סמאל (ברייתא דר' אליעזר).

ווען יידישקייט איז געוואָרן עפּעס שטרענג־באַשטימטס, איז שוין געווען „אַז אַך און וויי צו איר", זי איז פאַרגליווערט געוואָרן אין טויטע דאָגמעס, אין אַ שולחן־ערוך וואָס איז געווען טרוקן ווי אַ פאַר־דריי־יאָריקער לולב, און ווי מ'האָט זי גענומען בויגן, האָט זי זיך גלייך גענומען ברעכן, קרישלען און צעפאַלן.

די באַשטימטע „יידישקייט" איז געווען אַ דעגענעראַטיווע. ווען יידישקייט האָט געלעבט, געאָטעמט, ווען דורך איר האָבן פּולסירט בלוטן, צירקולירט זאַפטן — דעמאָלט איז זי שוין גאָרניט געווען באַשטימט, אָפּגעפרעסט, דעמאָלט האָבן עקזיסטירט די „דיסקוסיע־קלובן" פון יבנה, נהרדעא, פומפדיתא אאַ"נ, מיט וועלכע ש. ניגער שרעקט אונדז.

אויב יידישקייט האָט זיך ניט אינגאַנצן אויסגעבאָרן, אויף צו להכעיס די דאָגמעס און שולחן ערוך קאָנסערוואַטיזם, איז עס אַדאַנק דעם וואָס די תלמוד־שטודירער האָבן געהאַלטן ברייט־אָפן די טיר פאַר יעדער אויסזעצונג, אָפּפרעג, קשיא־שטעלונג, דעבאַטע, דיסקוסיע, שאלה ותשובה, פאַר דער אומבאַשטימטקייט פון פילפול און דרש. איבער־פּסקנען אַ דין איז אָנגעקומען שווערלעך, אָבער אַמפּערן זיך, ניט הלכה־למעשה, דיסקוטירן, קריגן זיך, האָט מען געמעגט וויפיל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. ווייטער, מענטשן זיינען ניט רעליגיעז־גלייביק דערפאַר. ווייל די תורה הייסט זיי זיין רעליגיעז־גלייביק, נאָר דערפאַר שרייבן זיי אַן אַ תורה, ווייל זיי זיינען רעליגיעז־גלייביק. ווען מענטש וואָלט ניט געווען קיין רעליגיעזער דענקער און פילער, ווען דער מין מענטש וואָלט ניט געווען קיין רעלי'גיעזע באַשעפעניש, וואָלטן קיינע תורות אויף דער וועלט ניט געווען. קודם כל איז די תורה אָנגעשריבן אין האַרצן פון מענטשן, דערנאָך נעמט מען ערשט דעם דיקטאַט און מ'שרייבט איבער אויף פאַרמעט, אָדער, נאָך פריער, אויף פאַפּירוס, אָדער, נאָך

פריער מ׳קריצט אים אַריין אין שטיין אָדער אויף טאַבעלן אָדער שערבלעך. איידער עס קען זיך באַווייזן אַ תורה שבכתב מוז פאַרדעם זיין אַ תורה שבלב. און דער הויפּטפּרינציפּ פון אַט דער תורה ענדערט זיך ניט, בייט זיך ניט. און יעדער רעליגיעזער דענקער שרייבט בלויז אַ פּירוש אויף אַט־יענער האַרץ־תורה. און עס איז ניט איבעריק־קלוג צו קומען און פרעגן אים: אין נאָמען פון וועלכן אויטאָריטעט רעדט ער.

אין דער יידישער תורה שטייט געשריבן, אַז די יידישע נביאים האָבן געזאָגט, אַז יהוה האָט זיי געזאָגט אַזוי און אַזוי. און וואָס שטייט אין אַנדערע תורות? אַז אַנדערע נביאים האָבן געזאָגט, אַז אַן אַנדער גאָט האָט זיי געזאָגט עפּעס אַנדערש. פאַרוואָס דאַרף מען דווקא אָננעמען דעם אויטאָריטעט פון יהוה און ניט פון בעל, מולך, עשתורת און הונדערט אַנדערע געטער און געטינס? זיי זיינען געווען ניט קיין קלענערע אויטאָריטעטן פון יהוהן, נאָר דווקא גרעסערע, ווייל זיי זיינען געווען עלטער.

מ׳דאַרף באַגרייפן, אַז די יידישע תורה איז אַ קאַמף־ווערק, איז אַ ראַדיקאַלע שאַפונג. זי באַקעמפט די אַלטע פאַרמעס פון רעליגיע. זי פאַרבראַקירט די אָפּגעלעבטע און שוין אַריבערגעוואַקסענע צושטאַנדן פון רעליגיעזן באַוואוסטזיין. זי פלייסט זיך מיט כל־הכוחות איינצופירן נייע באַגריפן, איינצובירגערן נייע צושטאַנדן.

„מאַך זיך ניט קיין געץ!" איז געווען אין יענער צייט, ווען דער אימפּעראַטיוו איז צוערשט פאָרמולירט געוואָרן, אַ געפערלעך־אַטעאיס־טישער אָנזאָג. ער האָט ניט געהאַט הינטער זיך קיין שום אויטאָריטעט, אויף וואָס זיך אָנצולענען אין זיין אָפּאָזיציע צו דער אָנגענומענער רעליגיע און אָנגענומענעם פאַרהייליקטן רעליגיעזן קולט פון אַלטערטום. ער האָט אָבער פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם בליאַסק אויף טאָג פון דעם קריטיש־רעליגיעזן באַוואוסטזיין, און דאָס האָט אים געגעבן כוח און גבורה, — דעם גרעסטן אויטאָריטעט.

דער אָפּזאָג פון מענטשלעכע קרבנות איז געווען אַן אויפּבראַך און אַ פאַרברעכן קעגן רעליגיע ווי מ׳האָט זי פאַרשטאַנען אין גרויען אַלטערטום. עקידת יצחק מעשה איז אַ פאַרציילונג פון אַן עפּיזאָד וואָס האָט בכוונה אונטערגעגראָבן די יסודות פון אָמאָליקער געוויסנהאַפטיקער פרומקייט. אָנשטאָט אַ מענטשלעכן קרבן פירט מען איין אַ בעל־חי אָפּער, אַן „ערזאַץ", אַזאַ פאַרשוועכונג פון הייליקטום!

ישעיהס און ירמיהס רייד, וועלכע האָבן די העזה צו מאַכן נאָך אַ שריט פאָראויס און באַקעמפן אַפילו אַנימאַלע קרבנות, האָבן אין זייער צייט געקלונגען ווי גאָטלעסטערנדיקע דיבורים, אַחוץ פון זייער

ראַדיקאַליזם, זייערע סאָציאַלע אַנשויאונגען, וועלכע האָבן, נאַטירלעך, ניט געשמעקט דעם רייכן זאַטן עולם.

רעליגיע האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן עוואָלוציע־וועג, זי איז כסדר אינדערוועגנס. אָבער יעדעס מאָל ווען די ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען, האָבן אייניקע מענטשן זיך געחידושט, צייטנווייז זיך „געבריקעוועט", און אַנדערע האָבן געמיינט, אַז זי גייט אונטער בשעת באמת איז זי גאָר געוואַקסן, זיך געשטאַרקט פסיכאָלאָגיש. זי האָט פאַרלאָרן פיזישע אחיזה, מאַטעריעלן באָדן. זי האָט אָבער זיך טיפער איינגעוואָרצלט אין האַרצן, זיך פעסטער פאַראַנקערט אין פאַרשטאַנד, און בלויז מחמת דעם האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פון געוויסע אויסערלעכע מאַניפעסטאַציעס. זי האָט זיך אין זיי מער ניט געניייטיקט. דער דורכשניטלעכער געצנדינער איז מאַגיש־רעליגיעזער פון דעם פרומסטן יידן. דער לעצטער איז אָבער עטיש־רעליגיעזער פון דעם פרומסטן געצנדינער. דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע אונדז, היינטצייטיקע רעליגיעזע מענטשן: מיר זיינען, זיכער, ווייניקער מאַגיש־רעליגיעז, פעטישיסטיש־רעליגיעז פון אונדזערע עלטערן, מיר זיינען, אָבער, מער עטיש־רעליגיעז, מער פסיכאָלאָגיש רעליגיעז פון זיי, און דעריבער טאַקע ווייזן מיר אַרויס אונדזער רעליגיעזיטעט, אונדזער פרומקייט אין ווייניקער ספּעציפישע מעשים, אין ווייניקער צערעמאָניאַלן און סימבאָלן.

ש. ניגער פאַרענדיקט זיין קריטיק־אַרטיקל מיט אָט די ווערטער:

„און 'ווען איך בין רוטשילד', — ווען מיר זאָלן פאַרמאָגן עפּעס ענלעכעס צו דעם גלויבן, וואָס פרומע יידן האָבן, וואָלט אונדז ניט שווער געווען אויסצופירן די אַלע פּלענער, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין די 'יידישע שריפטן', אָבער ווי קאָנען מיר גיין ווייטער פון חקירות און דיסקוסיעס אָן אַ רעליגיעזן און אָן אַן אַנדער אויטאָריטעט?

דאָס איז די פראַגע פון אַלע פראַגן."

איך קאָן ניט באַגרייפן פונוואַנען ש. ניגער נעמט, אַז אונדזערע טאַטעס זיינען געווען אינטעלעקטועל־עמאָציאָנעל רעליגיעזע ראָטשילדס און מיר, זייערע זין און אייניקלעך, זיינען, נעבעך, יורדים, גרויסע קבצנים. לויט מיין פאַרשטייען נאָך איז מה־נפשך, אָדער אויך מיר זיינען גרויסע עושרס, אָדער זיי זיינען געווען די זעלביקע אביונים, וואָס מיר זיינען. וואו האָט ש. ניגער געזען זייער גרויסע גייסטיקע עשירות? און אין וואָס איז זייער עשירות באַשטאַנען? אַלץ וואָס איך האָב געזען איז אַז אונדזערע טאַטעס זיינען געווען מער פּאַגאַניסטיש־געצנדינעריש

ווי מיר, אָבער בשום אופן ניט מער גלייביק, מער רעליגיעז, מער אידעאַליסטיש.

ביי דעם יידן פון אַלטן דור איז טייער, הייליק די תורה, ד״ה, דער פּאַרמעט, דער אָנגעשריבענער טעקסט, דאָס מענטעלע, דער יד, דער עץ־חיים, דער אָרון־קודש, וואו די ספרי־תורה שטייען, דער פּרוכת אאַז״ו. ביי מיר איז טייער־הייליק די אידייע וואָס איז אויסגעדריקט אין דער תורה, אָבער ניט דער אויפגעראַלטער פּאַרמעט. איך וואָלט זיך ניט מוסר־נפש געווען, בכדי אַרויסצוראַטעווען אַ ספר־תורה פון אַ ברענענדיקער שול. ביי מיר בלייבט דער חומש דער זעלביקער יחסן ווען ער איז געדרוקט, פאָטאָגראַפירט, אָדער קאָפּירט אויף אַן אַנדער אופן. זיין קדושה און וויכטיקייט ווענדט זיך ניט אָן זיין מאַטעריעלער פאַרקערפּערונג. דער שם, יהוה, ווערט ניט הייליקער פון דעם וואָס אַ בטלן, אַ סופר, טובלט זיך פאַרדעם איידער ער שרייבט אים אָן מיט דער „הייליקער״ געגנדזענער פעדער... אויב אַ געגנדזענע פעדער קען זיין הייליק, אויב אַ שטיקל פּאַרמעט, אַן אויסגעאַרבעט פעלכל, קען זיין אַ דבר שבקדושה, קען פּאַפּיר און דרוק אויך זיין הייליק. בכלל, לויט מיין השגה, ליגט ניט קיין שום קדושה אין וואָרט יהוה אַלס אַזעלכן. הייליק איז בלויז די אידייע, וועלכע ווערט דורך אים, אַלס סימבאָל, אויסגעדריקט. בין איך דערפאַר ווייניקער רעליגיעז פון אָט־דעם אַלט־מאָדישן, אַבערגלייבערישן יידישן פרומאַק, וואָס האָט מורא דעם שם אַרויסצוריידן אָדער אָנשרייבן? איז ער, דער פרומער ייד, ווייניקער רעליגיעז פון דעם ווילדן בושמען, וואָס האָט געגלייבט אין פעטישן און זיך געבוקט צו יעדן שטיין און ביין? אַ האָר ניט. אלא וואָס דען? זיין רעליגיעזיטעט איז ניט אַזוי אויסגעשפּרייט, אָבער דערפאַר איז זי אינטענסיווער. און מיין רעליגיעזיטעט, מיין „פרומקייט״, איז אַ היפּש־ביסל נאָך מער אינטענסיוו און מער קאָנצענטרירט, און נאָך ווייניקער אויסגעצויגן.

בכדי צו געבן צו פאַרשטיין וואָס איך וויל זאָגן, וועל איך ברענגען אַן אילוסטראַציע. זי וועט וואַרפן ליכט אויף אָט דעם פאַרפּלאָנטערטן פּראָבלעם פון גאָט־גלויבן.

נעמט אַ גאָר־רויען מענטשן וואָס איז קיינמאָל אין אַ קינאָ ניט געווען. פירט אים אַריין אין זאַל בשעת מ׳ווייזט אַ בילד. ער וועט זיכער מיינען, פון ערשטן בליק, אַז די פיגורן, וועלכע באַוועגן זיך אויפן עקראַן, זיינען דריידימענזיאָנאַלע, פּראָסט, אַז זיי זיינען לעבעדיקע באַשע־פענישן. אַז ער וועט זיך באַקענען בעסער מיט דעם ענין, וועט ער־

זיך איבערצייגן, אַז אויפֿן עקראַן זיינען קיין בשר־ודמס ניטאָ, נאָר בלויז שאָטנס שלייכן זיך אַרום. ער וועט אָבער נאָך אַלץ מיינען, אַז די דראַמע שפּילט זיך אָפּ טאַקע אויפֿן עקראַן גופא. ווען ער וועט אונטערזוכן די קינאָמאַטאָגראַפֿיע אַביסל גרינטלעכער, וועט ער ערשט עפֿענען די אויגן, זיך דערוויסן, אַז די דראַמע איז אָפּגעשטעמפּלט, פֿאָטאָגראַפֿירט אויף אַ פֿילם, די פֿילם גייט דורך אַ פּראָזשעקטאָר, דער פּראָזשעקטאָר וואַרפֿט די שטראַלן צוזאַמען מיט די בילדער אויפֿן עקראַן, און בשעת אין זאַל איז פֿינצטער, דעמאָלט ציי‌גן זיך בילדער, סצענעס, פּאַנאָראַמעס. ווערט אין זאַל ליכטיק — פֿאַרשווינדן די בילדער כהרף־עין און דער עקראַן שיינט מיט זיין ווייסקייט. וואו בלייבן די בילדער? דאָרטן וואו זיי זיינען די גאַנצע צייט געווען, ד״ה, אויף דער פֿילם.

דאָס אייגענע בנוגע אונדזער פּראָבלעם פֿון גלויבן. די געצנדינער, די פֿעטישיסטן האָבן געהאַט אַ דריי־דימענזיאָנאַלן „גאָט“, ווייל ביי זיי אין זאַל, אין באַוואוסטזיין איז געווען היפּש־פֿינצטער. אונדזערע טאַטעס האָבן באַנומען בלויז די אַבסטראַקציע פֿון גאָט, דעם שלייכנדיקן שאָטן אויפֿן עקראַן, ווייל ביי זיי אין זאַל, אין באַוואוסטזיין, איז געווען שוין אַביסל ליכטיק, ד״ה, זיי האָבן געדענקט אַ האַרעלע קריטיש. ביי אונדז איז דער שאָטן אויך פֿאַרשוואונדן, ווייל אין זאַל איז היפּש ליכטיק, מיר דענקען קריטיש מכוח רעליגיע. אָבער די פֿילם און פּראָזשעקטאָר האָבן זיך ניט געענדערט. ביי אונדז אין האַרצן, אין מוח, אין זעלבסט־באַוואוסטזיין געפֿינט זיך די זעלביקע פֿילם, דער זעלביקער גלויבן אין איך, בלויז דער עקראַן, צוליב דער ליכטיקייט, ווייזט ניט די רעפֿ־לעקסיעס. אָבער די עצם פּאַנאָראַמע אָדער דראַמע פֿון גלויבן האָט זיך ניט געענדערט כהוא־זה. ביי אונדזערע טאַטעס זיינען די עקראַנען אויך ניט געווען אַקטיוו, נייערט בלויז פּאַסיוו, און עס איז ניט דער עקראַן וועלכער שאַפֿט די רעליגיעזע פֿאָרשטעלונג, ער אַנטפּלעקט זי בלויז אויף אַ פּאַרפֿירערישן אופֿן.

די אייגענע אמונה־פֿילם אַרבעט ביי אַלעמען, פֿונדאַמענטאַל אויף דעם זעלביקן אופֿן.

סיי די געטער־געצן, סיי דער גאָט־געץ, סיי דער גאָט, די אַבסטראַקטע השגה, זיינען רעפֿלעקסיעס פֿון דעם זעלביקן איך, דעם מענטשלעכן איך, וועלכער איז בעצם דער איך פֿון קאָסמאָס, פֿון אין־סוף, דער איך פֿון דער אייכהייט־אידייע, וועלכע האָט זיך בלויז אָנגעטאָן אין דעם קערפּער פֿון אַ וועלט און פֿון אַ מענטשן.

אויף וועלכן פונדאַמענט בוי איך? אויף דעם אייגענעם פונדאַמענט, אויף וועלכן די ביבל האָט געבויט, אויף וועלכן דער תלמוד און מדרשים האָבן געבויט.

נאַטירלעך איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן דער ביבל און דעם תלמוד. דער חילוק געפינט זיך אין דער שטופּע פון רעליגיעז־קריטישן דענקען.

די ביבל איז פּרימיטיוו און נאַאיוו. זי גלייבט, און זאָגט עס דייטלעך, אַז ווען אַ מענטש אָדער אַ פֿאָלק וועט זיך אויפֿפירן לויט די פֿאַרשריפטן פון עטישן אימפּעראַטיוו, וועט ער, בפועל־ממש, זיין גליקלעך און דערפֿאָלגרייך דאָ אויף דער וועלט, אין אָט דער געגעבענער פיזישער און סאָציאַלער סביבה. דער תלמוד איז פיל רייפער. ער פֿאַרמאָגט אַ מער קריטישן בליק אויפֿן לעבן און אויף די פֿאַרהעלטענישן, וואָס וועבן זיך צווישן סאָציאַלן לעבן און מאָראַלישן באַנעם. דער תלמוד באַגרייפט, און זאָגט עס, אַז שכר מצוות בהאי עלמא ליכא, אַז אויף דער וועלט צאָלט מען ניט פֿאַר קיין מצוות, אַז דער עטישער אויפֿפיר גיט ניט קיין מאַטעריעלע גיטער ניט דעם עטישן יחיד און ניט דעם עטישן ציבור. די באַלוינונג דאַרף מען זוכן און געפינען אין דער אויסגעדוכטער און אויסגעדיכטעטער וועלט, אין עולם־הבא. „בכדי דיר זאָל זיין גוט׳ איך אַ וועלט וואָס איז אינגאַנצן גוטסקייט”. וועלכע וועלט איז אינגאַנצן אַ גוטס? דאָס איז די וועלט, וואָס ווערט אויסגעפּאַלבט פון עטישן באַוואוסטזיין, פון דער גייסטיקער סאַטיספֿאַקציע, וועלכע באַקומט זיך אַלס פּועל־יוצא פון דעם געוואויר־זיין, אַז אַן אומבאַצאָלבאַרע פליכט איז דערפילט געוואָרן, אַז עפּעס באמת גוטעס איז געטאָן געוואָרן, פֿאַרוואָס קיין פּשוטע קאָמפּענסאַציעס, אויסער דעם עטישן פֿאַרגעניגן, וועט מען ניט קריגן. מיט אַנדערע ווערטער, דער תלמוד נעמט שוין באַגרייפֿן, אַז דעם לוין פֿאַרן עטישן אויפֿפיר דאַרף מען זוכן און מ׳וועט אים געפינען, ניט אין דער וועלט פון די חושים, נייערט אין דער וועלט פון געוויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש.

מיר מאַכן אַ טריט ווייטער און נעמען אַ נאָך מער אויסגעקריסטאַ־ליזירטע קריטישע שטעלונג בנוגע רעליגיעז־עטישן אויפֿפיר, ווי עס איז לייכט צו זען פון מיין אויסטייטש פון עולם־הבא מיט וועלכן „אַ פרומער ייד פון אַ גאַנצער וואָך” וועט ניט מסכים זיין, ווייל ער, אין זיין נאַאיווער פּרימיטיוויטעט, האָט אַפילו „עולם הבא” געמוזט פֿאַר־מאַטעריאַליזירן, אַריינפֿירן דאָרטן אַ שור הבר מיט אַ לויתן, מיט שטולן, מיט קריינען, מיט טייכן בוימל, ד״ה פֿאַרעולם־הזהוען.

עס זיינען דאָ שטאַפּעלן אין דעם לייטער פון רעליגיעזן באַנעם. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. מ׳האָט ניט געקענט פרעגן ביי דער תורה פונוואַנען האָט זי גענומען איר אויטאָריטעט. זי האָט קלאָר און דייטלעך געזאָגט פון וואַנען זי שעפּט איר סאַנקציע: ניט פון הימל, ניט פון יענער זייט ים, נייערט פון מענטשלעכן האַרצן, פון רעליגיעזן באַוואוסטזיין, פאַרשטאַנד און געפיל (דברים ל׳).

מ׳האָט ניט געקענט פרעגן ביי די חכמי התלמוד וואו האָבן זיי גענומען זייער אויטאָריטעט? זיי האָבן אים גענומען דאָרטן וואו די תורה שבכתב האָט אים גענומען, ד״ה, אין באַוואוסטזיין, אין רעליגיעז־קריטישן דענקען. און פּונקט דאָרטן נעמען מיר עס, ווען מיר שרייבן און ריידן וועגן רעליגיעזע ענינים, וועגן דעם יידישן רעליגיעזן באַנעם.

רעליגיע ווי אַ פּראָבלעם פון קיום

1

אַנעמישער רעפּאָרמיזם

„וואָלקנס און ווינט און קיין רעגן איז ניטאָ." (משלי כ"ה, י"ד)

אין „יידישער קעמפער" פון פסח תש"ד (1944) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דעבאַטע פון צוויי יידישע שריפטשטעלער אונטערן קעפּל „רעליגיע און יידישקייט", — אַ בריוו־אויסטויש פון א. מענעס און חיים גרינבערג.

דער בריוו־אויסטויש אַנטהאַלט אייגנטלעך אין זיך קיינע עלעמענטן פון אַ קעגנזייטיקער „חליפין־טראַנסאַקציע". יעדער גייט זיך זיין אייגן וועג, דריקט אויס זיינע אייגענע געדאַנקען און רעכנט זיך גאַנץ ווייניק מיט דעם, וואָס דער צד־שכנגד האָט צו זאָגן אָדער האָט געזאָגט.

איך האָב אַמאָל געהערט פון אַ באַרימטן דיספּוטאַנט אַן אָריגינעלע דערקלערונג פאַרוואָס ס'רוב דעבאַטן לאָזן זיך אויס מיט גאָרניט, יעדער דעבאַטאַנט בלייבט ביי דאָס זייניקע. די זאַך איז פּשוט, האָט ער מיר „אויפגעקלערט": קיינער הערט ניט וואָס דער צווייטער זאָגט, מחמת יעדערער פון די מתווכחים איז פאַרנומען מיט צוגרייטן די אויסזעצונגען, וואָס ער דאַרף מאַכן. „ווען איינער פון זיי האָט גערעדט, זיינען זיי אַלע געוואָרן ווי טויב" (מדרש תנחומא, פרשה נח, ג').

דאָ, אין דעם „בריוו־אויסטויש" האָט פּאַסירט דאָס אייגענע און אַ ביסל נאָך מער: קיינער ענטפערט ניט. יעדער זאָגט זיך דאָס זייניקע און יוצא. ער לאָזט זיך גיין אין דער ריכטונג, אין וועלכער זיין געדאַנקענ־גאַנג פירט אים.

אַזוי ווי חיים גרינבערג איז עס דער יעניקער, וואָס דאַרף ענטפערן

אויף די טענות פון א. מענעסן, האָט ער עס טאַקע דערשפּירט, און ער זאָגט עס „בפה מלא" צום סוף פון זיין שלוס־בריוו. אָט וואָס ער שרייבט גאַנץ ריכטיק:

„איך האָב דעם געפיל, אַז אונדזער דיסקוסיע טראָגט דערוויל דעם כאַראַקטער פון צוויי באַזונדערע מאָנאָלאָגן, ניט פון קיין נאָרמאַלן אויסטויש פון מיינונגען, און אַז יעדער פון אונדז הערט נאָר זיך, ניט דעם אַנדערן." (ז. 88.)

אויב אַזוי, וועלן מיר באַטראַכטן די אידייען, וואָס ווערן אַרויס־געבראַכט פון די דיסקוטאַנטן, באַזונדער. וויל, ווי שוין געזאָגט, זיי האָבן אַ קנאַפּע פאַרבינדונג צווישן זיך. מיר וועלן אָנהויבן מיט א. מענעסן, ווייל ער איז דער „המתחיל־בדבר".

מיר האָבן דאָ פאַר אונדז צוויי בריוו זיינע. מיר וועלן פּרובירן, כאָטשבי כלאחר יד דערוויל, צו פאַנאַנדערדריבלען דעם געדאַנקען־קנויל.

א. מענעס שרייבט:

„מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק זיינען צו מיר צוגעגאַנגען אַ פּאָר פריינט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעהערט מיינע אַ לעקציע וועגן דער ראָלע פון דער יידישער אמונה אין דער געשיכטע, מיט דער בקשה, איך זאָל מיט זיי לערנען הלכה־למעשה, וואָס דאַרף היינט אַ ייד טאָן?... יידן בענקען היינט נאָך אַ „תורה־יידישקייט", וואָס זאָל זיי געבן צו פאַרשטיין דעם זין פון לעבן און זאָל זיי ווייזן ווי צו לעבן." (ז. 80.)

טשיקאַווע, כלעבן, צו וויסן, וואו איז דער פּלאַץ אין דער „תורה", וואָס האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט געבן צו פאַרשטיין דעם „זין פון לעבן". אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, האָט זיך די „תורה" מיט אַזעלכע אַבסטראַקטע איבערגעשפּיצטע טעמעס ניט באַשעפטיקט.

אין דער „תורה" לייענען מיר:

„זע, איך האָב דיר היינט געגעבן דאָס לעבן און דאָס גוטע און דעם טויט און די בייז." (דברים ל׳, ט״ו.)

„דעם לעבן און דעם טויט האָב איך דיר געגעבן, די ברכה און די קללה — און דו זאָלסט אויסקלייבן דעם לעבן, בכדי דו זאָלסט לעבן און דיין זוימען." (דאָרט, י״ט.)

פאַרוואָס דאַרף מען אויסקלייבן דעם לעבן און פאַרוואַרפן דעם טויט? וואָס איז דער זין פון לעבן? אַזעלכע פראַגן האָט די „תורה" זיך ניט געשטעלט און, ממילא, אויף זיי קיינמאָל ניט געענטפערט. זי האָט גענומען דעם לעבן ווי דאָס העכסטע גוטס, און באַטראַכט עס אַלס אַ פאַקט אַז עס איז פאַראַן אַ דראַנג צום לעבן, אַ דראַנג וואָס

פּאָדערט ניט קיין ראַציאָנאַליזאַציע אָדער „באַזינונג". ווען דער „בידנער לעבן" וואָלט האַלטן אַזוי שמאָל, אַז ער וואָלט דאַרפן אָנקומען פאַר זיין רעכטפאַרטיקונג צו אַ זין, צו אַ תכלית, וואָלט זיין אַז־אַך־און־וויי צו אים, וואָלט ער זיך אויסלעשן פון שוואַכסטן בלאָז פון די אומגינציקע אומשטענדן.

די תורה זאָגט:

„און איר זאָלט (וועט) היטן מיינע געזעצן און מיינע משפּטים, וועלכע אויב אַ מענטש היט זיי לעבט ער אין זיי." (ויקרא י"ח, ה'.)

דער נביא יחזקאל ווידערהאָלט אָט־די פאָרמול „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" דריי מאָל אין איין קאַפּיטל (כ' י', י"ג, כ"א).

צו וואָס טויג אָבער דאָס לעבן? צו וואָס דאַרף מען לעבן? וואָס איז דער זין פון לעבן? אַזעלכע פראַגן זיינען אויסער דער ספער פון די תורה־פּראָבלעמען.

די תורה און די נביאים זאָגן צו אַ לאַנגן לעבן. ישעיה גייט אַזוי ווייט, אַז ער פאַרשפּרעכט אַז אין דער צוקונפט וועט דער טויט אָפּ־געשאַפט ווערן. אָבער עס ווערט קיינמאָל קיין זאַך ניט דערמאָנט וועגן זין פון לעבן. קהלת דריקט אויס אָט די אָפּטימיסטישע לעבנס־פאַרשטענדניש מיט די פּראָווערביאַלע ווערטער: „אַ לעבעדיקער הונט איז בעסער פון אַ טויטן לייב" (קהלת, ט', ד'). און ער באַגרינדעט זיין שפּרוך מיט דעם, „וואָס די לעבעדיקע ווייסן אַז זיי וועלן שטאַרבן און די טויטע ווייסן גאָרניט" (דאָרט, ה').

מאַלע וואָס יידן פאַלט איין צו פאַרלאַנגען פון אַ לעקטאָר פון אַרבעטער־רינג אָדער יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד נאָך דער לעקציע בשעת דעם פראַגע־פּעריאָד! זיי ווילן, אַז דער רעדנער זאָל זיי כאַטש דערלאַנגען דעם „טעלערל פון הימל". און ווען עס וואָלט געשען אַ נס און דער לעקטאָר וואָלט עס באַוויזן צו טאָן, וואָלט עס זיי נאָך אַלץ ניט באַפרידיקט. זיי וואָלטן זיכער געבעטן ער זאָל זיי געבן אַ פולן קאָמפּלעט פון געשיר און געפעס, ניט בלויז איין טעלערל...

„ווייזן ווי צו לעבן"...

דאָס איז דאָך „פאָלג מיר אַ גאַנג", אַן אויפגאַבע וואָס איז איבער די מענטשלעכע כוחות פון אַ יחיד ,ווי געלערנט און ווי פּיאיק ער זאָל ניט זיין אַלס אַ לעקטאָר.

דער הויפּט־שטריך פון פּראַקטיק איז דאָס, וואָס זי איז, לויט איר עצם מהות, קאָמפּראָמיסלעך. זי באַשטייט פון אַ לאַנגער סעריע פון

פשרות. די ענגלענדער האָבן אַ ווערטל דערפאַר. זיי רופן עס „מאָדלינג טרו״, ד״ה, פראָסט, ווי ניט ווי דורכקריכן דורך דער בלאָטע...

דוכט זיך, אַז תורת משה איז זייער שטרענג בנוגע פרעמדע קולטן, און יהוה ווערט געשילדערט, ווי איינער וואָס איז זייער אייפערזיכטיק און וויל ניט דולדן קיין שותפים אין דעם קולט. דאָך זאָגט די גמרא: „לא דברה תורה, אלא כנגד יצר הרע״ (קידושין כ״א, ע״ב). די תורה גייט איין אויף קאָנצעסיעס מיטן „יצר־הרע״, מיט אַלטע, פאַרצייטישע מנהגים און טראַדיציעס, וועלכע זיינען געווען אָנגענומען ביים פאָלק, הגם זיי האָבן זיך ניט געפונען אין איינקלאַנג מיט די העכערע רעליגיעז־מאָראַלישע אויפפאַסונגען און פאָדערונגען. וואָס איז וויכטיקער פון יום־כיפור, וואָס איז הייליקער פון דער עבודה פון כהן גדול אין אָט־דעם פורכטזאַמען טאָג! און דאָך — נעמט דער כהן גדול צוויי ציגנבעק (שעירים), איינער גייט פאַר יהוהן און דער צווייטער פאַרן עזאזל (ויקרא ט״ז, ז׳־י״א). ווער איז עס דער ר׳ שמעלקע, דער עזאזל? פאַרוואָס קומט אים אַ קרבן צוגלייך מיט יהוהן? דער עזאזל איז דער שד, דער גאָט־געץ פון מדבר, און למעשה וויל זיך דער חומש, תורת־כהנים, ניט איינרייסן אַפילו מיטן עזאזל. מ׳גיט אים אַ ציגנבאָק און אָפּגע־פאַרטיקט אַן עסק. פראַקטיק האַלט זיך אויף נאָכגעבונג צו די פאָר־אורטיילן פון פאָלק, צו די אָנגענומענע קאָנווענציעס. שטייגער באַשטייט אין אַ גרויסער פראָפּאָרציע פון אַבערגלויבערייען געמישט מיט פאָלקס־וועגן.

און אויב דאָס איז אַזוי, וואָס קאָן דאָ אַ טעאָרעטיקער אויפטאָן? ווי קאָן ער דאָ, אויף דעם געביט, ווערן דער „פוסק אחרון״? אַפילו די פרושים, וואָס זיינען, זיכער, געווען פעדאַנטן פאַנאַטיקער, האָבן געזאָגט: „הנח להם, לישראל, מוטב שיהיו שוגגין ואַל יהיו מזידין״ (שבת קמ״ח, ע״ב), „לאָז צורו די יידן, זאָלן זיי בעסער פאַרברעכן קעגן געזעץ ניט־וויסנדיקערהייט, איידער אומישנע און אויף־צו־להכעיס״... וויפיל האָבן עס די שטרענג־אויסגעהאַלטענע פוסקים באַקעמפט „כפרות שלאָגן״ און עס האָט זיי גאָרניט געהאָלפן, זיי האָבן געמוזט נאָכגעבן. וואָס איז „תשליך״ אויב ניט אַ צינז געצאָלט צום גאָט פון די וואַסערן? און וואָס איז דער לולב, אתרוג און הדסים און הושענות (ויקרא כ״ג, מ׳) אויב ניט אַ קאָנצעסיע געגעבן דעם טאָטעם־גאָט פון די ביימער און בושעס?!

וואָס מיך חידושט אויף אַזאַ דענקענדיקן יידן ווי א. מענעס איז, וואָס ער מיינט, אַז ער איז בכוח צו שאַפן אַ מין „שולחן ערוך״ פאַר

אַ מאָדערנעם יידן. ער וויל, ווייזט אויס, ניט באַנעמען, אַז אַזעלכע זאַכן, ווי שטייגער, סיי וועלטלעכער, סיי קולט־רעליגיעזער, ווערן געשאַפן אין משך פון דורות. דאָס איז מכל־וכל ניט קיין אַרבעט פאַר קיין יחיד, ווי קלוג און געלערנט ער זאָל ניט זיין.

עס איז פאַראַן אַ ביכל, וואָס הייסט „השכמת הפוקר". דער מחבר איז אַ מיליטאַנטישער אָרטאָדאָקס, אַ פאַרביסענער קנאי. ער באַקעמפט די „הפקרות" פון די משכילים און ער צייגט, אַז אַפילו זיי, די אַפּי־קורסים, היטן אויך אָפּ אַ „שולחן ערוך", האָבן אַ שטרענגן אויפפיר־רעגלאַמענט בנוגע זייער אָנטועכץ, זייער שיך־פּוצונג, שנירלעך־פאַר־בינדונג, זייער וואַשן זיך, רייניקן די ציין, זייער באַגריסן איינער דעם אַנדערן, גרייטן צום טיש, טיש־מאַנירן א. אַז. וו. ער איז אַבסאָלוט גערעכט. אָבער אָט־דער שולחן־ערוך שטעלט זיך צוזאַמען פון מנהגים און עטיקעט, וואָס אַ לעבעדיקע פונקציאָנירענדיקע געזעלשאַפט אַרבעט אויס אין משך פון דורות. דאָס איז ניט קיין ענין פאַר „געזעצגעבערס", פאַר „פּוסקים", פאַר „קאָדיפיצירערס", רעליגיעזע אָדער וועלטלעכע.

„עס זיינען פאַראַן אַ סך יידן, וואָס מאָנען פון מיר... און פון אונדזערע „געזיבונגס־געניאָסן" אַ חוב. און איך גלויב, אַז מיר וועלן דעם חוב פריער אָדער שפּעטער מוזן צאָלן." (דאָרט).

איך זע ניט איין ווי אַזוי מיר קאָנען צאָלן דעם חוב. איך זע אַפילו ניט דעם „חוב". מיר האָבן ביי קיינעם גאָרניט געליען און מיר זיינען קיינעם גאָרניט שולדיק. אַלץ וואָס אַ היינטצייטיקער דענקער און פאָרשער פון יידישקייט־ענינים קאָן אויפטאָן איז אויסאַרבעטן געוויסע פּרינציפּן, אָנדייטן אַ ריכטשנור, שאַפן אַ „מעטאָדאָלאָגיע", אָבער באין אופן ניט געבן אַ „הלכה", נעמען „פּסקענען שאלות". מ'ע דאַרף זיך דאָך אָפּגעבן אַ שטיקל חשבון און וויסן וואו מ'האַלט, וואו מ'שטייט.

וואו איז די „הלכה" פון אַ נביא ווי ישעיה, וואָס האָט אָפּגעלאָכט פון קרבנות־קולט, פון בית־המקדש, פון די ימים־טובים און די תעניתים? די נביאים זיינען געווען גאָר ניט אַזעלכע „שלעכטע יידן", הגם זיי האָבן ניט געהאַט קיין „הלכה". זיי האָבן דעם גאַנצן בנין פון יידישקייט אויעקגעשטעלט אויף דעם איין־איינציקן יסוד פון גערעכטיקייט. (מכות כ"ד.).

א. מענעס פרעגט:

„איז מעגלעך אַ רענעסאַנס פון הלכה־יידישקייט? איז אונדזער דור נאָך געגנוג שעפעריש, האָבן מיר נאָך אין זיך די כוחות צו אַנטפּלעקן פאַר די קומענדיקע דורות די הייליקע ווערטן?" (דאָרט.)

מיר האָבן, לויט מיין פאַרשטיין נאָך, געגוג כוחות צו באגרינדן אויף אַ מאָדערנעם אופן די פילאָסאָפיע פון יידישקייט, באַנייען די „הייליקע ווערטן" פון יידיש־עטישער קולטור. אָבער פון דער פילאָסאָפיע, פון די גרונט־פּרינציפּן פון יידישן וועלט־באַנעם איז אַ מהלך רב, אַ גאָר ווייטע דיסטאַנץ, צו דער פאַרגליווערטער, אָפּגעפרעסטער, דעפּי־ניטיווער, דעטאַליזירטער „הלכה־יידישקייט".

איצט, אונטער די געגעבענע אומשטענדן, צו פאָדערן אַן „הלכה־יידישקייט" איז ווי צו דערוואַרטן און פאַרלאַנגען פון אַ פרוי, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרשוואַנגערט, אַז זי זאָל גלייך געבוירן אַ זון, וואָס זאָל אַרויס פון איר מוטער־טראַכט ווי אַ בר־מצווה יינגל, אַ חייב בעונשין מיט אַ פּאָר תפילין אויפן אָרעם און שטערן.

מיט מיין גאַנצן רעספּעקט צו קאָלעגע א. מענעס מוז איך זאָגן, אַז ער נעמט זיך אונטער צו טאָן דאָס אוממעגלעכע און ער באַווייזט דערביי זיין אַבסאָלוטע אומבאַהאָלפנקייט אויף דעם גלענצנדיקסטן אופן.

א. מענעס באַהויפּט מיט רעכט: „יידן קאָנען לעבן נאָר ווי אַ פאָלק, וואָס איז כסדר רעליגיעז־שעפעריש (ז. 81)... די יידישע טראַדיציע אין איר אַלטער געשטאַלט האָט פאַרלאָרן איר שעפערישן כוח" (ז. 85).

איצט וועלן מיר אַ קוק טאָן און זען צי דער חשובער א. מענעס האָט געפונען דעם „שעפערישן כוח", וואָס „די יידישע טראַדיציע אין איר אַלטער געשטאַלט" האָט פאַרלוירן.

אָט וואָס פאַר אַ „שעפערישע" הלכה ער לייגט אונדז פאָר:

„תפילה בציבור איז באמת אַ דבר גדול" (ז. 84). ניטאָ וואָס צו רעדן! זייער „שעפעריש" און זייער ניי! „איך האַלט דערפאַר אַן אַ שיעור פון אַזעלכע מנהגים ווי קדיש און יאָרצייט" (ז. 85). אַפילו אַ יידישער פריידענקער קאָן אַנהויבן דעם טאָג מיט „שמע ישראל" (ז. 85). „אָפּהיטן אַ פּאָר שעה שבת" (דאָרט). „אַ 'חבר' דאַרף זיין אַ בר־מצווה" (דאָרט), „דאָס הייסט נעמען אויף זיך דעם עול פון יידישקייט" (דאָרט).

דאָס אַלץ קאָן זיך, אפשר, זיין שיין און גוט, איבערהויפּט „פרום", אָבער, אָסור, אויב אַפילו אונטער אַ מיקראָסקאָפּ קאָן מען אין דעם זען „שעפערישע" עלעמענטן. דאָס איז דאָך רוטינערישקייט פון אַ גאָר הויכער מדרגה, דאָס איז דאָך שאַבלאָן שבשאַבלאָן!

„מיר קאָנען, אָבער, האָבן חברהשע סוכות, וואו יעדער 'חבר' קומט לפּחות איין מאָל מיט דער פאַמיליע פאַרברענגען" (דאָרט).

דאָס איז אַזאַ אַנעמישער רעפאָרמיזם, אַז השם ירחם!

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס, וואָס אַזאַ חשובער שריפטשטעלער

און פאַרשער ווי א. מענעס זאָל זיך דעררײדן צו אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען און פאַרלייגן אַזעלכע טשיקאַווע פּלענער פאַר דעם „רענעסאַנס פון הלכה־יידישקייט" ?

פּשוט, ער וויל רייסן עפּל פון אַן עפּלבוימל, וואָס ער האָט נאָך אַפילו ניט פאַרפלאַנצט. ער פאַרלויפט זיך אַליין דעם וועג, און דאָס איז גאָרניט קיין דרך. איידער עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די פילאָסאָפישע גרונט־פּרינציפּן פון נעאָ־יודאַאיזם, וויל א. מענעס זיך שוין פאַרנעמען מיט „געזעצגעבערײ", מיט פּסקענען וואָס איז כשר, וואָס איז טריף.

פון אַזאַ געאײלטער אַרבעט קאָן קיין גוטס ניט אַרויסקומען. עמא פּזיזא...

2

רעליגיעזער סענטימענטאַליזם

„די תורה איז ניט אויפן הימל." (דברים ל׳, י״ב)

חיים גרינבערג האָט געענטפערט א. מענעסן מיט צוויי בריוו. ער גיט, אָבער, אַליין צו:

„אונדזערעביידנס בריוו זיינען ניט זייער סיסטעמאַטיש" (ז. 88).

ווען ער זאָגט, אַז זיינע בריוו זיינען זייער אומסיסטעמאַטיש אָנגעשריבן, וואָלט ער אויך ניט געווען ווייט פון אמת. אָט־די אייגנשאַפט זייערע מאַכט שווער צו ענטפערן אויף זיי. מחמת עס איז ניט קיין לייכטע זאַך אָנצוטאַפּן זייער דופק און אויסגעפינען וואו קלאַפּט דער אָדער, וואו שלאָגט דאָס האַרץ. דאָך קאָן מען זיך יאָ אָנשטויסן אויפן הויפּט־געדאַנק, וואָס שנירלט זיך אַדורך, הגם זיגזאַגיש און בליציק איבערגעבראָכן, דורך אָט־די צוויי גלענצנדיק־פאַרפאַסטע עפּיסטלען. דער געדאַנק באַשטייט, אויב איך בין זיך ניט טועה, אין דעם טעזיס, אַז רעליגיע איז זייער אַן אײדעלע „מאַטעריע", איז טראַנסצענדענטאַל און מיט די פראַגן פון קיום געהערט זי זיך ווינציק וואָס אַן. אמונה הויערט אַרום העט־ווייט אין די הויכע הימלען פון נשמה־יתרהדיקייט.

חיים גרינבערג שרייבט:

„איך וויל, אַז מיר זאָלן זיך ביידע... באַפרייען אויף וויפיל דאָס

איז מעגלעך פון אַלע אונדזערע היסטאָריש־יידישע לאָיאַליטעטן און נאַטירלעכע קאָלעקטיווע זעלבסט־פאַרליבטקייטן, כדי אָנצוצייכענען, אויב מיר האָבן דערצו כוח, אונדזערע עיקרי־אמונה און דעם כאַראַקטער פון יענע מעשים, וואָס מוזן פון יענע עיקרים פאָלגן.״

מילא, איך בין מוחל דעם חשובן קאָלעגע די „מעשים וואָס מוזן פון יענע עיקרים פאָלגן״. פון עיקרים צו מעשים איז אַ ווייטער, און גאָנץ אָפט ניט קיין גלייכער, וועג. אינצווישן מוזן ליגן שטחים פון איבערגאַנג־שטופן. אַן עיקר איז, לויט זיין עצם מהות נאָך, אַ פילאָסאָפישער פרינציפּ. און קיינער איז ניט בכוח צו מאַכן אַזאַ שפּרונג, פון אַן אַבסטראַקטן מעטאַפיזישן פרינציפּ צו אַ קאָנקרעטער פּראַקטישער פאַרשריפט, און ניט ברעכן האַלדז און נאַקן. אין מיטן, צווישן אַ פילאָסאָפישער הנחה און אַ הלכה למעשה, דאַרף זיך געפינען אַ וויסנשאַפט, אַ סומע פון דאָקטרינעס, וואָס זיינען די פאַרמיטלעריגס צווישן דער פילאָסאָפישער אויפפאַסונג און הדרכהשער אויפפירונג. די פילאָסאָפיע באַווירקט די וויסנשאַפט, די וויסנשאַפט באַאיינפלוסט די טעכניק, די מלאכה. עס קאָן ניט זיין קיין טעכנאָלאָגיע, וואָס באַזירט זיך אויף ריינע פילאָסאָפישע עיקרים.

אָבער ניט דאָס איז מיין הויפּט־אויסזעצונג.

חיים גרינבערג וואָלט וועלן זיך אויסטאָן פון אַלע זיינע לאָיאַליטעטן, גייסטיקע פּניות און אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע נייגונגען און דערנאָך זיך אָנטאָן אַ כוח און פאָרמולירן אָדער אָנדייטן די גרונט־פּרינציפּן פון אמונה. שטייט אָבער די זאַך מיטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, מיט דעם גאַנצן אינטעלעקטועלן און עמאָציאָנעלן „אַפּאַראַט״ אַזוי, אַז אין אַ פּולשטענדיקן חלל, אַ וואַקוּאום פון וועלכן עס זיינען אויסגעפּאָמפּעט געוואָרן אַלע טראַדיציאָנעלע השגות און אָנגענומענע אָנגעהעריקייטן, קאָנען זיי אינגאַנצן ניט אָפּערירן. און אַן דעם שכלס הילף און אַן דעם ווילנס־דראַנג, ווער וועט זיין אימשטאַנד אויסצואַרבעטן עיקרים, אַוועק־לייגן פונדאַמענטאַלע פּאָסטולאַטן?

דער ענין איז פּשוט: קיינער קאָן ניט אָנהויבן פון זיך אַליין, דעם ערשטן אָנפאַנגער, און פון גאָר־אורשפּרינגלעכן אָנפאַנג. דאָס איז דאָך די שוועריקייט פון דעם מעשה בראשית, פון דעם באַשאַפן אַ „יש מאין״. פאַר יעטווידן אָנהויב איז פאַראַן ערגעץ אין צייטגאַנג אַ פריערדיקער אָנפאַנג. ווען מיר וואָלטן דאַרפן גיין שאַפן צום ערשטן מאָל דעם עצם מהות פון גלויבן און האָבנדיק אים באַשאַפן אַריינטאָן אים אין האַרצן פון מענטשן — וואָלטן מיר גוט אויסגעזעזן! ניט נאָר וואָלטן מיר עס

ניט געקאַנט באַווייזן, אונדז וואָלט אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז אַזאַ „עסענץ״, ווי גלויבן, קאָן גאָר זיין בנמצא.

און דאָס איז ריכטיק ניט בלויז בנוגע אַזאַ דערשיינונג ווי רעליגיע. אומעטום, וואָס מיר זאָלן ניט טאָן, בויען מיר אויף „טראַדיציע״. דער רוס האָט אַ ווערטל: „מיט אונדז האָט זיך די וועלט ניט אָנגעפאַנגען, מיט אונדז וועט זיך די וועלט ניט ענדיקן״. מ׳דאַרף דאָס אייגענע זאָגן בנוגע דער וועלט פון געדאַנק, פון געפיל, פון גייסט, פון פילאָסאָפיע, וויסנשאַפט, קונסט. מיר געפינען זיך תמיד אין דעם מיטן, כאָטש ניט אַלע מאָל פאָרן מיר אין אַ גאַלדענעם שליטן.

מיר זיינען אַ המשך. מיר האַלטן אָן אַ געוויסע מסורה. עס קומט פאָר אַן איבערליפערונג פון ווערטן און קאָסטבאַרקייטן. ווען מיר באַקעמפן אַפילו אַ געוויסן סכום פון טראַדיציעס טוען מיר עס אויך אויף אַ „טראַדיציאָנעלן שטייגער״, אויפן סמך פון געגעבענע פרעצעדענטן. מיר טוען נאָך אַפּריערדיקע קעמפער און איקאָנאָקלאַסטן. אויף דעם לשון פון באַרימטן פּסיכאָלאָג הערבאַרטן הייסט עס, אַז מיר באַזיצן „אַפּער־צעפּטיווע מאַסן״, אָן וועלכע קיין פּסיכישע אַקציע קאָן ניט פאָרקומען. און וועגן אַן אינטעלעקטועלער אַקציע איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדן. זי מוז, זיכער, האָבן הינטער זיך אַן אָנגענומענע מסורה פון דענקען. ווען מיר פּאָלגן קאָלעגע חיים גרינבערגן און מיר טוען זיך אויס פון אַלע קאָלעקטיוו־לאָגישע לאָיאַליטעטן און דיאַלעקטישע התחייבותן, וועלן מיר קיינע עיקרים ניט דאַרפן, און אַ פּשיטא שוין, אַז מיר וועלן זיי ניט זיין אימשטאַנד צו פאָרמולירן. אָן אַ „פאַרדעם״ קאָן ניט זיין קיין „נאָכדעם״. עס מוז דאָך זיין אַ אמונה, פון וועלכער מע האַלט, וועלכע מע אָנערקענט, צו וועלכער מע איז צוגעבונדן, בכדי צו זיין אימשטאַנד צו אַנטדעקן אין איר אירע הויפּט־שטריכן. קיין מענטש, וואָס איז ניט פאַרקניפּט און אויסגעבונדן מיט רעליגיע, קאָן ניט אויסאַרבעטן קיין „אני־מאמין״.

אונדזערע געדאַנקען זיינען איינגעשטעלט לויט אַ באַשטמיטן, דורך דורות און דורות פון דענקערס, מוסטער, ניט ווייניקער אַזוי ווי אונדזער קערפּער, וואָס איז געשטאַלטיקט לויט אַ באַשטימטן מאָדעל. ווען מיר זאָלן זיך אַריינטאָן אין „התפשטות הרוחניות״, וואָלט פון אונדזערע מחשבות און רעיונות געוואָרן רויך און שטויב.

ווייטער, אַזוי ווי קיין געזונטע פולבלוטיקע קונסט איז ניט לשם קונסט אַליין, נייערט באַדינט מענטשלעכע צוועקן, אַזוי איז ניט פאַראַן קיין רעליגיע, וואָס לעבט אין באַוואוסטזיין פון אַ פאָלק, פון אַ סעריע

פעלקער, וואָס זאָל עקזיסטירן לשם רעליגיע סתם. רעליגיע פאַר־פאָלגט און וועט פאַרפאָלגן אין דער אייביקייט אַריין דעם גרויסן תכלית פון אויפריכטן און דערהויבן דעם מענטשן, דערוווייטערן אים פון דעם בעל־חי און דערנענטערן אים צו דעם „אידעאַלן בילד" פון גאָט, ריכ־טיקער — פאַרוואַנדלען אים אין אַ „גאָט", ד. ה. אַן אידעאַלער אינ־דיווידואַליטעט...

דער צוועק פון רעליגיע איז „קיום האדם", די געדייאונג פון מענטשן. דער גרעסטער און שענסטער פסוק אין חומש איז: „זה ספר תולדות אדם"... דאָס איז דאָס בוך, אַ דאַנק וועלכן דער מענטש ווערט געבוירן... (בראשית רבה, פ', כ"ד). „אתם קרויין אדם" (יבמות ס"א, ע"א). דער צוועק פון יידישקייט, וואָס איז אַ ראַפינירטע, אַ סוב־לימירטע רעליגיע, ד. ה. אַ געלייטערטע אוניווערסאַלע רעליגיע, וואָס איז אָנגעטאָן אין אַן אייגנאַרטיקן לבוש, איז „קיום האומה". אָבער די אומה דאַרף זיין אַ „קלוגע און פאַרשטענדלעכע", אַ „גוי קדוש", אַן עטישעס פאָלק, ד. ה. עס באַזיצט חשיבות אויף אַזויפיל אויף וויפל זיינע קינדער זיינען גוטע מענטשן, עטישע פערזענלעכקייטן.

שבת איז געגעבן געוואָרן פאַרן מענטשן, ניט דער מענטש פאַר שבת *). „דאָס מענטשנקינד איז דער האַר פון שבת" (לוקאַס 6, 5). „איר זאָלט היטן דעם שבת, וואָרים ער איז הייליק צו אייך" (שמות ל"א). „שבת איז איבערגעליפערט געוואָרן אין אייערע הענט, ניט איר אין די הענט פון שבת" (יומא פ"ה, ע"ב). „צו אייך איז דער שבת איבערגעגעבן געוואָרן, און איר זייט ניט איבערגעגעבן געוואָרן צו שבת" (מכילתא, פרשה, „כי תצא").

„וואָס אַרט דען דעם רבונו־של־עולם, צי יענער שניידט איבער דעם האַלדז, צי יענער שניידט פון נאַקן? זאָג, אַז די מצוות זיינען ניט גע־געבן געוואָרן ווי בלויז צו לייטערן די מענטשן און די יידן". (מדרש רבה בראשית, פרשה מ"ד, מדרש תנחומא, שמיני, ז' ח').

די הייליקע טעקסטן אין פאַרצייטיקע יידישע שריפטן גייען נאָך ווייטער. זיי זאָגן, אַז ווען די יידן וואָלטן ניט אָנגענומען די תורה, וואָלט די וועלט זיך אומגעקערט צו תהו־ובהו (בראשית רבה, פרשה מ"ז און אין פילע אַנדערע פלעצער). דאָס איז שוין רעליגיע און תורה

---

*) א. מענעס איז אומגערעכט, ווען ער זאָגט: „די יידישע אידייע, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צוליב שבת... איז גאָר אין ערך העכער ווי די פאַר־שטעלונג, אַז דער שבת איז באַשאַפן געוואָרן צוליבן מענטשן." (ז. 80).

פֿאַר דעם „קיום העולם״, אָבער אַלע מאָל איז דאָ אַ צוועק, און דער צוועק איז קיום, עקזיסטענץ און געדייאונג, ניט פּוסטע סאָפּיסטיקאַציע און אויסגעהויכטע חקירה.

די תורה הויבט אָן מיט דער וועלט, מיט דעם מענטשן, ניט מיט אַ יידן. נאָכן דורכפֿאַל פון מענטשן פֿאַשמעלערט זיך די תורה, זי שרומפּט איין, זי ווערט לפי־שעה מינימאַל אין אירע אויפֿגאַבן און באַגנוגנט זיך מיט אויסקריסטאַליזירן אַ „גוי קדוש״, אַן עטיש פֿאָלק. אָבער די כוונה בלייבט די זעלביקע, דער אולטימאַטיווער צוועק, די פּראָגראַם מאַקסימום איז שאַפֿן די עטישע פּערזענלעכקייט, די מאָ־ראַלישע מענטשהייט.

חיים גרינבערג שרייבט:

„איך מיין, אַז אָן אַזאַ לעבנס־געפֿיל, וואָס הענגט אָפּ, אויף מיין אָרעמען לשון, פֿון אַ באַשטימטן טאַלאַנט צו זען, קאָן ניט זיין קיין גלויבן און ניט קיין מעטאַפֿיזישער צוטרוי... אָבער פֿאַר אַזאַ אמונה דאַרף מען פֿייאיק זיין צו קוקן אויפֿן גאַנצן לעבן און אויף דער גאַנצער ווירק־לעכקייט אין מערער ווי איין דימענסיע, זיי אויפֿפֿאַסן אין זייערע, אַזוי צו זאָגן, פּאַראַלעלע באַדייטונגען״ (ז. 88).

ווען מיר וואָלטן ניט וויסן, אַז גלויבן איז אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע דערשיינונג, וואָלטן מיר, לייענענדיק דעם פּאַסאַזש, געקאָנט מיינען, אַז אמונה איז אַן ענין פֿאַר יחידי סגולה, וואָס באַזיצן אַ באַזונדערן „טאַלאַנט צו זען״. גלויבן איז ניט ווייניקער אַלמענטשלעך ווי רעדן. ניטאָ קיין רעליגיעז־שטומע. אַפֿילו אַ שטומער רעדט, אויב ניט אַרטיקולירט, איז מיט ווילדע קולות, אָדער גאָר מיט די הענט, מיט די תנועות פֿון קערפּער, מיט די העוויות פֿון די געזיכט־שטריכן. ניט אַלע זיינען בכוח אויס־צוטייטשן, אויפֿצופּאַסן פֿילאָסאָפֿיש דעם ענין פֿון אמונה, אָבער אַלע מענטשן, אָן אויסנאַם, האָבן אַ חלק אין פֿאָנד פֿון גלויבן. פּונקט ווי יעדער לעבעדיקער מענטש האָט אַ האַרץ, הגם ניט אַלע וויסן פֿיל וועגן די פֿונקציעס און פֿיזיאָלאָגישע „פֿליכטן פֿון האַרצן״.

„מיר וואָלטן געדאַרפֿט אָנפֿאַנגען פֿון עיקר צווישן אַלע עיקרים, אָדער ריכטיקער, פֿון אמונה בעיקר״ (דאָרט, ז. 86).

דאָס איז שוין לאַנג, גאָר לאַנג אָנגעפֿאַנגען געוואָרן. אמונה איז איינגעפֿלאַנצט אין פּסיכיק פֿון מענטשן, די תורה פֿון גלויבן איז איינ־געקריצט אין די לוחות פֿון האַרצן און קיינע באַמיאונגען און פֿלייסונגען קאָנען זי בשום אופֿן ניט אָפּמעקן.

רעליגיע דאַרף מען איצט ניט גיין שאַפֿן. מע האָט זי קיינמאָל

ניט באַדאַרפט שאַפן. זי איז פאַר אונדזערע פסיכישע לונגען ווי זויער־שטאָף. יידישקייט איז ניט דער אָנפאַנג פון גלויבן. אמונה האָט עקזיס־טירט און זיך באַהויפּט הונדערטער טויזנטער יאָרן איידער עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַזאַ דיסציפּלין ווי „יידישקייט". יידישקייט האָט געטאָן פאַר רעליגיע איין זאַך: דאָס איז לייטערן זי, רייניקן. אונדזער אויפגאַבע איז דאָס אייגענע: ניט גיין מאַכן מענטשן, יידן, פאַר גלויביקע, נייערט צו לייטערן די אמונה וואָס איז פאַראַן ביי די מענטשן, רייניקן זי פון פסולת, פון אָפּפאַל, פון אַבערגלויבערייען. מענטשן גלויבן ניט צו־ווייניק, נייערט צופיל. אמתע אמונה ווערט געשאַפן אין אָפּפרעג, אין אָפּוואַרף פון דעם שלאַק, אין קאַמף קעגן רעליגיעזע הבלים.

חיים גרינבערג פאַרשווערט זיך אַליין די אַרבעט פון קלאָר מאַכן, וואָס ער וויל זאָגן, און פאַרווירט דעם לייענער מחמת דעם, וואָס ער געברויכט אַן אומפּינקטלעכע טערמינאָלאָגיע. ביאַליק האָט אָנגעשריבן אַן עסיי וועגן הלכה און אגדה — איז וואָס? זיינען מיר מחויב צו ליידן פון דעם?! הלכה און אגדה זיינען צוויי איינטיילונגען פון תלמוד, וועלכער איז, בעוונותינו הרבים, שלעכט רעדאַקטירט געוואָרן, און אָט די צוויי עלעמענטן זיינען אין אים אויסגעמישט. צו פאַרריכטן אָט־דעם חסרון האָבן זיך געמיט די ערשטע פּוסקים, און די אַרויסטיילונג פון דער אגדה איז דערגרייכט געוואָרן מיט דעם דערשיינען פון „עין יעקב".

וואָס איז הלכה? אַ סומע פאַרשריפטן, דינים, פּסקים, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון די חכמי־התלמוד און צעגלידערט און צע־צווייגט געוואָרן פון די ראשונים און אחרונים אין זייערע „שאלות ותשובות" ספרים.

וואָס איז אגדה? פאַבלען, אַלעגאָריעס, יידישע מיטאָלאָגיע און מגידות, דרשנות; דאָ און דאָרט געפינט זיך אין די אגדות אַ פילאָ־סאָפישער געדאַנק, וואָס רירט אָן די קווינטעסענץ פון דעם ענין אמונה. אָבער בכדי עס צו געפינען דאַרף מען היפש זיפן. וועגן די אגדתות איז באַוואוסט דער שפּרוך פון אבן עזרא „אַנדערע פון זיי זיינען דיק, ווי זיידנס, אַנדערע — גראָב, ווי זעק". דער ראב"ד אין זיינע הגהות שעמט זיך ניט און זאָגט בפירוש, אַז די אגדתות האָבן „צעמישט אַ סך מוחות" („שמשבשות את הדעות").

חיים גרינבערג אין זיינע בריוו נוצט כסדר דעם טערמין „אגדה" און באַצייכנט מיט אים, וואָס? פילאָסאָפיע פון יידישקייט? אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ פּשט קאָן מען אַריינלייגן אין דעם נאָכגייענדיקן פּאַסאַזש?

„מיין פראַגע איז... ווי אַזוי קאָנען מיר אין אונדזערע צייטן פאָרמולירן אונדזער אגדה און אויף איר יסוד אונדזער הלכה, אַז פון אונדזער שטאַנדפּונקט — זאָלן זיי קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס אוניווערסאַל, אַזוי אַז מיר זאָלן זיין גרייט זיי צו „רעקאָמענדירן״ ניט נאָר פאַר אונדזער פלייש און בלוט, פאַר יידן, נאָר פאַר דער וועלט״ (דאָרט).

שטעלט זיך פאַר, אַז עס האַנדלט זיך וועגן פּאָזיציע, ניט וועגן פילאָסאָפיע פון רעליגיע, און איינער וועט פרעגן צי קאָנען מיר שאַפן אַזאַ פּאָעטישעס ווערק, וואָס זאָל האָבן ניט בלויז אַ יידישן, נייערט אויך אַ אוניווערסאַלן ווערט. וואָס וואָלטן מיר אים געקאָנט ענטפערן דערויף? די זאַכן ווערן ניט געטאָן אויף אַ באַשטעל. אויב איינער באַזיצט אַ גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט, וועט ער עס באַווייזן צו טאָן. אויב, חלילה, ניט, וועט אים קיין זאַך ניט העלפן. ווייל „מן השמים״ העלפט מען ניט קיין טאַלאַנטלאָזיקייטן, מחמת ווען דער אויבערשטער וויל יאָ העלפן, וואָס עס פּאַסירט הגם ניט אָפט, גיט ער, קודם כל, יענעם טאַלאַנט אָדער געניאַליטעט.

צי קאָנען מיר פאָרמולירן רעליגיעז־פילאָסאָפישע פּרינציפּן פון אַ אוניווערסאַלן כאַראַקטער? זיכער קאָנען מיר עס, אויב צווישן אונדז, יידן, געפינען זיך געליגיעז־פילאָסאָפישע דענקערס און אינטואיטיוויסטן פון גרויסן פאָרנעם.

די פאָר ווערטער „אין אונדזערע צייטן״ איז מיר אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך. פאַר אַזאַ דיסציפּלין ווי רעליגיע, וואָס ציילט אירע יאָרן אין הונדערטער טויזנטער, איז אַ טויזנט יאָר מער אָדער ווינציקער פון קיין ממשות ניט.

אונטערפירנדיק דעם סך־הכל:

1. חיים גרינבערג שרייבט וועגן דער רעליגיעזער דערשיינונג ווי וועגן עפּעס, וואָס מ׳דאַרף עס ערשט באַשאַפן און פאַר אָט־דעם באַשאַף פאָדערט זיך אַ באַזונדער טאַלאַנט. די לאַגע איז אינגאַנצן אַן אַנדערע:

דער פענאָמען איז פאַראַן. מיר דאַרפן אים בלויז דערקלערן און דער עיקרשט רייניקן פון געצנדינערישע עלעמענטן. יידישקייט האָט אָנגעפאַנגען איר קאַריערע מיטן קאַמף קעגן עבודה זרה, און יידישקייט, אין דער פערזאָן פון אירע רעליגיעזע דענקערס, וועט פאַרזעצן אָט דעם שווערן אחריותדיקן קאַמף. דער אומאָפּשאַצבאַרער ווערט פון דער תורה און די נביאים באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף מאָראַל ווערסוס צערעמאָניאַל.

2. חיים גרינבערג באַהאַנדלט אַ ספּאָנטאַן קרעאַטיוון פּראָצעס, ווי

עס וואָלט זיך האַנדלען וועגן אַ טעכניש־מעכאַנישער אונטערנעמונג.

3. ער וויל אָפּטיילן דאָס אוניווערסאַלע פון דאָס נאַציאָנאַלע אין סאַמע פּראָצעס פון דער עמערגירונג פון די רעליגיעזע ווערטן. בשעת אָט־די סעפּאַראַציע און קריסטאַליזאַציע איז אַ פּראָדוקט פון אַ ווייטערער, שפּעטערער עוואָלוציע. דאָס אוניווערסאַלע אין דעם רעליגיעזן שאַפן צייגט זיך אין אַ נאַציאָנאַלער פאָרם. און אויב מיר זאָלן זיך אויסהיטן פון אָט־דער פאָרם, מיר זאָלן זי אסרן, וועט דער רעזולטאַט זיין דער פאַרלוסט פון דעם אוניווערסאַלן אינהאַלט. מע מוז פלעגן דעם נאַציאָנאַלן שאָלעכץ אויב מע וויל אויפהיטן די אוניווערסאַלע יאָדרע.

4. ער רעדט וועגן רעליגיע אַזוי ווי זי וואָלט זיך קאָנען געפינען ערגעץ אויסער אַ באַשטימטער קאָנקרעטער קאָלעקטיווער און יחידישער סביבה.

מע טאָר ניט אַרויסלאָזן אויף איין מינוט פון אויג דעם פאַקט, אַז רעליגיע איז באַשאַפן געוואָרן פון מענטשן פאַר מענטשן, ממילא פון פאָלק פאַרן פאָלק, פון דער מענטשהייט פאַר דער מענטשהייט.

ישעיה דער נביא האָט געזאָגט גאַנץ קלאָר און דייטלעך:

„אויב איר וועט וועלן און פאָלגן, וועט איר עסן דאָס גוטס פון לאַנד; און אויב איר וועט ניט וועלן און ווידערשפּעניקן, וועט אייך די שווערד אויפעסן״ (ישעיה א׳, כ׳ כ״א).

רעליגיע סתם, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אַלס אויסגעוועפּטער סענטימענטאַליזם אָדער איבערגעשפּיצטער סאָפיסטיציזם — איז ניט פאַראַן. רעליגיע האָט איין הויפּט־צוועק און דאָס איז „קיום־האדם״, און דער „אדם״ ווערט גענומען אין ריינסטן און העכסטן מיין פון וואָרט.

„יידישע קולטור״, אויגוסט־סעפּטעמבער, 1944

אונטערן צייכן פון אייביקייט

(אַן אָפּענער בריוו צו אליעזר גרינבערג)

איך האָב איבערגעלייענט אייער עסיי „מחשבות ביי דער געלעגנהייט פון אַן ערשטן געבוירנטאָג" (אין „געצעלטן", נומער 6). איר אַנטוויקלט געדאַנקען מיט וועלכע עס איז שווער ניט מסכים צו זיין. און דאָך... עפּעס פעלט אין אייער חשובן עסיי, וועלכער שטעלט, ווי מיר שיינט, צופיל דעם טראָפּ אויף דער דעביט־זייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

איר ווייסט גאַנץ גוט דעם כאַראַקטער פון דער יידישער ליטע־ראַטור. איר באַצייכנט זי ריכטיק: „אויף נסים־אויפגעקומענע און רייד־צעבליטע יידישע עקסטעריטאָריעלע ליטעראַטור" (זייט 206). איר ווייסט דאָך אַז אַ ליטעראַטור מוז זיין פאַרבונדן מיטן לעבן פון דעם קיבוץ, וועלכן זי קומט צו באַדינען. אָט־וואָס איר זאָגט: „ליטעראַטור ווערט ניט געשאַפן אין קיין וואַקוּאום. זי שטייט אַלע מאָל אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער אופן אין דירעקטן קאָנטאַקט מיטן לעבן" (ז. 204). „אין אַ פאָלקס־אָרגאַניזם איז די ליטעראַטור איינע פון די פילבאַרסטע און פון די ערשטע אַנווייזערינס, צו רעגיסטרירן דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דעם אָרגאַניזם" (ז. 202).

לכן מוזט איר דאָך באַגרייפן אַז מען קען ניט אורטיילן וועגן דער יידישער ליטעראַטור ניט אַרויסגייענדיק פון די גרונט־הנחות, וואָס מיר לייגן אַוועק בנוגע דעם יידישן לעבן בכלל.

די פראַגע איז ניט צי די יידישע ליטעראַטור האָט אַ צוקונפט, די פראַגע שטייט פיל ברייטער: צי האָט דאָס יידישע פאָלק אַ צוקונפט. איר צייגט אָן מיט ווייטיק און פאַרדרוס, אַז עס קומען ניט צו קיין יונגע שרייבערס און קיין יונגע לייענערס. דאָס איז דאָך בלויז אַ פּרט

פון דער אַלגעמיינער טרויעריקער און געפּערלעכער דערשיינונג פון ניט־צוקומען פון קיין יונגע עכטע יידן: די יידישע יוגנט געהערט ניט צום יידישן קיבוץ, און אַ קיבוץ קען דאָך ניט שאַפן זיין אומאיבער־געריסענעם המשך אָן דעם טויש פון גענעראַציעס. דער אַלטער דור שטאַרבט אָפּ און אַ יונגער דאַרף פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין פאָלקס־לעבן, ניט מחוץ פון פאָלקס־לעבן.

ביי אַלע פעלקער קומט פאָר אַ קאַמף פון דורות, פון קינדער און טאַטע־מאַמע, אויף דער גאַנצער פראָנט־ליניע פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. ביי אונדז קומט פאָר עפּעס אַנדערש: אַ פאַרפרעמדונג פון דעם אונטערוואַקסנדיקן דור. אַנשטאָט צוויי דורות קריגן מיר צוויי פעלקער. אונדזער יוגנט איז אונדז פרעמד ניט מחמת איר „יונגשאַפט" און אונדזער „אַלטקייט", נאָר מחמת דעם, וואָס זי איז ניט יידיש. אונדזער יידישע יוגנט איז ניט יינגער פון אַנדערע יוגנטן, וואָס בלייבן יאָ מיט זייערע פעלקער. ווען אונדזער יוגנט וואָלט ווערן יינגער און פאַרלאָזן אונדז מחמת דעם, וואָס מיר שטייען מיטביידע פיס אין „פאָטערלאַנד" און זיי פליגלען אַוועק צום „קינדערלאַנד", וואָלט אונדז די זאַך ניט פאַרדריסן, ווען מיר וואָלטן אַפילו וויסן, אַז זייער פאַרלאָזן אונדז ברענגט אונדז שאָדן, שוואַכט אָפּ אונדזער געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם. ווייל דעמאָלט וואָלטן מיר עס באַטראַכט ווי אַ קרבן, וואָס די יידנשאַפט ברענגט אויפן מזבח פון אייביקער יונגשאַפט, אַ קרבן פאַר דעם גרויסן אידעאַל פון אָריגינאַלקייט, פון שטענדיקער נאָוויטעט, געשטייגערטער שעפערישקייט.

אָבער דאָס איז ניט דער פאַל מיט אונדזער אַסימילירטער יוגנט. זי איז אַלט־גענעראַציאָנעל. זי פאַרלאָזט ניט דעם אַלטן דור. זי פאַר־לאָזט דאָס פאָלק. און אָט־די פאַרלאָזעניש האָט מיט דעם דורות־טויש גאָרניט וואָס צו טאָן. אונדזער האַלב־ אָדער גאַנץ־אַסימילירטע יוגנט איז ניט איקאָנאָקלאַסטיש. זי איז טראַדיציאָנעל, נאָר נישט יידיש־טראַ־דיציאָנעל, נייערט גויאיש־טראַדיציאָנעל. זי זינקט עטיש. זי שיידט זיך מיט אַ קיבוץ, וואָס פאַרמאָגט אַ הויכן עטישן קאָעפיציענט און שטייט צו צו אַ געמיינשאַפט, וואָס איז שטאַרקער פּאָליטיש, רייכער עקאָנאָמיש, אָבער באין־ערך אָרימער מאָראַליש.

אָבער דאָס איז ניט קיין נייע דערשיינונג ביי אונדז. דאָס איז אַלט ווי די יידישע עקזיסטענץ אינאַלגעמיין. ווי מען קען עס לייכט זען פון דעם, וואָס שוין דער חומש אין דער „תוכחה" איז באַקאַנט מיט אָט־דעם פאַטאַלן פענאָמען פון אָפּפרעמדונג פון אונדזער יוגנט.

אַט־וואָס עס שטייט אין דער תוכחה צווישן די פילע קללות: „דיינע זין און דיינע טעכטער זיינען איבערגעבן צו אַן אַנדער פֿאָלק און דיינע אויגן זעען עס צו און גייען אויס נאָך זיי און דו קענסט זיך ניט העלפֿן" (דברים, כ"א, ל"ט).

און דאָך האָבן מיר, יידן, אַלס אַ קולטורעל־סאָציאַלער מהות, דערצויגן ביז אַהער און אַריין אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דורכגעמאַכט אַ גאַר־היפּשן משך פֿון היסטאָרישער צייט. דאָס באַווייזט אַז אין יידישן לעבן ווי אויך אין אַרומיקן לעבן זיינען אַקטיוו און עפֿעקטיוו אויך אַנדערע, פּונקט קעגנגעזעצטע טענדענצן און פֿאַקטאָרן. די פֿאַנאַנדערלייג־עפּאָכעס אלטערנאַטירן מיט אינטעגרירנדיקע עוואָלוציע־פּעריאָדן. די יידישע עקזיסטענץ איז פֿאַרזיכערט אויף אַ טאָפּלטן אופֿן: אי פֿון אינעווייניק און אי פֿון דרויסן. די יידנשאַפֿט איז פּאַרפּעסטיקט ניט בלויז אינערלעך, אויף אַ פּאָזיטיוון שטייגער, נייערט אויך אויסערלעך, אויף אַ נעגאַטיוון שטייגער. צוויי ליניעס פֿון פּאַרטיפּיקאַציעס רינגלען אַרום דעם יידישן „שטאַטלאָזן שטאַט", די יידנשאַפֿט־היים. די אילוזיעס פֿון אַסימילאַציע זיינען ראָז און זיס, אָבער די אַנטוישונגען זיינען שוואַרץ און ביטער. די זיך־אַסימילירנדיקע יוגנט וועט איבערלעבן אַ קאַלאָסאַלן קראַך. אַ טייל פֿון זיי וועט פֿאַרטיליקט ווערן, אַ טייל וועט זיך אומקערן, אַ טייל וועט צוריקגעטריבן ווערן.

און די עקזיסטענץ פֿון יידישן פֿאָלק פֿאַרזיכערט די וייטערדיקע עקזיסטענץ פֿון דער יידישער ליטעראַטור. איך וואָלט זאָגן, געברויכנדיק אַ פּאַראַפֿראַזירונג, וואָס עס וועט זיין מיט כל־ישראל וועט זיין מיט „ר' ישראל דעם סופֿר", דער שרייבער.

בנוגע דעם ענין פֿון איבערשאַצונג פֿון די ליטעראַרישע ווערטן און אויטאָריטעטן זייט איר אויך ניט אינגאַנצן גערעכט. אַן איבערשאַצונג קומט פֿאָר ביי אונדז אין אונדזער לעצטער צייט און דווקא אויף אַ ברייטן פֿאַרנעם. לעצטנס נעמען מיר טיפֿער און אַנדערש אויפֿפֿאַסן די אויפֿגאַבע פֿון דער „שיינער ליטעראַטור" בכלל. אַט־די גענעראַלע איבערשאַצונג מוז גורם זיין אַן איבערשאַצונג אויך פֿון יחידישע שאַפֿונגען פֿון שריפֿטשטעלער און אַן איבערטאַשירונג פֿון זייערע פּאָזיציעס אויפֿן לייטער פֿון חשיבות. עס צייגן זיך אויך נייע שטרעמונגען: אָבער זיי זיינען ניט פֿון אַ ריין־עסטעטישן כאַראַקטער. דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויף יידיש־עטישע מאָטיוון, און אין דערדאָזיקער ריכטונג קומט פֿאָר אַ פֿולשטענדיקע טראַנסוואַלואַציע. די רעזולטאַטן קען מען נאָך ניט זען מיט אַן אויג וואָס איז ניט באַוואָפֿנט מיט אַ צוקונפֿט־פּערספּעקטיוו,

ווייל פאַר זייער דעמאָנסטרירונג און פולער התגלות פאָדערן זיך לענגערע צייט־שטחים.

בנוגע דעם יידישן פאָלק שטייט די פראַגע אָװעקגעשטעלט ברוטאַל־בולט פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר און מער: איז די יידישע פאַר־מאַציע אַ פּראָגרעסיווע, דאָס הייסט, איז זי אַ נייערע און אַ שטאַרקערע, אימאַנענט געגנומען, אַ מער צענטריפעטאַלע ווי די געוויינטלעכע פאַר־מאַציעס פון די אומות־העולם? די געשיכטע האָט פאַרענטפערט די פראַגע מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם „יאָ". און דעריבער איז די יידנשאַפט ניט אונטערגעגאַנגען, ניט אָראָפּגעשלונגען געוואָרן, ניט דיסאינטעגרירט געוואָרן, ניט אַסימילירט געוואָרן, ניט אַבזאָרבירט געוואָרן פון די פרימיטיווע נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלע שטאַטלעכע קערפּערשאַפטן פון די אַרומיקע פעלקער, צווישן וועלכע די כנסת־ישראל האָט זיך געפונען.

בנוגע דעם ווייטערן קיום פון דער יידישער ליטעראַטור שטייט די אייגענע פראַגע. איר עקזיסטענץ קען זי פאַרזיכערן בלויז אויף איין אופן: זי דאַרף האַלטן איר עטישן ניוואָ העכער פון דער וואַסערפלאַך פון די ליטעראַטורן פון די פעלקער „בעלי־גופין".

די אויפגאַבע פון די יידישע שרייבער באַשטייט אין שאַפן פּראָ־פעטיש עטישע, עטיש־עסטעטישע ווערטן און גיטער. און אָט־די ווערטן וועלן אויפהאַלטן, פּערפּעטואירן די יידישער ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור אום צו האָבן ניט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג נאָר, פּשוט, אַן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט מוז אַנטהאַלטן אין זיך אַזעלכע מאָראַלישע קאָסטבאַרקייטן, וואָס דער יידישער לייענער וואָלט ניט קענען געפינען אין אַן אַנדער ליטעראַטור אין דער אייגענער מאָס, גייסט און גוסט.

דער יידישער ליטעראַטור אין איר איצטיקער פאָרם פעלט יידישע טראַדיציע. זי איז צו העלעניסטיש, צו נאָכמאַכעריש, צו אימיטאַטיוו. עס פעלט איר אייגנאַרטיקייט, ש ע פ ע ר י ש ק י י ט. און אָט־די שעפערישקייט האָט איר געפעלט נאָך מער דעמאָלט, ווען די „זשורנאַל־טשיקלעך" פלעגן יאָ אויפקומען, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. ווייל די „חדרים" אין דער ליטעראַטור, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין יענע יאָרן (וואָס זיינען געווען שפּע־יאָרן, לויט אייער אויפפּאַס) זיינען ניט אויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פון יידישער דערציילערישער, דיכטע־רישער, מדרשימשער מסורה. די כלומרשט נייע פאָרמען און נוסחאות זיינען געווען אימפּאָרטירטע. אַפילו די אימאַזשן וואָס אונדזערע דיכטער, אונדזערע „יונגע" האָבן געברויכט זיינען געווען, אין ניין פאַלן אויס פון צען, אַנטליענע ביי די אייראָפּייאישע וואָרט־מייסטערס. זיי האָבן

זיי ניט געגומען ביי זייער אייגענעם פאָלק, וואָס קוקט באמת אויף דער וועלט מיט אירע אָביעקטן גאָר מיט אַנדערע אויגן און הערט מיט אַנדערע אויערן.

נאָך דעם ערשטן חורבן האָבן מיר רעדאַקטירט און צו אַ גרויסער מאָס געשאַפן דעם תנ"ך. ערב, בשעת און נאָכן צווייטן חורבן האָבן מיר געשאַפן די צוויי תלמודים און די מדרשים און נאָך דעם דריטן חורבן, וואָס שטייגט אַריבער מיט זיין חורבנדיקייט די פריערדיקע צוויי חורבנות, וועט זיך דער יידישער זשעני פאַנאַנדערבליצן מיט אַ נייער אַנטפלעקונג אויף דעם אומענדלעכן יידישקייט־האָריזאָנט, וואָס וועט פאַרטונקלען אַלע אונדזערע ביז־איצטיקע יצירה־טייערקייטן.

אונדזער עלטער וועט ווערן אַ נייע יוגנט.

לויט דעם מדרשס אויפפאַסונג בויט דער קדוש־ברוך־הוא אויף וועלטן און מאַכט זיי חרוב און בויט אויף נייערע און בעסערע וועלטן. אַט־אַזוי טוט דער יידישער געניוס.

נאָך יעדן חורבן קומט אַן אויפבוי. און וואָס גרעסער דער פיזישער פּאָליטישער חורבן אַלץ גראַנדיעזער איז דער קולטורעלער אויפבוי.

„געצעלטן", נומער 7, 1946

„פּאַטעטיש"

(אַן ענטפער י. י. טרונקן אויף זיינע צוויי עסייען „יידיש און העברעאיש אין היסטאָרישן קאַמף", „פּראָבלעמען פון יידישן קיום" — און „אונדזער צייט", נר' 6 און 11, 1943).

איך האָב זיך שוין לאַנג געקליבן צו ענטפערן דעם חשובן קאָלעגע י. י. טרונק, נאָר יעדעס מאָל האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן און אויך איצט טו איך עס מיט דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז עס איז כמעט ווי אוממעגלעך צו פּאָלעמיזירן מיט איינעם, וואָס שרייבט אַן עסיי מיט „פּאָעטישער פרייקייט". ער אַרגומענטירט כלומשט, באמת מוזיצירט ער מיט ווערטער, מיט זאַצן. ער שפּילט זיך מיט טעזיסן, געברויכט הנחות אינגאַנצן אַרבי־טראַריש, גיט דעפיניציעס אינדיווידועל־קאַפּריציעזע. מיט איין וואָרט, אַנשטאָט צו באַגרינדן זיין שטאַנדפּונקט, עסטעטיזירט ער און פּאַראַ־דאָקסירט. איך מיין, חס־ושלום, ניט צו זאָגן, אַז זיין סטיל איז ניט שיין; פאַרקערט, ער איז צו שיין, ער איז, לויט מיין געשמאַק, ניט אויפן פּלאַץ אין אַן אָפּהאַנדלונג פון אַ פּראָזאַאישן לעבנס־ענין, וועלכער פאַרלאַנגט כאָטש אַ מינימאַל לאָגישע טראַקטירונג און ניט קיין מאַקסי־מאַל אַרטיסטישע, אינטעלעקטועל־אימפּרעסיאָניסטישע.

אָט וואָס י. י. טרונק שרייבט:

„די יידישע ראַדיקאַלן הי צו לאַנד האָבן זיך אין אַ שיינעם פרי־מאָרגן געכאַפּט ביי דער מעשה (?), אַז עפּעס איז עס ניט מיט אַלעמען אין זייער קיניגרייך דענמאַרק און אַז זיי, די ראַדיקאַלן הייסט עס, געפינען זיך אויף אַ טראַגישער און פוסטער נאַציאָנאַלער באָדנלאָזיקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש נאָך געטער און אינהאַלטן, און מ'האָט פּאַניש געזוכט דאָס שטרוי, מיט וועלכן מ'זאָל דאָס טרויעריקע, אויפגעריסענע לאָך ווי עס איז פאַרשטאָפּן" („העברעאיש און יידיש אין היסטאָרישן קאַמף").

שוים פון ווערטער: מ'זוכט אינהאַלטן, געטער און שטרוי צו פאַרשטאָפּן אַ „טרויעריקע״ לאָך פון אַ פּוסטער באַדנלאָזיקייט...

דאָס פּראָבלעם, וואָס מאַטערט די היגע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, קען מען מיט פּוסטע ווערטער ניט פאַרענטפערן. די טראַגיק פון דער יידיש־ריידנדיקער־און יידיש־שרייבנדיקער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז פאַרבליבן אָן אַ יונגן דור, וועלכער דאַרף עס פאַרנעמען זייערע פּלעצער. און די יוגנט, וועלכע האָט זיך אַמעריקאַניזירט, האָט זיך דעראַדיקאַליזירט. אָט די דערשיינונג לאָזט זיך באַאָבאַכטן לאַוו־דווקא בלויז ביי אונדז יידן. דאָ איז געווען אַ גאַר שטאַרקע ראַדיקאַל דייטשע באַוועגונג. וואו איז זי אַהינגעקומען? ווי נאָר דער אונטערוואַקסנדיקער דור האָט אָנגענומען די שפּראַך פון לאַנד, אַזוי גיך האָט ער, אין ס'רוב פון זיינע מיטגלידער, זיך אָפּגעזאָגט פון די ראַדיקאַלע אנשויאונגען פון זייערע טאַטעס.

די טראַגיק איז פאַטאַל מיט דעם וואָס דער יידישער ראַדיקאַל ווערט ניט ווילנדיק געצוואונגען צו ווערן קאָנסערוואַטיוו, קאָנסערווירן אַ פאָרם, וואָס האַלט אין פאַרשווינדן פאַר אונדזערע אויגן. נאָך ערגער, ער מוז ווערן „רעאַקציאָנער״, ד״ה, ער מוז רעסטאַווירן אין אַ געוויסער מאָס עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז שוין אין לעבן ממש כמעט ווי ניטאָ. דער פאָלקסמענטש, דער אַרבעטער רעדט שוין אַ נייע שפּראַך, אַ נייעם „זשאַרגאָן״, אַ מין אַמאַלגאַם פון יידיש און ענגליש. די ברייטע מאַסן פון פאָלק ריידן ניט דעם לשון, אויף וועלכן מיר שרייבן און ריידן.

ווי פּטרט י. י. טרונק אָפּ אָט־דעם ווייטיקדיק פּראָבלעם? מיט גרויס־ריידעריי.

אָט־וואָס ער שרייבט:

„אויף די פליינען פון גאָר דער וועלט וועלן מיר זייען דאָס קערנדל פון אַ גרויס און וועלט־אויסלייזעריש לעבן״ (דאָרט).

איין קערנדל וועט ניט קענען פאַרזייען די „פליינען פון גאָר דער וועלט״ סיידן אין נוסח פון „כלא עלמא לא פליגא״ פון תלמוד, וועלכער האָט פאַרשטאַנען אונטער דער גאָרער וועלט די פאָר ווייניקע־איינציקע, וואָס לערנען תלמוד. און ווי אַזוי וועלן מיר עס זייען, מיט וועלכן כוח, אין וועלכן לשון? און וואָס מיינט ער מיטן וואָרט אַ „וועלט־אויסלייזעריש יידיש לעבן״? ער פּרעדיקט משיחיזם און וויל ניט באַגרייפן, אַז דורך דעם ווערט ער אַליין נעבעך געשטראָפט און פאַלט אַריין אין דער „כת״ פון „יידישקייט־זוכער״ אָדער, וואָס איז נאָך געפערלעכער, „יידישקייט־געפינער״. ווער האָט אים געזאָגט, אַז די וועלט דאַרף אויסגעלייזט ווערן, און פון וואַנען ווייסט ער, אַז עס איז פאַראַן אַ מעגלעכ־

קייט אויסצולייזן אָט־די פּאַרפּאַלענע וועלט, דעם „עלמא דשיקרא", און ווער האָט עס אים געזאָגט אַז מיר, יידן, זענען עס די יעניקע, וועלכע זענען באַרופן, האָבן אַ ספּעציעלע שליחות, אויסצולייזן די וועלט? דאָס זענען דאָך די „אומלעגאַלע" עלעמענטן פון דער יידישקייט פון וועלכער ער חוזקט אָפּ, דאָס שמעקט דאָך מיט דעם אַלטן־אַלטן „אתה בחרתנו מכל העמים".

הפּנים, קאָלעגע י. י. טרונק, מענטש בלייבט מענטש און אים איז נאָך אַלץ לייכטער צו זען ביי יענעם אין אויג אַ שטויבעלע ווי ביי זיך אין די אויגן אַ גאַנצן הויפן זאַמד...

י. י. טרונק איבערטרייבט אָריענטאַליש־גוזמאַדיק די חשיבות פון בעלעטריסטיק בכלל און אין יידיש בפרט. אָט וואָס ער זאָגט:

„זי (די ליטעראַטור אויף יידיש) גיט אַ לאָגישן תוך די ווייטערע פּערספּעקטיוון פון אונדזער יידישן קיום אין דער מענטשלעכער געשיכטע" (דאָרט).

ערשטנס, דאַרף קיום אַלס אַזעלכער ניט האָבן קיין שום „לאָגישן תוך". לאָגיק איז אַ דיסציפּלין וואָס לערנט אונדז ווי צו דענקען ריכטיק. מיט קיין לאָגיק אויף דער וועלט קען מען קיינעם ניט באַווייזן, אַז מ'דאַרף וועלן עקזיסטירן. דעם „לאָגישן תוך" פון קיום בין איך אייך מוחל, איר גיט אונדז בעסער „לאָגישן תוך" אין אייער אַרגומענטאַציע...

אַביסל ווייטער שרייבט י. י. טרונק:

„האָט די יידישע ליטעראַטור געזען אין סאָציאַליזם דעם פּאַסיקסטן וועלט־גוף צו דער דאָזיקער אידייע... פון אַ וועלט־גייסט" (דאָרט).

טאַטע אין הימל! ווי גרויס איז דער שוואַרץ־מאַגישער כוח פון מליצה!

סאָציאַליזם באַדייט אָרגאַניזירטע, פּלאַנירטע (אויף אַ שטח פון אַ גרויס לאַנד אָדער עטלעכע לענדער וואָס געפינען זיך אונטער דער יוריסדיקציע פון איין מלוכה אָדער פון עטלעכע פאַראייניקטע מלוכות)ווירטשאַפט, ראַציאָנאַליזירטע, גוט־קאָאָרדינירטע פּראָדוקציע און דיס־טריבוציע. וואָס האָט דער סאָציאַליזם צו טאָן מיט אַ „וועלט גייסט" און אַ „וועלט־גוף", סאָציאַליזם איז אַ סאָציאַלע לערע ניט קיין פּסיכאָ־קאָסמישע און ניט קיין „פיזיאָ־קאָסמישע". סיידן קאָלעגע י. י. טרונק האָט אַן אייגענעם ריין מיסטישן משיחישן עסכאַטאָלאָגישן סאָציאַליזם.

נאָך מער, די יידישע ליטעראַטור, ווי זי איז און ניט ווי זי מאָלט זיך אָפּ אין דער פּאָעטישער פאַנטאַזיע פון י. י. טרונקן, האָט גאַנץ פלייסיק און מיט היפשער געשיקטקייט געשילדערט חסידיזם, רביים, בעלי־מופת, „קדושים", רבנים, דיינים, כלי־קודש, משכילים, ישיבה־

בחורים, אַפּיקורסים, סתם יידן, סוחרים, פּרנסים, רייכע יידן, אָרימע יידן, בעלי־מלאכות, קבצנים מכל המינים שהוא, מיט אַ צומיש פון פּראָלעטאַרישע טיפּן, — איז וואָס פאַר אַ זינען האָט עס צו באַהויפּטן, אַז די יידישע ליטעראַטור אַלס אַזעלכע אין איר גאַנצקייט איז פאַר־עקסעלענץ סאָציאַליסטיש, און זי האָט דערזען אין סאָציאַליזם אַ וועלט־גוף ? !

וועלכע גרויסע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור זענען עס סאָציאַליסטיש ? די גאָלדענע קייט ? די פאָלקסטימלעכע געשיכטן, חסידיש פון י. ל. פּרץ ? זיין מאָניש ? די פּוילישע וועלדער פון אַפּאַטאָשו ? די ווערק פון שלום אַש, זיין שטעטל, זיין קדוש השם, זיין תהילים ייד ?

מיינט אפשר י. י. טרונק די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור ? באַשטייט זי דאָך ס׳רוב פון איבערזעצונגען, און זי קען זיך זיכער ניט פאַרמעסטן מיט דער דייטשער, רוסישער און פראַנצויזישער ליטעראַטור.

אַלץ וואָס דער חשובער י. י. טרונק האָט אָנגעשריבן אין זיינע צוויי עסייען, איז רזין־דרזין, עס איז פּסעוודאָ קאַבאַליסטיק.

אָט וואָס ער שרייבט ווייטער אין צווייטן עסיי :

„אין דער גאָר יונגער מענטשלעכער געשיכטע זענען מיר נאָך ניט אַרויסגעקומען פון דער פאַזע פון עקספּערימענטירן" („פּראָבלעמען פון יידישן קיום").

דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד אין דער נאַטור־וויסנשאַפט הויבט זיך אָן מיט בעקאַנען. אין דער געשיכטע האָט קיינער קיינמאָל ניט עקספּערימענטירט. מען קען עס ניט טאָן, ווייל מען וואָלט דאַרפן דורכלאָזן דאָס געשיכטלעך לעבן פון אַ פאָלק אַמווייניקסטן צוויי מאָל דורך דער לאַבאָראַטאָריע... און דאָס איז אָן אַבסאָלוטע אוממעגליכקייט. מיר פאַרמאָגן ניט אַזעלכע לאַבאָראַטאָריעס און מיר פאַרמאָגן ניט אַזעלכע עקספּערימענטאַטאָרן און אַזעלכע פעלקער, וואָס וואָלטן זיך לאָזן פאַרשפּאַרן אין אַ קינסטלעכער, באַגרענעצטער, ספּעציעל פאַר דעם צוועק באַשאַפענער סביבה. אין סאָציאָלאָגיע האָט ניט דער עקספּערי־מענטאַלער מעטאָד קיין אָנווענדונג. און וואָס איז שייך געשיכטע איז זייער צווייפלהאַפט צי זי איז בכלל אַ וויסנשאַפט. וועגן עקספּערימענטן מאַכן אין געשיכטע איז ניטאָ אַפילו וואָס צו חלומען.

נאָר גיי האָב טענות צו אַ דיכטער, וואָס ווענדט אָן אַ דיכטערישע מאָס צום פאַרענטפערן וועלט־פּראָבלעמען !

„די צוקונפט איז דאָס קאָנסטרוקטיווע בילד פון דער מענטשלעכער זעלבסט־דערקענטניש אין דעם כאַאָס פון עקזיסטענצן" (דאָרט).

יעדע קעגנוואַרט און יעדע פאַרגאַנגענהייט, איידער זי איז געוואָרן

וואָס זי איז, האָט דאָך געמוזט פאַרדעם זיין אַ צוקונפט, און אויב די קעגנוואַרט באַשטייט פון אַ „כאַאָס פון עקזיסטענצן״, מיינט עס, אַז די צוקונפט, אין איר פראָצעס פון איבערגאַנג פון אַ פוטור־צושטאַנד אין אַ פרעזענץ־מצב, ווערט אַ „כאַאָס פון עקזיסטענצן״. בכלל גערעדט איז כאַאָס אַ מיטאָלאָגישע קאָנצעפּציע פון עפּעס אַן „ערב־מהות״ וואָס ליגט אויף יענער זייט פון עקזיסטענץ. עקזיסטענץ געהער צום קאָסמאָס, ניט צום „כאַאָס״.

„זיין (דעם מענטשנס) אַקטיווע באַציאונג צו זיין צוקונפט, ד״ה, צו דער געשטאַלט פון אַן אַקטיוון מענטשלעכן געוויסן אין דעם כאַאָס פון דער וועלט״ (דאַרט).

פון וואַנעט נעמט י. י. טרונק די זיכערקייט אַז די צוקונפט מוז געבויט ווערן אויף יושר און ניט אויף רשעות? גלויבט ער אַז „דאָס גאַנצע שלעכט וועט ווי רויך פאַרשווינדן?״ דאָס זענען דאָך רעליגיעזע, ניט קיין וויסנשאַפטלעכע פּאָסטולאַטן.

און ווער זאָגט עס, אַז די וועלט שטייט אונטערן צייכן פון כאַאָס? די וויסנשאַפט לערנט, אַז אין דער וועלט איז פאַראַן אַ שטרענגע געזעצמעסיקייט, אַניט וואָלטן דאָך די געזעצן פון די נאַטור־וויסנשאַפטן זיך ניט געפונען אין קאָרעספּאָנדענץ מיט דערווירקלעכקייט.

מען קען ניט פרעגן קיין קשיא אויף אַ פּראָסטער מעשׂה, אַפשיטא שוין אויף אַ זשורנאַליסטישער פּאָעמע וואָס פאַרמאָגט איר אייגענע פּראַכט און טראָגט אין זיך איר אייגענע „לאָגיק״.

***

צוויי פראַגן שטייען פאַר אונדז.

די ערשטע פראַגע איז: פאַרוואָס שרייבט אַ יידישער שרייבער יידיש, ווען ער באַזיצט געגנוג העברעאיש צו קענען זיך אין איר אויסדריקן און אַפילו שאַפן?

דער ענטפער איז פשוט: ער וויל, אַז די ברייטערע מאַסן פון יידישן פאָלק זאָלן אים קענען לייענען און ער זאָל דורך זיינע ווערק, פאַר־פאַסונגען, קענען אויסאיבן אויף זיי אַ ווירקונג. און ווען די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ וואָלט שרייבן דורכאויס העברעאיש, וואָלט מען דאָך סיי ווי סיי מוזן שאַפן אַ יידישע ליטעראַטור, וועלכע וואָלט באַשטיין פון איבערזעצונגען, ווי די פרומע יידן פלעגן טאָן; אַניט וואָלט זיך דאָך די אינטעליגענץ איזאָלירט פון פאָלק.

איז יידיש די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק פאַר אַלע צייטן און דורות? ניין. פאַר אונדזער צייט אין אַ געוויסן מיין — יאָ. און ווען מיר

וואָלטן זיך פּלייסן צו שרייבן אין דעם אייגענעם גייסט און נוסח ווי אונד־זערע טאַטעס און מאַמעס האָבן גערעדט אין די יידישע ישובים פון רוס־לאַנד, פּוילן, גאַליציע, אונגאַרן, רומעניע אאַ"וו, וואָלט אונדזער לשון אַנט־האַלטן אין זיך ניט ווייניקער טראַדיציאָנעל־עמאָציאָנעלע עלעמענטן, אַסאָ־ציאַציעס מיט דער גאָר גרויער יידישער פאַרגאַנגענהייט, ווי דאָס בעסטע העברעאיש. מחמת העברעאיש אָן אַראַמייאיש איז אין אַ געוויסער הינזיכט אָפּגעריסן פון יידישן לעבן, טראַכטן און שפּירן. בלויז די „משכילים" האָבן געשאַפן אַ קולט פון העברעאיש. די אמתע יידן זיינען געווען מער באַהאַוונט אין די מאמרי־חז"ל, ווי אין די פּסוקים. זיי האָבן שטודירט מער תלמוד ווי תנ"ך. אַז זיי פלעגן דאַרפן געפינען אַ פּסוק פלעגן זיי אים גיין זוכן אין גמרא, וואו ער ווערט ציטירט.

דאָס מיינט בשום אופן ניט, אַז מיר מעגן און קענען זיך פאַרגינען אָפּצורייסן זיך פון די אוצרות געשאַפענע אין העברעאיש אין משך פון דורות, וועלכע זענען דעם יידישיסט ניט ווייניקער טייער און ליב ווי דעם העברעאיסט. עס האַנדלט זיך ניט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, נייערט וועגן אונדזער קעגנוואַרט. איבער דער פאַרגאַנגענהייט האָט קיינער ניט קיין שליטה, חוץ דעם, וואָס פעלשט אירע באַריכטן.

פון וואַנעט נעמט זיך די פּאַניק, וואָס לאָזט זיך פיינלעך פילן צווישן די יידישע שרייבער?

מיר, יידישע שרייבער, זענען געגליכן צו דעם, וואָס האָט אויפ־געבויט אַ פּראַכטפולע שיף פאַר לוסט־רייזעס און אַ צאָל קלענערע שיפלעך און פּראַכט־באַרזשעס און אינמיטן־דערינען האָט ער גענומען באַמערקן, אַז די וואַסערן אין טייך נעמען אַרויספליסן און עס קען גריילעך זיין, אַז עס וועט בלייבן אַ טרוקענער דנאָ. וואָס וועט ער טאָן מיט די שיפן און שיפלעך?

מיט פּשוטע ווערטער: יידיש נעמט אויפהערן צו זיין אין אַמעריקע אַ רייד־שפּראַך, אַ מוטער־שפּראַך, זי איז שוין אַ באָבע־שפּראַך, און קען נאָך ווערן אַן עלטער־באָבע שפּראַך. דאָס איז די סיבה פון פּחד וואָס באַהערשט אַ געוויסן טייל פון די יידישע שריפטשטעלער. איך טייל ניט די שרעק, מחמת איך האַלט אַז ווען יידיש זאָל אויפהערן צו זיין אַ רייד־שפּראַך, וועט זי בלייבן אַ שרייב־שפּראַך, אַ „לשון־קודש", און אַלס אַזעלכע וועט זי זיך קענען באַהויפּטן פאַר הונדערטער יאָרן. אַלץ וואָס מיר דאַרפן טאָן, איז ניט קלאָגן אויפן „חורבן פון יידיש" און אויך ניט צושרייבן דער יידישער ליטעראַטור אַזעלכע אייגנשאַפטן און מעלות וואָס זי דאַרף גאָר ניט פאַרמאָגן כדי צו דערפילן אירע פונקציעס. נאָר שאַפן וויכטיקע ווערק וועלכע עס זאָל לוינען, כדאי זיין, צו שטודירן.

די צווייטע פראַגע איז: פאַרוואָס באַמערקט זיך אין די ראַדיקאַלע קרייזן אַ פאַרשטאַרקונג פון די יידיש־רעליגיעזע טענדענצן און שטי־מונגען? דערפאַר וואָס אַ סך פון אונדז זענען איבערצייגט, אַז „וועלט־לעכקייט" ביי אַ פאָלק, וואָס האָט גאָר אַ קליינעם חלק אין דער וועלט, ד"ה, אין דער פּאָליטישער וועלט, און פאַרמאָגט, דעריבער, ניט קיין אַפּאַראַט, מיט דער הילף פון וועלכן ער זאָל קענען דורך צוואַנג צענויפ־האַלטן דעם יידישן קיבוץ — קען ניט זיין אָפּעראַטיוו, קען ווייניק וואָס אויפטאָן פאַרן קיום. דאָרט וואו עס איז ניט פאַראַן קיין פּאָליטיק, מוז מען געברויכן עטיק. און בכדי עטיק זאָל זיין אימשטאַנד אויסצואיבן די נייטיקע השפעה אויפן פאָלק, מוז זי באַזיצן אַ גאָר מעכטיקע סאַנקציע, און די דאָזיקע סאַנקציע קען איר געבן בלויז איין דיסציפּלין, און דאָס איז רעליגיע, „יידישקייט". בנוגע דעם כוח פון רעליגיע מוז דאָך אַפילו י. י. טרונק צוגעבן, אַז „די רעליגיעס... זענען אַ סך עלטער און קומען אַרויס פון די קוואַלן פון אונדזערע אינסטינקטן, פון אונדזערע אַנונגען און פון אונדזער באַוואוסטזיין" (דאָרט). הייסט עס, אַז רעליגיע איז טיף און שטייף פאַראַנקערט אין דער פּסיכיק פון דעם מענטשן און, ממילא, אויך פון דעם יידן. לכן האַלטן מיר, אַז אויף דעם פעסטן יסוד דאַרף מען אויפריכטן דעם בנין פון ווייטערן קיום פון יידישן פאָלק, וועמען עס דראָט תמיד דער תהום פון אונטערגאַנג דורך אַסימילאַציע אָדער עקסטערמינאַציע. די געשיכטע האָט באַוויזן דורך צוויי־טויזנט יאָריקער דערפאַרונג, אַז אָט די דיסציפּלין, וואָס הייסט „יידישקייט" און באַשטייט פון אַ סך־הכל פון דינים, הלכות, מנהגים, מצוות און פילאָזאָפישע אויפפאַסונגען, אַ רעליגיעז באַשטימטן און באַשטעטיקטן שטייגער, רעליגיעז־עטישע פליכטן, וואָס זענען געוועזן קאָדיפיצירט, — האָט אויפגעהאַלטן דאָס יידישע פאָלק אין גלות. און מיר דאַרפן באַגרייפן אַז די צוקונפט שאַפט ניט קיין „יש מאין", נייערט פון די עלעמענטן און שטאָפן פון דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט.

איך מיין ניט אַז אָט־דער שטאַנדפונקט אַנטהאַלט אין זיך עפּעס אַקסיאָמאַטישעס און מ'קען עס ניט באַשטרייטן. אַזעלכע אַנדערש אומ־דענקבאַרע אמתן זענען פאַראַן ווייניק. מען דאַרף די פראַגע דיסקוטירן, באַהאַנדלען ערנסט מיט אַ קלאָרן קאָפּ און מיט אַזויפיל פשטות און שכל הישר ווי נאָר מעגלעך. גאַווהדיקער חוזק פון איין זייט און נעפּל־האַפטע מיסטיפיצירונג פון דער צווייטער זייט זענען ניט קאָנדיוציוו צו דער אויפקלערונג פון אָט־דעם פאַרפּלאָנטערטן פּראָבלעם פון אונדזער גורלדיקער צייט.

„אונדזער צייט", יולי 1944.

דער אַלטער בונד און דער יונגער „בונד"

(אין באַצוג צו י. י. טרונקס עסיי „בונד און בונדיזם" אין „אונדזער צייט", סעפּ. 1944)

1.

דער חשובער קאָלעגע י. י. טרונק האָט אָנגעשריבן אַ זייער אינטע־רעסאַנטע אָפּהאַנדלונג. זי האָט געמעגט, אפשר, הייסן: „שמע ישראל!" „הער, ר' ישראל, וואָס דו געפינסט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע!" דער גייסטרייכער עסיי אַנטהאַלט אין זיך אַ וואָרנונג, שטראָף־רייד און אַן אָנדייט אויף אַ „פּראָיעקט־פּראָגראַם" פאַר דעם אַמעריקאַנער ייד בלשון רבים.

י. י. טרונק קומט דאָס מאָל אַרויס מיט קלאָרע און שאַרפע דיבורים. ער זאָגט דער אַמעריקאַנער יידנשאַפט, אַז עס איז צייט זי זאָל אויפהערן זיך צו באַגענוגענען מיט יידישער פילאַנטראָפּיע, מיט אַרויסהעלפן דעם אָרימען קרוב, נויט־באַדערפטיקן יידנטום פון אייראָפּע און ארץ־ישראל און זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן איר אייגענעם מצב. ער רופט די אַמערי־קאַנער יידן תשובה טאָן, מאַכן אַ חשבון הנפש, באַטראַכטן די אייגענע מעשים, דעם אייגענעם אויפפיר, און זיך פאַרטראַכטן וועגן דער איי־גענער צוקונפט.

ווי האַלט עס מיטן אַמעריקאַנער יידישן ישוב, וועמענס יידישקייט און אידענטיטעט ווערט דאָ צעשמאָלצן אונטער די ליבלעך־וואַרעמע שטראַלן פון דער זון פון דעמאָקראַטישער גלייכבאַרעכטיקונג, ווי די ערשטע וואָלטן זיין געקנאָטן פון שניי...

י. י. טרונק גיט אַ גוט־צוגעטראָפענע באַשרייבונג פון דעם יידישן

קהל דאָ אין לאַנד. די יידישע מאַסן זיינען אָפּגעשטאַנען פון יידישקייט, פון יידישן המשך־לעבן, פון יידישער אייגנאַרטיקער קולטור, פון יידישע לאָיאַליטעטן און התחייבותן און זיינען, צו דער אייגענער צייט, ניט צוגעשטאַנען צום אַמעריקאַנער ניט־יידישן לעבן. זיי פּלאָנטערן זיך. זיי זיינען ניט דאָ און ניט דאָרטן. פון איין ברעג אָפּגעשוואומען, צום צווייטן ניט צוגעשוואומען, זיינען זיי אַ שפּילצייג פון ווינט און וואַסערצוגן. זיי ווערן געטראָגן פון אַן אומבאַשטימטער סטיכיע צו אַן אומבאַשטימטן ערגעץ. אויף אַזאַ שטייגער וועלן זיי קיינמאָל ניט דערגרייכן קיין פּאָרט.

י. י. טרונק שרייבט:

„די יידישע מינדערהייט אין אַמעריקע האָט זיך ניט אַנטשלאָסן נישט אויף נאַציאָנאַלן קיום און נישט אויף אַמעריקאַנער אַסימילאַציע" (ז. 32). י. י. טרונק וואָרנט קעגן דער שעדלעכער פּאַסיוויטעט, וואָס וועט אומפאַרמיידלעך ברענגען צו אַ פולשטענדיקן פונאַנדערפאַל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער איז פאַר אַ יידיש היסטאָרישער קאָנטינו־איטעט אין גייסט פון דינאַמישער שעפערישער יידישקייט. ער רופט די יידישע מאַסן זיי זאָלן זיך באַזינען, אַנטשליסן און נעמען פירן אַ פּאָזיטיוון־אַקטיוון יידישן לעבן, „אויף אַ נאַציאָנאַלן וועלט־אופן פאַרטזעצן זייער קיום אין די ראַמען פון פאַרטשרייטנדיקער מענטשהייט" (ז. 34).

אונטער אָט־דעם אויפמונטערדיקן רוף וואָלטן מיר זיך געקענט אונטערשרייבן אָן קיין קווינקלעניש, ווען ער פאַרבינדט ניט זיינע פּערס־פּעקטיוון אויף יידישקייט אויפלעבונג מיט דער איבערפלאַנצונג פון „בונד" אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן. לויט אים נאָך קומט אויס אַז „בונדיזם" איז אַ סינאָנים פאַר „שעפעריש נאַציאָנאַל יידישקייט", אַ זאַך וואָס פּאָטופּעט זיך ניט ביי אונדז אין קאָפּ.

אָט־וואָס ער שרייבט:

„ווען יידן אין אַמעריקע וועלן זיך סוף־כל־סוף באַשליסן צו גיין אויפן וועג פון פולער יידישער קאָנטינואיטעט, וועט דער בונדיזם האָבן די גרויסע שאַנסן צו זיין אַ וועג־ווייזער און אַ קאָנסטרוקטיווער אידעאַל פון יידישקייט אין אַ דערהויבענער מענטשלעכער צוקונפט" (ז. 36).

בונדיזם אַלס אַ טרעגער פון אַ אידעאַל פון יידישקייט!

דאָס איז אַזוי טשיקאַווע אַז מיר האָבן עס ניט געקענט דערוואַרטן פון דעם גרעסטן „מיסטיקער" פון בונד.

איך מיין, חס־ושלום, ניט צו זאָגן אַז דער „בונד" מיט אַלע זיינע חסרונות, פעלערן און טעותן האָט ניט קיין באַדייטענדיקע פאַרדינסטן פאַר דעם לעבן פון די יידישע מאַסן אין ליטע, פוילן. אָבער פון האָבן

פאַרדינסטן אויפן פעלד פון עקאָנאָמיק, פון אויפהויבן דעם ניווא פון ווירטשאַפטלעכן מצב פון די אונטערדריקטע אָרעמע יידישע מאַסן, פון לערנען מיט זיי דעם אלף־בית פון פּאָליטישער טעאָריע און פּראַקטיק, פון אַפילו זיך מאַכן פאַרדינט אויפן געביט פון קולטור אין דעם גאָר עלעמענטאַרן פשט פון וואָרט, ווי אויסלערנען דעם פאַרגרעבטן און פאַרשקלאַפטן אַרבעטער צו לייענען אַ פּראָקלאַמאַציע, אַ פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע בראָשור און זאַגאַר, צייטנווייז, אַ ביכל — ביז צו פּראָקלאַמירן זיך אַלס „אַ קאָנסטרוקטיווער אידעאַל פון יידישקייט" איז אַ גאָר ווייטער מהלך.

עס שטעלט זיך די פראַגע: האָט דער „בונד" אין זיין ליטעראַטור אַרויסגעוויזן געגנוג יידישן זעלבסטשטענדיקן דענקען אַרויסצוקומען וצו דער ראַדיקאַלער וועלט מיט ראַדיקאַל־יידישע פּאָדערונגען? דער „בונד" האָט זיך באַגנוגענט מיט אַן אויטאָנאָמיע פאַר די יידישע מאַסן, בשעת די ניט־יידישע פאַרמאָגן אימפעריעס. איז דאָס, דער נעבאַכדיקער אויטאָנאָמיע־פּרינציפּ, אַ ראַדיקאַלע לייזונג פון דער יידן־פּראַגע וואָס איז בעיקר אַ שטאַט און טעריטאָריע פראַגע? בנוגע יידן האָט דער „בונד" ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין שום ראַדיקאַליזם, נייערט אויסגעשפּראָכענעם רעפאָרמיזם. ווען עס איז געקומען צו יידישע פּאָזיטיווע קאָנסטרוקטיווע ענינים איז דער „בונד" כמעט תמיד געבליבן אָן לשון, ער האָט געשטאַמלט, סיידן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן שאַרף פּאָלעמיזירן מיט זיינע קעגנערס אָדער סתם אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע אנגעלעגנהייטן. בכלל דאַרף מען נאָך צוגעבן, למען האמת, אַז דער „בונד" איז קיינמאָל ניט געווען מאַקסימאַליסטיש אַפילו וואָס איז שייך אַלגעמיינע פראַגן פון סאָציאַלן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, אַפשיטא שוין וועגן יידישן פאָלקס־אויפריכט, יידישן גאולה־לעבן.

חוץ דעם איז אונדז מער ווי אַ ביסל קשה דאָס וואָס קאָלעגע י. י. טרונק וויל דווקא אידענטיפיצירן בונדיזם מיט „שעפערישע יידישקייט", סיידן זיינע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס פירן אים אַראָפּ פון דרך הישר פון לאָגיק, און עס איז דאָך באַוואוסט אַז „אהבה מקלקלת את השורה" [1], פאַרליבטקייט פאַרווירט די גראַדע ליניע... אָדער ווי זאָגט דאָס פאָלק־ווערטל: ליבע איז בלינד אויף ביידע אויגן. מיר ווילן קיינעם ניט וויטאָן. אָבער אָן אמת מעג מען דאָך זאָגן אַפילו וועגן אייגענעם טאַטן: „בונד", בונדיזם און שעפערישקייט זיינען ניט קיין „פּאָר קלײדער". בכלל

1) סנהדרין, ק"ה, ע"ב.

האָט דער ראַדיקאַליזם אויף דער יידישער גאַס זיך ניט געקענט איבער־נעמען מיט אָט־דער טוגנט וואָס הייסט „קרעאַטיווקייט".

צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן! דער הויפּט־פעלער פון ראַדיקאַליזם אויף דער יידישער גאַס איז געווען דאָס, וואָס ער איז ניט געווען קיין יידישער ראַדיקאַליזם, נייערט אַ ראַדיקאַליזם ביי יידן. די ראַדיקאַלן בנוגע יידישע פּראָבלעמען זיינען געווען אָפּאַרטוניסטן, פּראָסטע פיליס־טערס, אָדער גלאַט „באַלעבאַטישע" יונגעלייט, אָן מוט, אָן דרייסט, אָן אונטערנעמערישקייט. „די יידן־ראַדיקאַלן זיינען געווען קעמפער, העלדן, אָבער אַלץ אויף דעם אַלגעמיינעם געביט פון סאָציאַלער איבערקערעניש, איבערבויעניש, ווען זיי זיינען געווען זיכער אַז דער „גוי" גייט מיט מיט זיי, אָדער וועט מיטגיין, ריכטיקער אַז דער „גוי" גייט פאָרויס, אַז די ניט־יידישע פּראָגרעסיווע וועלט האַלט מיט זיי. בנוגע אָבער יידישן אויפריכט, יידישקייט־אויפלעב, אויסקריסטאַליזירונג פון יידישער אידעאָ־לאָגיע און פאָרמולירונג פון סאָציאַל־פּאָליטישע אידעאַלן אַזוי אַז זיי זאָלן קענען דינען לטובת דער יידנשאַפט אין קאָנטראַסט, אין קאָנפליקט מיט דער רשעות'דיקער גוי'אישער וועלט, זיינען די יידן־ראַדיקאַלן געווען אָפּהענטיק, אומבאַהאָלפן און פאַרלאָרן. אויף אייגענער אחריות און גייסטיקער ריזיקע האָבן זיי מורא געהאַט עפּעס צו זאָגן און אַפּשיטא שוין עפּעס צו אונטערנעמען. אָן דעם הסכם און סאַנקציע פון דער גוי'אישער פּראָגרעסיווער וועלט האָבן זיי ניט דערוואַגט זיך צו שטעלן אַ טראָט.

ווי אַנדערש האָבן זיך געהאַלטן אונדזערע גייסטיק שטאָלצע טאַטעס. זיי האָבן קיין מורא ניט געהאַט צו פאַרמשפּטן די גאַנצע געצנדינערישע וועלט פון אַלטערטום און די קוואַזי־קריסטלעכע ציוויליזאַציע פון מיטל־אַלטער. די שכנים, ריכטיקער די בעלי־בתים, די הערשער האָבן באַהויפּט אַז ישו איז אַ גאָט, אַ זון פון אַ גאָט און דער בזוי ומבוזה יידל האָט געהאַט אין זיך גענוג אינערלעכע גאווה אַרויסצוקומען און זאָגן, אַז אָט־דער גאָט און זון פון גאָט איז געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ פּשוטער „ממזרוק". איך גיי ניט אַריין אין דעם צי אָט־דער „גלות־ייד", וואָס האָט זיך כלומרשט געלאָזט טרעטן אונטער די פיס, איז געווען גערעכט אין זיין עקסטרעמען ביטול־פּסק. אָבער קרעדיט פאַר זיין „אומ־אָפּהענגיקייט פון מיינונג", דרייסט פון איבערצייגונג מוז מען אים געבן. דאָס פאַרדינט ער, לכל־הדעות.

דער ראַדיקאַליזם אויף דער יידישער גאַס איז געווען עפּעס פרעמדס, אַנטליענס. מ'האָט עס געבראַכט ווי, פון ערגעץ, צושלעפּן. אַ נייער סאָרט

„מיסיאָנערן" האָבן געבראַכט אַ נייע תורה. די ראַדיקאַלן, סיי די סאָציאַ־ליסטן און סיי די אַנאַרכיסטן, האָבן ניט געשאַפן, צו אונדזער שאַנדע, קיין איין יידיש אָריגינעלן געדאַנק. זיי האָבן, פשוט, געמאַלפּעוועט, נאָכגעזאָגט וואָס זייערע קלוגע „גענאָסן" ניט־יידן האָבן געזאָגט. זיי האָבן איבער־געחזרט פרעמדע תורות ווי געטרייע חוזרס ביי די רבײם. ווי גוטע פּלאַסטינקעס אויף אַ נייעם גראַמאָפאָן האָבן זיי איבערגעגעבן ניט נאָר די ווערטער פון די פרעמדע זאָגערס, נייערט אַפילו יעדן בויג און נויג, יעדע וויבראַציע פון דער שטים. די ראַדיקאַלן אויף דער יידישער גאַס זיינען עפּעס ווי געשטראָפט געוואָרן פון אונדזער אל קנא ונוקם און זיי זיינען געווען אָדער עקרס, אָדער סריסים, אָדער גלאַט אַזוי זיך אָן קיין שום כוח גברא. אַזאַ סטעריליטעט, רחמנא ליצלן, האָט מען גאָר קיינמאָל ניט געזען אין דער יידישער קולטור־משפחה.

ווי אומגעלומפּערט, באַגרענעצט, נאַאיוו, שטותעוואַטע און היפּט טעם'לאָז און עם־הארצותדיק אונדזערע „פּיעכאָטנע" מגידים זיינען ניט געווען, האָבן זיי פּאָרט באַוויזן צו שאַפן אַן אייגענעם נוסח, אַ זאָגעכץ פאַרווירצט מיט אַ ציור, מיט אַ משל און נמשל. ווי אומוויסנדיק, אין הלכות האַרמאָניע, אונדזערע חזנים זיינען ניט געווען, האָבן זיי פּאָרט באַוויזן צו שאַפן אַן אייגענע נגינה, אַן אייגנאַרטיקן קרעכץ און ציקל. ווי אָפּגעשטאַנען, פאַרקנאָכערט, פאַרגליווערט אונדזערע רבנים זיינען ניט געווען אין זייער אומלאָגישער פּילפּוליסטיק, אין זייער „אויסרייסן בערג און צעמאָלן זיי מיט אַ סברא", האָבן זיי פּאָרט געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע דיסציפּלין, אַ יידישע קאָפּ־גימנאַסטיק, אַ חריפותדיקן אינטעלעקט־שפּיל און אַן אייגענע געלערזאַמקייט, אַן אייגענע ערודיציע, אַן אייגענעם שאַרפזין, — ניט קיין אַנטליענע, ניט גענומענע אויף פּראָקאַט ביי דער אַרומיקער אַקאַדעמישער סביבה.

דער ראַדיקאַליזם אויף דער יידישער גאַס האָט ניט געהאַט צו זיין קרעדיט קיין איינאיינציקן אָריגינעלן ביטראָג. ער האָט זיך גענערט מיט איבערזעצונגען אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט כלומרשט פאַרפאַסט אייגענע ווערק.

עס איז אָנגעגאַנגען אַ דערעסלעכע, פאַרדריסלעכע צום־ברעכן־קערנ־דיקע מעלה־גרהניש. מ'האָט געהאַלטן אין איין פּאָפּולאַריזירן און וואול־גאַריזירן ווילד־פרעמדע היפּש־פּלאַטשיקע אידייען, אויסגעדראָשענע אויס־געבאַרגטע רעיונות. אַזוי אַז די יידישע מאַסן האָבן געקראָגן איבערגעקייטע איבערקייעניש און מיט דעם האָט זי עס געמוזט זיך קוויקן. דער יידישער היסטאָריקער, אויב ער וועט זיין אומפּאַרטייאיש און אויסגעשפּראָכן, וועט

באַצייכענען אָט די עפּאָכע פון אויפגעבלאָזענעם כלומרשט ראַדיקאַליזם אַלס די צייט, ווען די שאַפונגס־שכינה האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון דער יידישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, וועלכע איז געוואָרן ניט נאָר גוי׳איזירט, נאָר אויך פאַרטעמפּט, פאַרפּאָפּוגאַיעוועט...[2])

.2

קאָלעגע י. י. טרונק שאַצט אָפּ דעם יידישן גלות־בייטראָג צו דער אַלגעמיינער אָנגעווענדטער סאָציאָלאָגיע, דעריבער איז אונדז אומפאַר־שטענדלעך ווי אַזוי ער קען זיך דערלויבן אָוועקצושטעלן יידישקייט און אַמעריקאַניזם אויף איין ברעטל. אָט וואָס ער שרייבט:

„צי דאַרפן יידן אַזוי ווי זיי זיינען אין זייער וועזן אַלס עקספּערימענט פון אַ נאַציאָנאַלער וועלט־נאַציע זיך אָפּזאָגן פון זיך צוליב אַן אַנדערן עקספּערימענט פון אַ נאַציאָנאַלער וועלט־נאַציע, אַ וועג אויף וועלכן עס הויבט אָן צו גיין אַמעריקע. אָבער אַמעריקע טוט עס נישט אין אַזאַ אויסגעשפּראָכענער און געוואַגטער פאָרם, ווי עס האָבן באַוויזן צו זיין יידן אין זייער מהות און אין זייער קאָנטינואיטעט" (ז׳ 32).

איך באַגרייף קוים, ווי מ׳קען זיך אויסדריקן אַזוי טויטאָלאָגיש און זאָגן אַז אַ „נאַציע" איז „נאַציאָנאַל". דאָס מיינט דאָך לאָזן הערן, אַז וואַסער איז וואַסערדיק. אַזאַ באַשרייבונג איז לער און פּוסט, זאָגט גאָרניט, דעקט ניט אויף דעם פאַרהוילענעם מהות פון דעם אָביעקט. און אויב די אַדיעקטיוויזירונג פון אַ „וועלט־נאַציע" אַלס „נאַציאָנאַל" איז ניט קיין פּשוטע טויטאָלאָגיע, נייערט וויל דווקא עפּעס זאָגן און אַנטהאַלט טאַקע באמת יאָ אַ מיין, איז עס אין פאַרבינדונג מיט דעם צוויי־וואָרט „וועלט־נאַציע" אַ קאָנטראַדיקציע אין טערמינען. מחמת אַ „וועלט־נאַציע" קען ווירקלעך ניט זיין „נאַציאָנאַל" אין געוויינטלעכן טייטש פון אָט־דעם אַדיעקטיוו. זי מוז זיין עפּעס מער. זי מוז זיך אַריבערהויבן איבער דעם באַגרעניצטן איינגנוצלעך־פּאַטריאָטישן נאַציאָנאַליזם פון אַ דורכשניטלעך טעריטאָריעלער־שטאַטלעכער נאַציע. מ׳קען ניט אין איין אָטעם באַשרייבן יידן אַלס אַ „וועלט־נאַציע" און זיי צושרייבן דעם אַטריבוט פון „נאַציאָנאַל" אַן באַשטימטע קוואַליפיקאַציעס.

ווען מ׳האָט געפרעגט י. ל. פּרצן צי ער איז אַ נאַציאָנאַליסט, האָט ער געענטפערט: „נאַציאָנאַליזם איז דער אויסגאַנג־פּונקט, דער צוועק איז

2) אבא גאָרדין, די סאָציאַלע פראַגע, ז״ז 6—5, 1940.

דער מענטש. איבערשטאַטלעכער נאַציאָנאַליזם איז דער יידישער נאַציאָנאַליזם" [3]). און אַפילו ער האָט זיך אויך ניט פּינקטלעך אויסגעדריקט, ווייל ער באַצייכענט דעם חילוק צווישן כנסת־ישראל און די אומות העולם בלויז מיט אַן אַדיעקטיוו, און דאָס איז ניט גענוג. דער טערמין „נאַציאָנאַליזם" בנוגע דער יידנשאַפט איז ניט אָנווענדבאַר.

דער פרומער טראַדיציאָנעל פאַרוואָרצלטער ייד איז געווען איבער־צייגט, אַז די יידנשאַפט איז אַן אויסנאַם, אַ חד בדרא. זי איז ניט געבויט, ווי אַלע אַנדערע נאַציעס. די יידן זיינען אַנדערש פון די גויים, ישראל פאָלק איז ניט גלייך צו די איבעריקע אומות. „הבדלת וקדשת את עמך ישראל בקדושתך" (הבדלה פון יום־טוב).

די נאַציאָנאַלע אָנשויאונגען אויף דער יידישער גאַס, וועלכע זיינען עס געקומען צו פאַרבייטן מיט זיך די רעליגיעז־פרומע אויפפאַסונגען וועגן דער יידישער אומה, זיינען רעאַקציאָנער, שעדלעך, האַפטלאָז און דערצו נאָך לחלוטין אויסערן פלאַץ. די אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישע אָנשויאונגען האָבן זיך אָריענטירט אויף דעם יחיד און זיין גלויבן, זיין אָנדערקענונג, זיין צושטימונג, זיין אָננעמונג פון דער תורה, זיין באַוואוסט־זיניקעס אַרויפלייגן אויף זיינע פלייצעס דעם יאָך פון די מצוות, פון געוויסע התחייבותן און פאַרבאָטן. יעדער יחיד אַלס אַזעלכער איז געווען אַ מחוייב במצוות, איז געווען אַ בר־עונשין, אַ סוביעקט פון רעכט און פון פליכט. זיינען געקומען די אַז אָך־און־ווײ „פראָגרעסיסטן" און האָבן אַריינגעבראַכט אין יידנשאַפט באַגריפן פון אָפּשטאַם, פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, פון בלוט־לאָיאַליטעט. דאָס זיינען אַלץ השגות וואָס האָבן מיט דער פערזענליכקייט אין איר רייפקייט, אין איר געוואוירזיין, גאָר ניט וואָס צו טאָן. און אָט־די אָבסקוראַנטישע, פינצטערלינגישע אויפ־פאַסונגען האָבן עס פאַראָדירט, געפראַנטעוועט אויף דער יידישער גאַס, אין אונדזער תהו ובהו און בלבול־המוחות, אַלס דאָס לעצטע וואָרט פון „ציוויליזאַציע", אַלס דער שפּיץ פון וויסנשאַפטלעכער „חכמה" [4]).

און בכלל פאַרוואָס געברויכן דעם טערמין „נאַציע" און ניט דעם וואָרט „פאָלק", „וועלט־פאָלק", ווי י. ל. פרץ האָט געברויכט [5]). מעגלעך אַז ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט איינגעפירט דעם וואָרט, הגם דער באַגריף האָט עקזיסטירט פון לאַנג־אָן און האָט געפונען זיין

3) נחמן מייזל, בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ, ז' 408.

4) אבא גאָרדין, מאָראַל, ז"ז 70—161.

5) נחמן מייזל, בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ, ז' 352.

פאַרטייטש אין „עם־עולם". אַן אָנוואונק אויף דער „אַלוועלטישקייט" פון ישראל געפינען מיר אין זאָג פון תלמוד: אַ טובה האָט דער קדוש־ברוך־הוא געטאָן די יידן מיט דעם וואָס ער האָט זיי פאַרשפּרייט צווישן די פעלקער [6].

איך הויב אויך ניט אָן צו פאַרשטיין וועלכן געגוי־ממשות׳דיקן סאָציאַל־פּאָליטישן אינהאַלט קאָלעגע י. י. טרונק לייגט אַריין אין טערמין „וועלט־נאַציע". מיינט עס אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך אין דער וועלט, ד"ה, מחוץ פון די באַשטימטע געאָגראַפישע גרענעצן פון אַ פאָטערלאַנד, פון אַ טעריטאָריעלער באַזע, טאָ ווי אַזוי שיקט זיך עס אָנגעווענדט צו ווערן ווי אַ באַצייכענונג פון „אַמעריקאַנער פאָלק". לויט י. י. טרונק זיינען די אַמעריקאַנער אויך אַ „וועלט־נאַציע", איז אַמעריקע ניט קיין דעפיני־טיווער געאָגראַפישער טערמין? געפינען זיך די „פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון מעריקע" מחוץ פון אַ טעריטאָריעלער מלוכהשער באַזע?

ווי אַזוי קען אַמעריקע שאַפן אַ „וועלט־נאַציע" וואָס זאָל זיין ענלעך צו דער ידישער „וועלט־נאַציע"?!... דאָס האָט אַ פנים ווי צו זאָגן אַז העברי פאַרד און אַ פּראָלעטאַריער, אַ זון פון אַ פּראָלעטאַריער זיינען ביידע גלייך אין דעם וואָס זיי באַזיצן ניט קיין פּריוואַט־אייגנטום רעכט אויף די אינדוסטריע־מכשירים. אַלץ וואָס מיר קענען זען איז אַז אַמעריקע ווערט אַלץ בולטער אויסגעקריסטאַליזירט ווי אַן אימפּעריע, אַ מעכטיקער שטאַט, וואָס וועט זיך מסתמא אויסציען אויפן גאַנצן שטח פון דעם אַמעריקאַנעם קאָנטינענט, אַריינגעמענדיק אי דעם צענטער, צענטראַל־אַמעריקע און אי דעם דרום, דרום־אַמעריקע. אָבער דאָס אַלץ ווערט געשאַפן אויפן אַלטן יסוד פון „טעריטאָריאַליזם", פּאַטריאָטיזם; דער שטאַט איז פאַרפונדעוועט און האַלט זיך און פונקציאָנירט אויפן פּרינציפּ פון באָדן, לאַנד.

אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט דער אַמעריקאַנער אויפטו, ווען מע שליסט אויס דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע, וועלכער איז דאָך אויס־געאַרבעט געוואָרן טעאָרעטיש אין אייראָפּע און וועלכער איז אויך דאָרט אָנגעווענדט געוואָרן? אין דעם וואָס דאָ ווערן צענויפגעשמאָלצן פאַר־שיידענע פעלקער, אין איין פאָלקס־סובסטאַנץ? איז דאָס טאַקע אַזאַ נייס? און איז עס אַזאַ וויכטיקער סאָציאָלאָגיש פּאָזיטיווער „עקספּערימענט"? דאָס מיינט דאָך בלויז אַז די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, וועלכע איז פאָרמירט און פאָרמולירט געוואָרן אין אַ צייט, ווען מ׳האָט ווייניק וואָס

6) פסחים, פ"ז, ע"ב.

געוואוסט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און מינדערהייט־רעכט, איגנאָ־רירט די דאָזיקע פּראָבלעם און גיט ניט קיין אויטאָנאָמישע רעכט צו די נאַציאָנאַליטעט־טייל־קערפּערשאַפטן וואָס געפינען זיך אין דער ספער פון איר טעריטאָריעלער יוריסדיקציע. אמת, די עמיגראַנטן קומען אַן אַלס יחידים. אָבער די יחידים צייגן אַרויס גאַנץ גלאַר אויסגעשפּראָכענע טענדענצן זיך צו אַגלוטינירן, זיך באַהעפטן סאָציאַל־פּאָליטיש מיט זייערע „לאַנדסלייט", פאָלקס־לייט, נאָר דער אַמעריקאַנער שטאַט מאַכט זיך פון דעם ניט וויסנדיק, אונטערדריקט אָט־די טענדענצן און פלייסט זיך מיט כל־הכוחות צו שאַפן פון זיי איין פאָלקסטום־וועזן. איז דאָס אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג? מיינט עס ניט צעברעכן און צעדרוזגען אויסגעפּרעגטע נאַציאָנאַל־כאַראַקטעריסטיקס פון באַשטימטע קערפּער־שאַפטן?! איך פאַרשטיי ניט ווי אַזוי אַ פּראָגרעס־מענטש וואָס האַלט אַז פּערזענלעכקייט־אויסקריסטאַליזירונג, אינדיווידואַליטעט־קולטיווירונג איז די גרעסטע דערגרייכונג פון ציוויליזאַציע, קען פון אָט־דעם אַמעריקאַניזם, פון אָט־דער וואולגאַרער ניוועלירונג און צעשמירונג פון פאָלקסטימלעכע פנימער און קולטור־פיזיאָנאָמיעס, נתפּעל ווערן, און אַפילו מער, שפּרינגען קדוש פאַר דעם.

און אין וואָס האָט דאָ י. י. טרונק דערזען דעם גרויסן חידוש? אין שמעלץ־טאָפּ און שמאַלץ־גרוב? איז דאָס אַ נייעס אין דער געשיכטע, איז דאָס אַ נייער סאָציאָלאָגישער עקספּערימענט? אַלע צאָלרייכע פעלקער זיינען אַמאַלגאַמס און זיינען בערך אָט אַזוי גרויס געוואָרן, דורך די אַסימי־לירטע, אַבזאָרבירטע מענגעס. דער גאַנצער אונטערשייד באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס בנוגע אנדערע פעלקער איז עס פאָרגעקומען מיט הונדער־טער יאָרן צוריק, בנוגע אייניקע נאָך אין דער פאַרגעשיכטע, און דאָ אין אַמעריקע האָבן מיר די זכיה צו באַאָבאַכטן דעם געווייגטלעך פעלקער־שאַפנדיקן פּראָצעס מיט אונדזערע אייגענע אויגן, אַנשטאָט צו לייענען וועגן דעם אַ באַריכט אין עטנאָגראַפישער היסטאָריע.

אָט־די אַמאַלגאַמירונגען זיינען אַלט ווי דער אַלטערטום און נאָך עלטער.

„אין בית מדרש איז אַריין אַ גר אַן עמוני און ער האָט געפרעגט: מעג מען מיך אַריינגעמען אין דער יידישער געמיינדע. רבן גמליאל האָט געענטפערט: דו טאָרסט ניט אַריינגענומען ווערן. האָט רבי יהושע געזאָגט: דו מעגסט אַריינקומען אין דער יידישער געמיינדע. האָט געזאָגט צו אים (צו רבי יהושע) רבן גמליאל: עס איז דאָך אָבער געזאָגט געוואָרן 'אַן עמוני און אַ מואבי זאָל ניט קומען אין דער עדה' (דברים כ"ג, ד'),

האָט אים רבי יהושע געענטפערט: עמון און מואב זיצן דען אויף זייערע פלעצער, סנחריב, דער קעניג פון אשור, איז דאָך אויפגעשטאַנען און ער האָט אויסגעמישט אַלע פעלקער, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ׳און איך שאַף אָפּ די געמאַרקן פון די פעלקער און זייערע רייכטימער האָב איך צערויבט און מיט מאַכט טו איך דערנידערן די איינוואוינער׳ (ישעיה י׳, י״ג), און ווער עס שיידט זיך אָפּ, שיידט זיך אָפּ פון דער מערהייט...״ [7])

אָט־די עטנאָ־כעמישע פאַרשמעלצונגען פלעגן פאָרקומען דורך דעם מלאך־המות, אין אַמעריקע קומט עס פאָר דורך עמיגראַציע, אַ טראַנס־פערענץ וואָס האָט איר צוואַנגס־קראַפט אין עקאָנאָמישן נויט, בעיקר, און ניט אין פּאָליטישן קאַטאַסטראָפאַלן אומגליק. הגם דער פּאָליטישער דרוק און פאַרפאָלגונגען אין די לענדער פון דער אויסוואַנדערונג האָבן אויך אין די פאַלן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע.

אידעאַליזירן אָט־דעם אַמאַלגאַמירונג־פּראָצעס דאַרף מען ניט און מ׳קען ניט, ווען מע האָט אַן אויג פאַר דאָס טראַגישע, וואָס דאָ שפּילט זיך אָפּ, איבערהויפּט אין דעם מלוכה־שול־וועזן.

„צבועיאַקעס! אין דער זעלביקער אַמעריקע, וואו מ׳איז מכלומרשט פּראָגרעסיוו, מ׳רעכנט זיך מיט דער אינדיווידואַליטעט פון קינד, מ׳פּירט איין נייע מיטלען פון קינדער־קלאַסיפיקאַציע, אויסטיילן די פּעאיקע, איבערזעצן אין מיטן יאָר, — אָט־די אַמעריקע גיסט ווי אין אַ הוטע־אויוון אַלע נאַציאָנאַל־קאָלעקטיווע פסיכיקעס, וואָס פאַלן אין איר אַריין. און נאַרישער און עוולה׳דיקער, חרפּה׳דיקער און בזיונ׳דיקער און קאָמי־שער זעט אויס די גויאיזאַציע דאָרטן, וואו זיי אַליין, די תושבים כביכול, האָבן ניט קיין אייגענע נאַציאָנאַל־שפּראַך, קיין נאַציאָנאַל־פּסיכיק, קיין נאַציאָנאַל־קולטור. זיי זיינען בכלל דערווייל קיין נאַציע ניט. הגם די גויאישקע פּאָליטאָלאָגיע האַלט דעם שטאַט פאַר אַ סימן מובהק פון אַ נאַציע און, על־כן, מוזן נעבאַך די אַמעריקאַנער פּראָפעסאָרן דורך כל המיני סאָפיזמען „אַרויסדרינגען״ אַז עס איז שוין פאַראַן אַן אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָלאָגישער און נאַציאָנאַלער טיפּ. וואָס קען ביישטיין קעגן ווילן פון אַ פּראָפעסאָר!״ [8]).

„אַמעריקאַניזם״ וואָלט געווען אַ גרויסע אינאָוואַציע, ווען די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלטן פאַרשטעלן מיט זיך פאַראייניקטע נאַציאָ־

7) ברכות, כ״ח, ע״א.

8) ברידער גאָרדין, פּעדאַגאָגיק, ערשטער טייל ז״ז 50—49 (רוסיש) מאָסקווע 1918.

נאַליטעטן מיט זייערע אייגענע קולטורן, שטאַטן וואָס באַזירן זיך אויפֿן פּרינציפּ פֿון פּערזענלעכער אַנגעהעריקייט און ניט אויפֿן יסוד פֿון לאַנד. די איינציקע מדינה וואָס אין איר נאָמען, ניט אין דער סטרוקטור, ווערט איגנאָרירט דער טעריטאָריעלער פּרינציפּ איז דער „פֿאַרבאַנד פֿון סאָוועטישע רעפּובליקן", און דאָרט מיינט עס ניט די פֿאַרניינונג פֿון טעריטאָריעלן פּרינציפּ, נאָר עפּעס גאָר־אַנדערש, אַן אָנזאָג אַז די עקספּאַנסיע וועט זיך ניט אָפּשטעלן, וועט זיך ניט רעכענען מיט קיינע פֿונפֿאַרדעם פֿאַרפֿיקסירטע טעריטאָריעלע גרענעצן.

3.

אונדז קומט פֿאָר אַז אויך די פּראָבלעם פֿון קיום־האומה, און זיין קעגנזאַץ, אומקום פֿון דער אומה דורך אַסימילאַציע, איז ניט אָוועקגעשטעלט אין דער ריכטיקער פּאָזיציע אין י. י. טרונקס גייסטרייכן עסיי. אָט וואָס ער שרייבט:

„יידן זאָלן בשותפֿות מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס באַשאַפֿן די צוקינפֿטיקע אַמעריקאַנישע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע געשטאַלט" (ז' 32).

ניט די יידן אַלס אַן אַגרעגאַט, ניט די איבעריקע נאַציאָנאַלע גרופּעס באַשאַפֿן אַן אַמעריקאַנישן געשטאַלט. אין פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע באַטייליקן זיך יחידים, וואָס רייסן זיך אָפּ, שיידן זיך אַרויס פֿון זייערע גרופּעס, און בשום אופֿן ניט די „נאַציאָנאַלע גרופּעס" אַלס אַזעלכע. דער יחיד דיסלאָקאַליזירט זיך, לייזט אויף דעם קנופּ וואָס האַלט אים צוגעקניפּט צו זיין פֿאָלק, ער זאָגט זיך אָפּ פֿון זיין אידענטיטעט אַלס אַ מיטגליד פֿון אַ באַשטימטן קאָלעקטיוו, און טרעט אַריין, ביסלעכווייז, בהדרגה וואָס קען געדויערן אַמאָל אַ דור אָדער צוויי דורות, אַלס אַ טייל אין אַ נייעם „אָרגאַניזם". די יידן קענען זיך ניט אַסימילירן „בשותפֿות". אין אַסימילאַציע איז ניט פֿאַראַן קיין „שותפֿות". דער באַגריף שותפֿות שיקט זיך דאָרטן, וואו יעדער פּאַרטיציפּאַנט באַזונדער פֿאַרמאָגט אַ געוויסן חלק אין אַלגעמיינעם פֿאַרמעגן, אַ חלק וואָס איז באַשטימט זיינער און וועלכן ער קען אַרויסבאַקומען צוריק, ווען עס לייזט זיך אויף די בשותפֿותדיקע קאָמפּאַניע און ער פֿאָדערט זיין אינוועסטירונג צוריק. מע קען זיך אַזוי אַסימילירן בשותפֿות, ווי מ'קען שטאַרבן בשותפֿות. טויטע קענען ניט זיין קיין שותפֿים, ווייל זיי זיינען ניט קיין סוביעקטן, נייערט אָביעקטן.

„יידישע אַסימילאַציע אין אַמעריקע וואָלט אַבסאָלוט ניט געהאַט דאָס פּנים פֿון נאַציאָנאַלן מינדערווערטיקייט־געפֿיל, ווי עס האָט געהאַט

אויף די ערטער, וואו אַלע נאַציאָנאַלע געשטאַלטן האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער מהות און ביי זייער קאָנטינואיטעט״. (דאָרט).

איך צווייפל זייער צי סטיליסטיש איז פּאַסיק צו ריידן וועגן דעם „פּנים פון אַ געפיל״. אָבער יעדנפאַלס איז די פראַגע פון זיין אָדער ניט זיין, פאַרצווזעצן דעם קיום אַלס פאָלק אָדער אונטערגיין, אַראָפּגיין פון דער אַרענע פון דער געשיכטע אַלס אַן אַקטיווער כוח, ניט קיין פראַגע פון אַ יאָ שפלות־געפיל אָדער ניט שיפלות־געפיל. עס האַנדלט זיך וועגן דאָס קאַרדינאַלסטע, לעבן און טויט, לעבנס־לוסט און עקזיסטענץ־דראַנג. אַסימילאַציע מיינט פאַנאַנדערפאַל אויף יחידים־אַטאמען און אַ צענויפנעם אין אַן אַנדער געשטאַלטיקונג, אין אינגאַנצן אַן אַנדערער פאַר־מאַציע. און ווי זאָגט דאָס רוסיש ווערטל: „אַז מע נעמט אַראָפּ דעם קאָפּ וויינט מען ניט איבער די האָר״...

אַסימילאַציע מיינט פאַרניכטונג הגם די דאָזיקע פאַרטיליקונג אָדער זעלבסט־פאַרטיליקונג איז ניט פון אַ ביאָלאָגישן כאַראַקטער, נייערט פון אַ פּסיכאָלאָגיש־קולטורעלן און סאָציאַל־פּאָליטישן.

די דאָזיקע געפאַר פון גייסטיק קולטורעלן אומקום פון יידישן געזעמל איז גרויס דווקא דאָרטן, וואו דער ייד אַלס יחיד, אַלס בירגער, פילט זיך גוט, כלומרשט גלייכבאַרעכטיקט, און אַפילו געשמייכלט פון דעם וואָס די ניט־יידישע סביבה איבלט זיך ניט פון אים, האַלט אים ניט פאַר עפּעס, וואָס איז „מוקצה מחמת מיאוס״. עס איז זאָגאַר דאָ אַזאַ מין ייד וואָס איז נאָך דאַנקבאַר פאַר דער גוטסקייט און פריינטשאַפט פון די ניט־יידן, וועלכע זיי ווייזן אַרויס צו אים דורך דעם וואָס זיי זיינען באַרייט אים אַראָפּצושלינגען נאָכדעם ווי זיי האָבן אים גוט צעקייט; איבערהויפּט נאָך, ווען דעם יידן דוכט זיך, אַז ער וועט אין פרעמדן מאָגן איבערגעקאָכט און פאַרדייט ווערן צוזאַמען מיט אַנדערע פראַגמענטן פון אַנדערע אָרגאַ־ניזמען; און נאָך מער ווען ער קען זיך אָפּנאַרן און לייכט איינריידן, אַז ניט ער אַליין ווערט אויס ייד, נאָר אַז אַלע קינדער פון אַלע פעלקער זאָגן זיך אָפּ פון זייער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם און דערקלערן זיך פאַר לאָיאַלע זין און טעכטער פון דער גאַרער מענטשהייט, אָדער פון עפּעס אַ ניי־אויפקומענדיקער נאַציע [9].

על כל־פּנים ווען אין קאָן שטייט דער עצם קיום, דער געפיל און ווילן צו לעבן און זיך באַהויפּטן ווי אַ געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער

---

9) אבא גאָרדין, „אונדזערע אויפגאַבן״, „יידישע שריפטן״, באַנד איינס, העפט איינס, ז׳ 3, 1941; „אונדזער באַנעם״, ז׳ 5, 1946.

מהות און פאַקטאָר, האַנדלט זיך דעמאָלט ניט וועגן אַזעלכע סובטילע ענינים ווי אַ גלייכגילטיקייט אָדער אַ מינדערווערטיקייט־געפיל. דער תהלים־ייד שרייט מיט זיין גאַנצן וועזן „לא אָמות כי אחיה"... איך וויל לעבן און וועל לעבן אויף צו־להכעיס מיינע דם־שונאים און אונטער די קריטישסטע אומשטענדן, אין וועלכע איך געפין זיך דורך זייער רשעות און שולד.

אין אָט־דעם גלענצנדיקן עסיי פון י. י. טרונק פילט זיך עפּעס ווי אַן אָפּקלאַנג פון אַ ראַנגלעניש, וואָס קומט פאָר אין טרונקן גופא. ער ראַנגלט זיך דורך נאַכט מיט אַ שלעכטן מלאך. ער האַלט ביי אַן אָריבערגאַנג. ער זיגט. אָבער, ווי יעקב אָבינו, קומט ער אַרויס פון געפעכט הינקענדיק... הגם אַן אַ נייעם נאָמען...

איבערפראַזירנדיק אַ שפּרוך פון גמרא [10], וואָלטן מיר זאָגן:

די פוטער פון יידישקייט וועט דער חשובער קאָלעגע י. י. טרונק געפינען נאָך דעם, ווי ער וועט אויסמקיאַנען די מילך, וואָס ער האָט געזויגן פון זיין בונדיסטישער גייסטיקער מאַמען אָדער אם...

אמת, יידישקייט האַלט זיך אויף אַ בונד. אָבער דאָס איז דער גאָר אַלטער בונד וואָס איז געשלאָסן געוואָרן בשעתן אַרויסגיין פון מצרים און גיין קיין ארץ־ישראל. דאָס איז באין־אופן ניט דער „בונד" וואָס האָט זיך קוים געראַטעוועט פון פּוילן און איז געבליבן זיצן אין אַמעריקע...

יידישקייט איז אַלט איבער דריי טויזנט יאָר, דער „בונד" — איבער פערציק. בלויז אַזאַ „אומפּראַקטישן" שדכן, ווי טרונק, קען איינפאַלן צו ריידן זיי אַ שידוך...

„יידישע שריפטן", באַנד פינף, זז. 33—43.

---

10) ברכות, קמ"ה.

די טעריטאָריעלע פראַגע

(געווידמעט דר. נ. י. שטיינבערג, דעם קעמפער פאַר גערעכטיקייט און רעוואָלוציע
צו זיין ווערן אַ בן־ששים, העלפט וועג צו אַ בן מאה־ועשרים)

מענטשן דענקען אַ סך היינטיקע צייטן וועגן אַל־וועלטלעכע ענינים. און זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די גרונט־פּראָבלעמען פון געאָ־עקאָנאָמיק און געאָ־פּאָליטיק, מכוח דעם ווי די טעריטאָריעס זיינען פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די סואווערענע שטאַטן.

וואָס איז אַזוינס אַ טעריטאָריע? אַ טעריטאָריע איז אַ שטיק לאַנד, וואו די איבערמאַכט ליגט אין די הענט פון שטאַט, און וואו דער שטאַט פירט דורך אַלע זיינע אַקטיוויטעטן. פאַרן אויפקום פון פּריוואַטן לאַנד־באַזיץ איז דער באַדייט פון טעריטאָריע און לאַנד געווען כמעט איינס און דאָסזעלבע. טעריטאָריע האָט דאַן געמיינט אַ שטח לאַנד וואָס געהערט צו אַ שבט אָדער אַ פאַמיליע. מיטן אויפשטייג אָבער פון פּריוואַטן לאַנד־באַזיץ האָט מען אָנגעהויבן יורידיש אונטערצושיידן צווישן די ביידע טערמינען — לאַנד האָט געמיינט ס׳אייגנטום פון אַ יחיד און טעריטאָריע דאָס אייגנטום פון אַ כלל, וועמענס פאַרשטייער איז דער שטאַט. מיטן איינפיר פון סאָציאַליזם און קאָמוניזם און זייערע פאָרמען פון סאָציאַליזירן אָדער שטאַטיזירן פּריוואַט־אייגנטום איז דער אונטער־שייד צווישן זיי ווידער אָפּגעווישט געוואָרן.

די טעריטאָריעלע פּראָבלעם איז אין אַ סך הינזיכטן ענלעך צו דער אַגראַר־פראַגע, מיט דעם אונטערשייד וואָס די לעצטע איז ניט מער ווי אַן אינערלעכער ענין — עס האַנדלט זיך וועגן פאַנאַנדערטיילן דאָס לאַנד אין די גרענעצן פון אַ מלוכה. די ערשטע אָבער איז אַן איבער־מלוכהדיקער ענין, צווישן איין מלוכה און דער צווייטער און צווישן לענדער און פעלקער בכלל. וועגן דער אַגראַר־פראַגע האָט מען

אַ סך געטראַכט און אַ סך געשריבן און אין אַ צאָל לענדער איז די פּראַגע אַפילו צופרידנשטעלנדיק געלייזט געוואָרן. די גרויסע גיטער און די לאַטיפונדיעס זיינען צעטיילט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן צו די ערד־הונגעריקע פּויערן און נויט־ליידנדיקע ערד־אַרבעטער. וואָס שייך אָבער דער טעריטאָריעלער פּראָבלעם איז זי אַפילו טעאָרעטיש ווייניק וואָס באַטראַכט געוואָרן. און אָן צוגרייטונגען און וויסנשאַפטלעכע אונטערזוכונגען קאָן נאַטירלעך קיין פּראַקטישע לייזונג ניט געמאָלט זיין.

אַפילו אַן אויבערפלעכלעכער בליק אויף די פּאָליטישע מאַפּעס וועט זיין גענוג פעסטצושטעלן אַז ס׳זיינען באַגאַנגען געוואָרן קריוודעס לגבי געוויסע פעלקער. אַ געזונטע וועלט־פּאָליטיק קאָן אויף לאַנג ניט איגנאָרירן די עלעמענטאַרע פּרינציפּן פון גערעכטיקייט און וועט מוזן סוף־כל־סוף אָנווענדן אַ מער יושרדיקן צוגאַנג.

אין אַלגעמיינע ווערטער באַשטייט די טעריטאָריעלע פּראָבלעם אין פאָלגענדיקן: אייניקע פעלקער באַזיצן אָדער קאָנטראָלירן גאָר גרויסע שטחים לאַנד און אַנדערע גאָר קליינינקע. די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג איז אויך ווייט ניט איינהייטלעך איבער דער וועלט. ערטער־ווייז איז זי זייער געדיכט באַזעצט און ערטערווייז שיטער. ווען ס׳וואָלטן ניט עקזיסטירט די עמיגראַציע באַגרענעצונגען וואָלט עס זיך מסתמא אויסגעגליכט פון זיך אַליין. מיט שטערן אָבער דעם נאַטירלעכן פלוס פון עמיגראַציע, דורך די קינסטלעכע מיטלען וואָס די לענדער האָבן אָנגענומען, האָט מען די לאַגע אַ סך פאַרערגערט.

לאָמיר ברענגען אַ פּאָר קאָנקרעטע ביישפּילן:

אַרגענטינע. איר שטח איז 1,075,000 סק. מיילן און איר באַ־פעלקערונג איז אַרום 14,550,000 נפשות. ס׳קומט אויס אַז אויף יעדן סקווער מייל וואוינען דאָרט ניט מער ווי 14 פּערזאָנען. פון די 680,409,000 אַקער וואָס אַרגענטינע פאַרמאָגט זיינען קולטיווירט ניט מער ווי 74,130,000. אַ קיימאַ לן פון 10.8 פּראָצענט פון איר גאַנצן לאַנד־באַזיץ. אין דער צייט ווען גאַנצע 28.7 פּראָצענט — בערך 197,680,000 אַקער זיינען לחלוטין ניט באַאַרבעט. אַזאַ שטרעקע לאַנד קאָן לייכט געבן חיונה אַ באַפעלקערונג פון אַריבער 100,000,000 מענטשן.

אויף וועלכע מאָראַלישע יסודות פאַרווערט אַזאַ לאַנד, וואָס האָט אין איר באַזיץ אַזויפיל איבעריקן ערד־שטח, עמיגראַנטן פון די געדיכט־באַזיצטע פעלצער אָדער די פאַראָרעמט־געוואָרענע דורך דער לעצטער וועלט־מלחמה, אַריינצוקומען און צו באַזעצן זיך דאָרט? מיליאָנען הונגעריקע שטייען דאָך ביי אירע טויערן און בעטן זיך מ׳זאָל

זיי אַריינלאָזן. און דאָך ווערן זייערע גערעכטע און מענטשלעכע ביטעס אָפּגעזאָגט. קיין הומאַניטאַריער קאָן אַזאַ מין האַנדלונג ניט רעכט־פערטיקן. אַרגענטינע איז ניט דאָס איינציק לאַנד, וואָס האַנדלט אַזוי אוממענטשלעך. עמיגראַציע באַגרענעצונגען, צו דער שאַנדע און חרפּה פון אונדזער ציוויליזאַציע, איז גראָד דער אָנגענומענער שטייגער פון אַלע רייכע און זאַטע לענדער.

און אויסטראַליע איז דען בעסער? זי פאַרמאָגט 2,975,000 סקווער מיילן און איר באַפעלקערונג באַשטייט פון 7,485,000 מענטשן — צו דריי מענטשן אויף אַ סקווער מייל.

אויסטראַליע איז פונקט ווי די ביבלישע יריחו „פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט". ניט מער ווי איין פּראָצענט — אַן ערך פון 23,000,000 אַקער — איז באַאַרבעט. צו דריי אַקער אויף יעדן יחיד! וויפל מיליאָנען נויט־ליידנדיקע און ערד־הונגעריקע וואָלטן זיך קאָנען דאָרט באַזעצן! און מיט זייער איינוואַנדערונג וואָלטן זיי ניט פאַרשאַפט קיינע אומבאַקוועמליכקייטן דער איצטיקער באַפעלקערונג.

ניט ווייניקער לאַנדפאַרכאַפּעריש איז בראַזיל. די דאָזיקע דרום־אַמעריקאַנישע מדינה איז דריי מאָל אַזוי גרויס ווי אַרגענטינע און 65 מאָל אַזוי ווי ענגלאַנד. זי פאַרנעמט 3,286,170 סקוועל מיילן און איר באַפעלקערונג איז 47,244,000, עטוואָס מער פון 13 מענטשן פּער סקווער מייל. נאָר 4 פּראָצענט פונעם לאַנד ווערט קולטיווירט.

קאַנאַדע פאַרנעמט 3,467,000 סקווער מיילן און איר באַפעלקערונג איז 12,360,000, צו דריי מענטשן אויף אַ סקווער מייל. 25 פּראָצענט פון קאַנאַדעס לאַנד טויג פאַר אַגריקולטור צוועקן. ס'מיינט דורכשניטלעך אַ סקווער מייל פון אַראַבל לאַנד פאַר יעדע 12 מענטשן. פּאָטענציאַנעל קאָן אין קאַנאַדע קולטיווירט ווערן אַרום 352,157,000 אַקער לאַנד. אָבער ניט מער ווי איין זעקסטל פון דעם ווערט באַאַרבעט.

דער אַזיאַטישער קאָנטינענט האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 800,000,000 נפשות און לאַנד צום זייען ניט מער ווי 800,000,000 אַקער. צו איין אַקער אויף אַ פּערזאָן. אייראָפּע האָט אַ באַפעלקערונג פון 500,000,000 און קולטיווירט לאַנד אַרום 750,000,000 אַקער — עפּעס מער ווי אַן אַקער אויף אַ פּערזאָן. אַפריקעס באַפעלקערונג איז 124,000,000 און לאַנד צום זייען אַרום 113,000,000 אַקער. ווייניקער אַפילו פון אַן אַקער אויף אַ מענטשן. לויט די דאָזיקע סטאַנדאַרטן קאָן קאַנאַדע אויסהאַלטן אַרום 197,680,000 מענטשן. ווי אַזוי קאָנען די־

דאָזיקע לענדער מאָראַליש זיך רעכטפערטיקן פאַר זייערע שטרענגע עמיגראַציע באַגרענעצונגען?

די איינטיילונג פון טעריטאָריעס טאָר ניט איבערגעלאָזט ווערן צו אַ צופאַל — וועמען און וויפיל ס'האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן. דער סטאַטוס קוואָ איז ניט צוועקמעסיק און אַוודאי אויך ניט יושרדיק.

ס'איז דאָ אויף דער וועלט גענוג לאַנד ס'זאָל סטייען פאַר יעדן איינעם פון דער מענטשלעכער משפּחה. לעת־עתּה קולטיווירט די וועלט אַרום 3,000,000 קוואַדראַט מײַלן. נאָר איין אַקער פון זעכצן ווערט באַאַרבעט. מיט אַ ביסל מי קען מען עס פאַרטאָפּלען.

ס'איז זעלבסט פאַרשטענדלעך אַז די צעבראָכענע עמיגראַנטן זײַנען ניט ביכולת אַרויפצווינגען זייער ווילן און עפּענען מיט גוואַלד די טויערן פון די פאַרשלאָסענע לענדער. אָבער די דאָזיקע לאַגע, וואָס בשכנות מיט די אָרעמע און אומגעהויער געדיכט באַזעצטע לענדער געפינען זיך רײַכע מיט גרויסע שטרעקעס פון אומבאַזעצטן און אומבאַאַרבעטן באָדן, רופט אַרויס קנאה און שנאה און וועט סוף־כּל־סוף אויך ברענגען צו מלחמות.

אָננעמענדיק אַז די צאָל ייִדן אין דער גאָרער וועלט, נאָך די הריגות און שחיטות וואָס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן פון היטלערס באַנדעס, באַטרעפט איבער 10 מיליאָן, און אַז די איבערוועגנדיקע מערהייט פון ייִדן שטיצן די פאָדערונג פון אַן אייגענער טעריטאָריע, דעמאָלט וואָלט אונדז קומען — אין פאַל פון טעריטאָריעס־איינטייל לויט דער צאָל פון דער באַפעלקערונג — אַ שטיק לאַנד פון בערך 240,00 קוואַדראַט מייל פון די 48 מיליאָן קוו. מייל פון ערד־קוגל, און אַקערלאַנד אויף אונדזער חשבון וואָלט אויסקומען בערך 30,000 קוו. מײַלן פון דעם סך־הכּל פון פּאָטענציעל קולטיווירבאַר ערד פון 6,000,000 קוו. מײַלן.

פאַרשטייט זיך אַז עס איז ניט לײַכט צו לייזן די טעריטאָריעס־פּראָבלעם.

אָבער וואָס איז גרינג? גרינג איז זיך מאַכן ניט הערנדיק און ניט זעענדיק די עוולות און רשעות פון דער וועלט, און לאָזן יעדן, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט אַוועקגיין מיט דעם וואָס ער האָט אָנגעראַבירט. די לענדער און טעריטאָריעס־פּראַגע וועט מוזן געלייזט ווערן. און מיר, ייִדישע ראַדיקאַלן, האָבן דאָ געקענט זאָגן אַ הויכן, גרויסן וואָרט.

די טבע פון אַ קאָנסערוואַטיוון מענטשן איז צו מיינען, אַז אַלץ,

וואָס ס׳איז, מוז זיין, וועט זיין, וועט פאַרבלייבן פונקט ווי דאָס איז. אַ רעוואָלוציאָנער איז דער, וואָס ווייסט, אַז זאַכן דאַרפן און קענען איבער־געאַנדערשט ווערן.

און דער פּרינציפּ פון גערעכטיקייט דאַרף און וועט, סוף־כל־סוף, אָנגעווענדט ווערן אויך בנוגע דעם לענדער־פאַרטייל.

עס איז איינס פון דיביידע: אָדער איינטיילן די לענדער לויט די באַפעלקערונגען, נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט די פּרוכטבאַרקייט פון באָדן און פון דער באַפעלקערונג. אַזאַ לויזונג פון דער „טעריטאָריעלער פראַגע" וואָלט פאַרלאַנגט פעריאָדישע איבעראָנפּאַסונגען, אַדיוסטירונגען. אָדער איינגאַנצן אָפּשאַפן דעם טעריטאָריעלן פּרינציפּ, באַזייטיקן די גרענעצן פון די מלוכות און אָפּוואַרפן זייער יוריסדיקציע איבער באַשטימטע שטחים־לאַנד, אַזוי אַז עמיגראַציע זאָל פליסן פריי אָן קיינע קינסטלעכע שטאַט־באַריערן, און דאָס נאַציאָנאַלע לעבן זאָל ווערן איינגעאָרדענט אויפן פּרינציפּ פון געמיינדע, ד. ה. באַפעלקערונג און איר דעקלאַרירטער צוגעהעריקייט. ממשותדיקער אינטערנאַציאָנאַליזם מוז האָבן ווי אַ דער־גאַנצונג פּאָליטישן עקסטעריטאָריאַליזם פון די פעלקער, דעם אָפּשאַף פון נאַציאָנאַל אייגנטום רעכט אויף טעריטאָריע *).

„אויפן שוועל", מערץ־אַפּריל, 1949.

*) ברידער גאָרדין, אַ מגילה צו די יידן אין גלות, זז. 19—16, ווילנא, 1909. — אבא גאָרדין, מאָראַל אין יידישן לעבן", זז. 180—173, נ. י. 1940.

מלחמה־אָפּשאַף און אייביקער פרידן

אין שלום אמר ה׳ לרשעים (ישעיה, נ״ז, כ״א).

דער אייביקער פרידן — דאָס איז געווען און איז אַ טרוים פאַר די בעסטע טרוימער פון דער מענטשהייט. דאָס איז אויך געווען און איז אַ געדאַנק פאַר די טיפסטע דענקער פון דער מענטשלעכער ראַסע.

די נביאים האָבן וועגן דעם נביאות געזאָגט, געזען זעאונגען וועגן זאַכן וואָס וועלן זיין אין דעם סוף פון די נעכט און אין דעם אָנהייב פון די ליכטיקע טעג. פילאָזאָפן האָבן וועגן דעם זיך געמוחט. באַ־צויבערנדיקע זעאונגען און פאַרויסזעאונגען. ווער ווייס ניט דעם וואונ־דערבאַרן בילד געמאָלן מיטן „געטלעכן פינגער״ פון ישעיהן:

און עס וועט געשען אין סוף, אין דעם ענד פון די טעג —
און עס וועט וואוינען דער וואָלף מיטן שעפּס...
און דער לייב ווי אַ רינד וועט עסן שטרוי...

און דער פילאָזאָף קאַנט האָט וועגן דעם אַן אָפּהאַנדלונג אָנגעשריבן. און דער סאָציאַלער דענקער רוסאָ האָט וועגן דעם אַ גאַנץ ביכל אָנגעשריבן. און — עס האַלט נאָך אַ רעכט־ביסל ווייט פון דעם, פון פאַרווירקלעכן עס. די ווירקלעכקייט איז אַ גראָבער נפש, לייענט קיין פילאָזאָפישע ווערק כמעט קיינמאָל ניט. און פאַר פּאָעזיע און פּראָפע־צייאונג האָט זי קיין אויערן ניט, און מ׳דאַרף מיט איר לאַנג און שווער קנעלן — הגם, איך האָף, מ׳וועט זיך מיט איר אַמאָל דערקנעלן.

וואָס מיר וואָלט זיך וועלן דאָ קלאָר מאַכן איז אַ פּשוטער רעיון: אַז קריג־אָפּשאַף איז גאַנץ ווייט פון דעם גרויסן אידעאַל: אייביקער פרידן, אייביקע האַרמאָניע צווישן פעלקער, צווישן מענטשן.

אין אַלטעגלעכן לעבן, אין אַלטעגלעכע באַציאונגען ווייס יעדער דעם אונטערשייד; פון „זיך ניט שלאָגן" ביז „לעבן ווי טייבעלעך" איז אַ שטיק וועגס. פון זיך ניט רייסן ביז לעבן אין פרידן, אין איינשטימי־קייט — איז אַ גרויסער מהלך.

נעמט די זעאונגען פון ישעיהו דעם פּראָפעט: אַ וואָלף וועט לעבן מיט אַ שעפּס... און וואָס איז ביז איצט געווען? האָבן די שעפּסן געפירט מלחמות קעגן די וועלף, אָדער, אפשר פאַרקערט, וועלף קעגן שעפּסן?

עס הויבט זיך גאָרניט אָן. די וועלף פאַרצוקן די שעפּסן, און מאַכן מיט זיי קיין מחזקות ניט. אויפגעגעסן, אַראָפּגעשלונגען און זאָל דער גאָט פון רויב העלפן צו פאַרדייען. און די שעפּס פירט זי דען אַ שוץ־קריג? אויך ניט, זי האָט אויף דעם קיין כוח ניט. זי ראַנגלט זיך אַפילו ניט, זי ווערט זיך ניט. די איינציקע זאַך וואָס זי טוט יאָ — עס צעפּאַלט זיך, עס דרייט זיך אין דרייען. און דער וואָלף לייגט אַרויף די לאַפּע און האַלט עס דעריבער שטאַרק צוגעדריקט צו דער ערד, ניט זי זאָל זיך ניט אַרויסרייסן, נאָר זי זאָל ניט שטערן אים עסן. און ווען זי צאַפּלט זיך און שליידערט זיך, טוט זי עס ניט באַוואוסטזיניק, ווייל אפשר ווייס זי מיט איר „שעפּסענעם" באַוואוסטזיין אַז עס איז פאַרפאַלן, עס קאָן ניט העלפן קיין טאַטע און קיין מאַמע שעפּס... נאָר צוליב וואָס צאַפּלט זי זיך? עס איז אַ „רעפלעקס" וואָלט אונדז זאָגן באַכטעריעוו, אָדער אַן אינסטינקט וואָלטן מיר עס אָנרופן אויפן אַלטן לשון.

מלחמות ווערן געפירט אויב ניט צווישן גלייכע כחות, דאַן צווישן אַזוינע קרעפטן וועלכע מיינען אַז זיי מעגן זיך אַ מעסט טאָן, אַ פּרוביר־טאָן... אַ־נו, ברודערקע, מירן זען ווער איז שטאַרקער! וואו דער אויסקום איז ניט זיכער פון אָנהייב אָן.

דייטשלאַנד האָט געפירט אַ מלחמה מיט די „פאַראייניקטע". יעדער צד האָט געמיינט ער וועט זיגן. כמעט גלייכע כוחות. עס איז שווער געווען פאָרויסצוזאָגן וואוהין דער וואָגשאָל וועט אַראָפּציען.

ענגלאַנד האָט געפירט אַ מלחמה קעגן די בורן... די בורן האָבן געוואוסט אַז ענגלאַנד איז אָן־פאַרגלייך שטאַרקער. זיי האָבן אָבער געהאָפט אַז זייערע בערג, וויסטע נישן, ווילדע וועלדער וועלן זיי ביישטיין. ווייל זיי וויסן בעסער זייער לאַנד איידער דער שונא, דער נייער אָנגעקומענער. ווייטער האָבן זיי געמיינט אַז עס איז דאָ אַזאַ מין זאַך ווי „איירראָפּייאישער געוויסן" און מ׳וועט זיך אָננעמען. מ׳וועט ניט לאָזן

אונטערגיין אַ פעלקל וואָס האָט זיך אַזוי גרויסמוטיק, אַזוי העלדיש געשלאָגן קעגן אַזאַ מאוימדיק שטאַרקן פיינט. און — זיי האָבן זיך אָפּגענאַרט.

רוסלאַנד און יאַפּאַן האָבן געקריגט. רוסלאַנד האָט געמיינט זי וועט מיט היטלען פאַרוואַרפן די קליינינקע יאַפּאַנער. האָט זיך אַרויס־געשטעלט קאַפּויר.

רוסלאַנד און טערקיי — ווייטער צוויי טשעמפּיאָנען. און זיי האָבן זיך צענויפגעכאַפּט עטלעכע מאָל, און געגעבן גוטע קלעפּ איינער דעם אַנדערן.

אַ מלחמה שיקט זיך דאָרטן וואו עס זיינען דאָ צוויי אומאָפּהענגיקע כחות, וואָס שטויסן זיך צוזאַמען. יעדערער איז זיכער אַז ער וועט זיין שטאַרקער, אַז ער וועט גובר זיין. און איינער, נאָך אַלעמען, פאַלט דורך. און אַ געשלעג אין ס׳רוב פאַלן ענדיקט זיך אַזוי אַז איינער פון די שלעגערס קומט אַרויס מיט אַ געשפּאָלטענעם קאָפּ, אַ צעבראָכן האַנט, פוס, אָדער געניזיקט אַן אַנדער אבר. מ׳שלאָגט זיך ניט דאָרטן וואו דער באַ־גזלטער, באַעוולהטער, באַליידיקטער ווייס גאַנץ גוט אַז ער קאָן זיך ניט שטעלן קעגן דריקער, גזלן, ראַבירער. און אָפּשאַפן מלחמות מיינט אייגנטלעך אויסגעטייטשט אויף אַ ניכטערן לשון בערך אַזוי: לוינט עס אונדז גרויסע שטאַרקע מדינות זיך צו רייסן צווישן זיך און ריזיקירן מיט אונדזער פּאָליטישן האָב און גוטס, ווען מיר קענען דורכקומען צווישן זיך מיט גוטן, זיך דורכשמועסן אַרום אַ טיש... און צעטיילן די וועלט ווי מיר פאַרשטייען... און ווער וועט זיך קענען שטעלן אַנטקעגן?

עס זיינען דאָ נאַאיווע מענטשן וואָס מיינען אַז „אימפּעריאַליזם״ באַדייט דאָס זעלביקע ווי „קריג״. דאָס איז אַ שוואַכער אימפּעריאַליזם וואָס דאַרף זיך כסדר שלאָגן כדי דורכצוזעצן זיינע פּלענער. אימפּעריאַליזם פּירט מלחמות ווען ער האָט קיין כוח ניט צו פאַרכאַפּן לענדער שטילער־הייט, אָן אַ פּיפּס, אָן טומל, אָן געפּילדער און שפיכות דמים.

עס זיינען דאָ מענטשן וואָס ווילן אונדז איינריידן אַז קאַפּיטאַליזם, אַלס אַ סיסטעם פון פּראָדוקציע, מוז האַלטן אין איין פּאַכן מיטן שווערד, אָנפירן קריג. פרעגט זיי, פאַרוואָס? וועלן זיי אייך ענטפערן, ווייל די קאַפּיטאַליסטן נייטיקן זיך אין אַ מאַרק, אין אַ אויסערלעכן מאַרק. און זיי מוזן קאָנקורירן, און פון קאָנקורענץ קומען זיי צו געשלעג, און ווען פעלקער, וועלכע פאַרמעגן מדינות, שלאָגן זיך, הייסט עס אַז אַ מלחמה קומט פאָר.

די „טעאָרעטיקער״, צו זאָגן דאָס מינדסטע וועגן זיי, זיינען נאַאיוו. קאַפּיטאַליסטן קאָנקורירן — דאָס ווייסן מיר. אָבער אַז זיי ווערן קליגער הערן זיי אויף צו קאָנקורירן. און וואָס טוען זיי? זיי שאַפן טראָסטן. און די „פעדעראַציע פון אַרבעט״ און אַנדערע דעמאָקראַטישע עלעמענטן נעמען אָן מיטלען קעגן דעם און מ׳גיט אַרויס געזעצן קעגן די טראָסטן. און עס העלפט זיי, די קאַפּיטאַליסטן און די טראָסטן, ווי אַ טויטן באַנקעס. זיי טוען זייערס און קאָנקורירן ניט — אויף צו להכעיס דער טעאָריע אַז קאַפּיטאַליסטן מוזן קאָנקורירן.

דאָס אייגענע קאָן פאָרקומען אין פּאָליטישע ענינים, ווי אויך בנוגע דעם אויסערלעכן מאַרק. זיי מוזן קאָנקורירן? — זיי מוזן ניט. קאַפּי־טאַליזם קאָן באַשטיין זיין שטעטל אָן מלחמות. אָן מלחמות וועלן זיי אַ סך בעסער מאַכן ווי מיט מלחמות. און אַזוי ווי זיי האָבן אויפגעהערט צו קאָנקורירן, שאַפנדיק טראָסטן, וועלן זיי שאַפן אינטערנאַציאָנאַלע טראָסטן בנוגע זייערע עקאָנאָמישע געשעפטן און פּאָליטישע פאַראייני־קונגען, ווי פעלקער־בונדן, ליגעס און דאָס גלייכן, אויסצוגלייכן און צו פאַרמיידן זייערע פּאָליטישע רייבונגען. און זיי לאַכן זיך אויס פון די קורצזיכטיקע טעאָרעטיקער.

לענין האָט געוואָלט איינשמועסן די בורזשואַזע וועלט אַז זיי מוזן זיך אַרומרייסן, ווייל אימפּעריאַליזם, ווי ער וויל האָבן, איז די לעצטע סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם. אָבער, ווי געזאָגט, נאָר אַ נעבאַכדיקער אימפּעריאַליזם האָלט כסדר אָנטבלויזט זיינע ציינער און נעגל. אַ שטאַרקער אימפּעריאַליזם מעג זיך פאַרגינען דעם פאַרגעניגן צו האַלטן אַביסל צוגעמאַכט די מויל און די נעגל אַריינגערוקט אין „קישע־לעך״.

און מיר זעען באמת אַז גרויסע מדינות וועלכע קענען פאַרנעמען נייע לינדער דורך אויסשפּרייטן זייער השפּעה, זעען אויסצומיידן קריג, זיינען ניט להוט נאָך מלחמות.

אויף וואָס דאַרף מען אָנווענדן אַזאַ קאָסטבאַרן, ריזיקאַלן מיטל, ווען מ׳קאָן דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן מיט קלענערער אָנשטרענגונג.

„אַלץ איז מיינס״ — האָט געזאָגט אייזן.
„אַלץ איז מיינס״ — האָט געזאָגט גאָלד.
„אַלץ וועל איך נעמען״ — האָט געזאָגט אייזן.
„אַלץ וועל איך קויפן״ — האָט געזאָגט גאָלד (פאָלקס־ווערטל).

אייזן איז טייערער פון גאָלד, ווייל אייזן גייט אַלע מאָל מיט בלוט. צו קויפן איז ביליקער איידער צו נעמען, ווייל ווען מ׳נעמט, קריגט מען

אַמאָל איבער די הענט, אָדער מ׳דאַרף יענעם געבן איבער די הענט. און עס איז אַ גאַנצער עסק... און רייכע מענטשן, רייכע מדינות לוינט עס ניט. בעסער „מיט גוטן״ איידער מיט בייזן. „מיט גוטן״ איז וועלוועלער און באַקוועמער...

מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער פּראָיעקט וועגן האַג האָט זיך געבאַקט פאַרן פייער אין ווינטער פּאַלאַץ פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען אַז אים לוינט זיך ניט אָנצופירן מלחמות. און האָט אין זינען, אַז אַלעקסאַנדער דער דריטער, ניקאָלאַיס טאַטע, אַ גרויסער אכזר און אַ גרויסער שיכור געווען — האָט געהייסן דער ״שלום־מאַכער״. און ער איז טאַקע געווען קליגער פון ניקאָלאַיען און האָט אויסגעמיטן, די גאַנצע צייט פון זיין אויפן־טראָן־זיצן, מלחמות.

איך שטעל זיך פאָר, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע דאַרף אויף כפּרות אַ קריגערישן אימפּעריאַליזם: זיי מעגן האַלטן פון דער פאָרמולע — אַלץ וועל איך קויפן און אַסך וועלוועלער איידער נעמען. ווען מ׳פאַרמאָגט אַזאַ קאָנטינענט דאַרף מען קיין מלחמות ניט פירן, מ׳קאָן פאַרנעמען די מאַרקן אויף אַ פרידלעכן אופן, דורך קאַפּיטאַל — מע רופט עס אַן אינוועסטירונג...

איך שטעל זיך ניט פאָר אַז ענגלאַנד זאָל דאַרפן האָבן, אָדער זאָל שטאַרק האַלטן פון, דעם מלחמהשן אימפּעריאַליזם.

און טשעמבערלין האָט עס געזאָגט: „מלחמות זיינען ניט דער אינס־טרומענט פון אונדזער פּאָליסי״. איינפלוס, שטילערהייט. צוליב וואָס זאָל אימעצער גזלענען ווען ער קאָן גנבענען אין מיטן העלן טאָג, און קיינער וועט קיין העזה ניט האָבן אַ וואָרט צו זאָגן אַנטקעגן.

עס זיינען דאָ הונדערטער וועגן און ווערטער וועלכע קלינגען פאַרן אויער אַסך שענער איידער קריג: אָקופּאַציע, מאַנדאַט און נאָך, באַקעמפן באַנדיטן, אָרדנונג איינפירן, אַכטונג געבן, אָפּהיטן די אייזנבאַנען...

אַ לאַנד ווי רוסלאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַ זעקסט־חלק פון דער וועלט, מעג ריידן וועגן פרידן. עס וועט איר גאָרניט שאַדן. און ליטווינאָוו, די פרידנס־טויב, האָט געוואָרקעט אין זשענעוואַ. רוסלאַנד — אויב זי וויל זיך אויסציען אין דער לייַנג און אין דער ברייט — וועט זי עס קענען טאָן, אונטער גינסטיקע אומשטענדן, אָן אַן אָפענעם קריג. דאַרף מען אַ קריג דערקלערן בכדי צו פאַרנעמען אַ שטיק מאָנגאָליע? עס הויבט זיך ניט אָן.

מ׳גייט און מ׳פאַרנעמט אַ גרענעץ־לאַנד און גאָר. וועט די באַפעל־קערונג אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד, דעמאָלט וועט עס זיין אַן „אויפשטאַנד״

ניט קיין „ווידערשטאַנד״, און מ׳וועט עס אונטערדריקן, און דאָס וועט זיין אַן אינעווייניקסטע זאַך, און קיינעמס עסק ניט.

דאָס אייגענע קאָן טאָן ענגלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד און אַלע אַנדערע גרויסע אימפעריעס.

געוויינטלעך פאָדערט זיך דאָ טאַקט, איידלקייט, וויסן ווי צוצוגיין צו דער זאַך, ווי אַזוי עס אָנצופירן, ווי אַזוי עס אויסצוטייטשן, וועלכן פסוק צו זאָגן, וועלכע ברכה מאַכן „על השחיטה״...

איך וויל ניט אַוועקמאַכן מיטן האַנט די לעצטע שריט צום אָפּשאַפן מלחמות אלס אַ מיטל צו שליכטן סכסוכים צווישן מדינות. איך גלויב אַז מלחמות וועלן אויף איין אופן אָדער אַן אַנדערן אָפּגעשאַפט ווערן אין קורצן אָדער ניט אין קורצן. איך וויל מער ניט ווי אַרויסברענגען, אַז עס האַלט נאָך גאַנץ ווייט פון משיחס צייטן. ..און אַז הגם מלחמות וועלן אָפּגעשאַפט ווערן, וועלן מיר נאָך האָבן לאַנג צו וואַרטן ביז מיר וועלן האָבן באמת פרידן אויף דער וועלט. עס קען ניט זיין קיין אמתער שלום אויף דער וועלט, סיידן מע וועט לייזן די טעריטאָריעלע פּראָבלעם.

איך פאַרשטיי אַז די וועלף וועלן זיך אויפהערן צו רייסן צווישן זיך און זיי וועלן קריגן מאַנדאַטן אויף די שעפּסן, אָדער זיי וועלן וואַרפן גורל, אָדער אַנדערע מיטלען אויסגעפינען. אָבער כדי דער וואָלף זאָל לעבן אין פרידן מיט דער שעפּס...

אָ, גרויסער נביא ישעיהו! — דאַרף ער אויפהערן אַ וואָלף צו זיין, און לעבן ווי אַ שעפּס צווישן שעפּסן...

„פרייע אַרבעטער שטימע״, 1927.

די רפואה פאַר דעם חולה — סאָציאַליזם

(אַן ענטפער א. מענעסן אויף זיין עסיי „פאַרוואָס רעליגיעזער סאָציאַליזם ?”
אין „יידישער קעמפער”, מערץ 30, 1945).

.1

סאָציאַליזם, אין זיין בחינה פון אַן אַלמענטשלעכן אידעאַל, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם אויפריכט פון דער צוקונפט געביידע פון דער געזעלשאַפט. ער האָט געפאָדערט דאָס איינפירן פון אַן אָרדענונג אין ציבור־לעבן, וואָס דערלאָזט ניט קיין שום שמץ פּסול פון קלאַסן־צעטיילונג, קנאה, שנאה, האַס און שטרייט. ער האָט געטרוימט פון אַ סדר־העולם, וואָס האַלט זיך אויף הונדערט־פּראָצענטיקער סאָלידאַריטעט, דורכאויסיקער אחדות און פולקלאַנגיקער האַרמאָניע פון אינטערעסן. מיט אַנדערע ווערטער, סאָציאַליזם אַלס אַ שטרעבונג נאָך סאָציאַלער שלימות איז געווען אחרית־הימימדיק, משיחיותדיק, ד״ה, רעליגיעז.

אָט־דער טייל פון סאָציאַליזם האָט אַנדערש ניט געקענט זיין. ווייל בלויז רעליגיע קען זיך פאַרגינען צו טרייסטן די מענטשנקינדער מיט אָט־די פּראָפעטישע אויסלייזערישע זעאונגען. גאולה וישועה אַספּיראַציעס געהערן, לויט זייער מהות נאָך, אין תחום פון רעליגיעזן דענקען, טראַכטן און פאָראויסטראַכטן. די וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין איז צו באַשיידן, צו ערדיש בעל־גופיש, אַז זי זאָל זיך קענען אויפהויבן אויף אָט־די רעגנ־בויגנדיק געפאַרבטע פליגלען פון עסכאַטאָלאָגישע פאַנטאַזיעס.

מ׳דאַרף אָבער באַגרייפן אַז אויף אָט־די לעתיד־לבואדיקע וויזיעס און פּראָפעציייאונגען האָט דער סאָציאַליזם ניט געהאַט קיין מאָנאָפּאָליע

און אַפילו ניט קיין פּאַטענט־רעכט. דער ליבעראַליזם האָט עס געטאָן פאַר אים [1].

אָבער סאָציאַליזם באַשטייט ניט אויסשליסלעך פון פוטור־וויזיעס, ער פאַרמאָגט אַ פּלאַן און אַ טעאָריע, און אַלס אַזעלכער האָט ער מיט דער רעליגיעזער צוקונפט־מוזיק, וואָס וועט זיך לאָזן הערן איבער דער זינדיקער רשעות־וועלט אַרויסגעבלאָזן פון דעם שופר־של־משיח, גאָר ווינציק וואָס צו טאָן. סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם האָט באַדייט אויף פּראָזאַאיש לשון, דאָס איבערגעבן די ווירטשאַפט, פּראָדוקציע און דיסטריבוציע, אין רשות פון דעם שטאַט. אַנשטאט פּריוואַט־אייגנטום רעכט אויף די פּראָדוציר־מיטלען האָבן די שטאַט־סאָציאַליסטן זיך פאַרמאָסטן איינצופירן, און האָבן באַוויזן איינצופירן אין אייניקע לענדער, שטאַט־אייגנטום, אַזוי אַז דער מלוכה־אַפּאַראַט אין דער פערזאָן פון באַאַמטע, ביוראָקראַטן האָט קאָנטראָלירט ניט בלויז די פּאָליצייאישע און פּאָליטישע, נאָר אויך די עקאָנאָמישע פונקציעס פון דער געזעלשאַפט.

וואָס האָט זיך פון דעם באַקומען? עס האָט זיך באַקומען דאָס וואָס מענטשן מיט אַ היסטאָרישער פאַרויסזע־קראַפט האָבן פאַרויסגעזען און פאַרויסגעזאָגט צענדליקער יאָרן צוריק, אַז עס וועט זיך באַקומען, קיין ישועות ונחמות זיכער ניט. מע האָט פאַרביטן איין קלאַס אויף אַ צווייטן, אין אייניקע הינזיכטן אויף אַ בעסערן קלאַס פון הערשערס, אין אַנדערע הינזיכטן — אויף אַן ערגערן [2].

הערבערט ספּענסער אין זיינע עסייען האָט געוואָרנט, האָט אַלאַרמירט, אַז מיר דערנענטערן זיך, אַ דאַנק די באַמיאונגען פון די שטאַט־סאָציאַליסטן, צו אַ צושטאַנד, וואָס ער האָט באַצייכנט ווי די „צוקונפט שקלאַפעריי". דאָס אייגענע, הגם מיט אנדערע ווערטער, האָט געזאָגט מיכאיל באַקונין, און אויך פילע אַנדערע. ספּענסערס נביאות און וואָרנונג האָבן די שטאַט־סאָציאַליסטן אָפּגעפּטורט מיט דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט צו די געלט־מאַגנאַטן, וואָס האָבן פינאַנסירט די אויסגאַבע פון זיינע ווערק. באַקונינס וואָרנונגען האָט מען דאָך אַוודאי געמעגט איגנאָרירן, מחמת ער איז דאָך גלאַט געווען פסול שוין מחמת דעם אַליין, וואָס ער איז געווען אַן אַנאַרכיסט, ד"ה, אַ „קליין־בירגערלעכער" אידעאָלאָג. איז טאַקע אמת, אַז באַקונינס פּלענער, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט פאַר דער לייזונג פון דעם אָנגעווייטיקטן סאָציאַלן

1) אבא גאָרדין, סאָציאַלע אַבערגלויבעריי, ז' 19.

2) דאָרט, ז' 66.

פּראָבלעם, האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין איבעריקער פּראַקטיש־קייט, אָבער דאָס מיינט לחלוטין ניט אַז די פּיילן פון זיין קריטיק וואָס ער האָט געצילט אין שטאָט־סאָציאַליזם האָבן ניט געטראָפן אין סאַמע פּינטל אַריין. באַקונינס פּאָזיטיוו געפינט זיך אין זיין נעגאַטיוו, אין זיין נעגאַטיווער שטעלונג צום מלוכהשן, יונקערישן סאָציאַליזם.

אַ נייער הערשנדיקער קלאַס איז אויפגעקומען מיט דער פאַרווירקלעכונג פון שטאַט־סאָציאַליזם אָדער שטאַט־קאַפּיטאַליזם, ווי מע וויל מעג מען עס רופן. אַנדערש האָט עס גאָרניט ניט געקענט זיין. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס מ׳האָט געקענט, ניכטערערהייט, דערוואַרטן פון שטאַט־סאָציאַליזם אַלס אַ פּראַקטישן פּלאַן און אונטערנעמונג, וואָס מ׳האָט דורכגעפירט אין פאַרשיידענע נוסחאות אין אייניקע לענדער [3].

איצט וועלן מיר זען וואָס האָט א. מענעס צו זאָגן מכוח אָט־דער אַנגעלעגנהייט.

אָט־וואָס ער שרייבט:

„די צרה איז אָבער, וואָס מיר זיינען ניט איבעריק גליקלעך פון דעם סאָציאַליזם, וואָס קומט ווי אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. איינער פון די וואַריאַנטן פון סאָציאַליזם, וואָס די געשיכטע האָט אונדז ׳געשענקט׳ איז דאָך דער היטלעריסטישער נאַציאָנאַל סאָציאַליזם. און אַפילו דער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט אין רוסלאַנד, ניט געקוקט אויף אַלע מיליטערישע דערפאָלגן פון דער רוסישער אַרמיי, איז אייגנטלעך נאָר אַ מוסטער פון פאַרפעלשטן און דעגענערירטן סאָציאַליסטישן אידעאַליזם״. („יידישער קעמפער״ ז׳ 85 ג׳, פּסח תש״ה).

איך זע ניט די פעלשונג פון סאָציאַליסטישן אידעאַליזם. דער סאָציאַליזם האָט דאָך ניט געקענט בלייבן דער אייגענער נאָך זיין טיילווייזער רעאַליזאַציע, ווי ער איז געווען, ווי ער האָט אויסגעזען צו זיין, פאַר זיין רעאַליזאַציע, בשעת מ׳האָט אים פּראָפּאַגאַנדירט און מ׳האָט צעצונדן און צעפלאַקערט די פאַנטאַזיע פון די מאַסן מיט צוזאָגונגען, וואָס האָבן דערמאַנט אָן די וואונדער־לעגענדעס וועלכע דערציילן די נסים ונפלאות, וואָס וועלן פּאַסירן אין די טעג פון נאָך־משיח־קומען. מ׳מוז דאָך באַגרייפן (אויב מ׳איז אַ שטיקל בר־דעת און מ׳איז באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון די טראַנספאָרמאַציעס וואָס מאַכן דורך פּאַרטייען אָדער סעקטעס צוזאַמען מיט זייערע פּראָגראַמען און גלויבערייען), אַז די פאַרווירקלעכונג קען קיינמאָל ניט זיין אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק און

3) פון אייגענעם מחבר, יסודות פון דער געזעלשאַפט, ז׳ 128.

אויג־פאַרנעמענדיק, ווי די וויזיאָנעריש צעגליטע דערוואַרטונגען און פאַרשטעלונגען.

שטאַט־סאָציאַליזם האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דאָס, וואָס עס האָבן וועגן אים געזאָגט די וואָס זיינען ניט געווען פאַרשיכורט און פאַר־טשאַדזשעט פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַ קלאַס פון צוקונפטיקע, פּראָספּעקטיווע הערשערס, די „פּראָצע־פּריצים״ [4]).

א. מענעס וויל, אָבער, פון דעם אַלעם ניט וויסן. ער שרייבט:

„די מאַטעריאַליסטישע עולם־הזהדיקע אידעאָלאָגיע איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע סכנות פון אונדזער צייט. וואָס גרעסער עס זיינען געוואָרן די מעגלעכקייטן פון „אַרויפאַרבעטן״ זיך, פון פאַרנעמען מער פּריווילעגירטע שטעלעס און פּאָזיציעס אין דעם פאַרצווייגטן אַפּאַראַט פון דער פּאַרטיי און מלוכה, אַלץ בולטער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי ווייניק דער מאָדערנער סאָציאַליסט איז צוגעגרייט צו פירן די מלחמה קעגן דעם יצר־הרע פון געלט, מאַכט און כבוד״ (דאָרט ז׳ 86 ג׳.)

עס איז שווער צו פאַרשטיין אין וואָס איז דאָ שולדיק די מאַטעריאַ־ליסטישע אידעאָלאָגיע, אויב א. מענעס האָט אין זינען דעם אַזוי גערו־פענעם „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם״. די מאַניסטיש־עקאָנאָמישע אינטער־פּרעטאַציע פון געשיכטע האָט קיינמאָל ניט געלערנט, אַז די יחידים דאַרפן זיך ניט מוסר־נפש זיין פאַרן כלל. אָט־די פילאָזאָפישע אויסטייטשונג פון געשיכטע האָט בלויז באַהויפּט, אַז די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן ווי אויך אַלע אידעאָלאָגישע און גייסטיקע ווערטן זיינען אַן אַרויפבוי אויף דעם יסוד פון דעם עקאָנאָמישן וואוילזיין פון ציבור. און ווי אַזוי אַזאַ אומשולדיקע, הגם לויט אונדזער פאַרשטיין נאָך אינגאַנצן ניט ריכטיקע, פילאָזאָפישע לערע האָט געקענט פאַרדאַרבן די מידות פון די אויפריכטיקע קעמפערס יחידים פאַרן סאָציאַליזם איז אַ רעטעניש. בכלל גלויבט זיך קוים אַז פילאָזאָפישע אויסטייטשונגען, וואָס פאַרזיכערן אַז אַלע עטישע געבאָטן באַצוועקן איין ציל און דאָס איז דער „למען ייטב לך והארכת ימים״, אויפגעפּאַסט אין קאָלעקטיווע טערמינען, זאָלן קענען אויסאיבן אַ פאַרדאַרבנדיקע השפּעה אויף דעם אויפפיר פון דעם איינצלנעם מענטשן.

און נאָך מער איז די זאַך קשה: די בורזשואַזע פּאַרטייען אַלס

4) דאָרט ז׳ 134.
פון אייגענעם מחבר, קאָמוניזם דעמאַסקירט (ענגליש), ז״ז 68—164.

רעפּרעזענטאַנטן פון הערשנדיקן קאַפּיטאַליסטן־קלאַס האָבן שוין דווקא באַגרינדעט זייערע באַשטרעבונגען אויפן יסוד פון אַן אידעאַליסטישער אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע ווי אויך פון דער געזעלשאַפט און וועלט בכלל. האָט זיי אַט־דער פילאָזאָפישער אידעאַליזם געראַטעוועט פון קאָרופּציע, פון אייגננוץ, פון גראָבן און האַרטן עגאָאיזם, האָט זיי זייער מעטאַפיזישער אידעאַליזם באַוואָרנט קעגן „יצר־הרע פון געלט, מאַכט און כבוד״?! ניט שוין־זשע מיינט א. מענעס, אַז סאָציאַליסטן אַלס מענטשן זיינען געקנאַטן פון גאָר אַן אַנדער טייג, און דער „אידעאַליזם״ וואָס האָט אויף די „בורזשואַזנע פאַרדאָרבענע קערלעך״ ניט געווירקט צום גוטן וואָלט יאָ מחזיר־למוטב זיין די „סאָציאַליסטן״... און מאַכן פון זיי פּולוואַגיקע צדיקים, וואָס האָבן ניט קיין יצר־הרע צו מאַכט, כבוד און געלט...

א. מענעס רעדט אין טערמינען פון יחידים סאָציאַליסטן און זייער פּערזענלעכן יצר־הרע, פּערזענלעכע אַמביציעס. ער וויל ניט באַגרייפן, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ נייעם קלאַס, אַ נייע סאָציאַלאָגישע פאָרמאַציע. שטאַט־סאָציאַליזם איז די אידעאָלאָגיע פון אַן אויפקומענדיקן קלאַס, דער קלאַס פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אַרבעטערשאַפט. ווען זיי וואָלטן ניט באַזיצן קיין יצר־הרע פאַר מאַכט, כבוד און גדולה, עקאָנאָמישן וואוילזיין און פּאָליטישער הערשאַפט, וואָלטן זיי ניט אַרויפגעטויכט צו דער אויבערפלאַך פון דער געזעלשאַפטלעכקייט און וואָלטן ניט פאַרנומען דעם אויבנאָן ביי דעם טיש פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פירער־שאַפט. אַט־דאָס „אַרויפאַרבעטן זיך״ און פאַרנעמען פּריווילעגירטע פּאָזיציעס ווערט ניט געטאָן ביחידות, נייערט בציבור. אַ גאַנצער קלאַס האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, אַ נייער הערשנדיקער קלאַס האָט פאַרנומען די אַוואַנססצענע פון דער געשיכטע.

„אַ ריי סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן און דורכפאַלן במשך פון די לעצטע פאַר צענדליק יאָר צווינגט אונדז צו באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין פון דאָס ניי. דער תחילתדיקער נאַאיווער סאָציאַליסטישער אָפּטימיזם האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט, זיין אָרט פאַרנעמען שווערע ספיקות און די טיפסטע אַנטוישונגען״. (דאָרט, ז׳ 86).

יאָ, דעם ענין דאַרף מען באַטראַכטן. דער אמת איז, אַז דער ענין איז שוין זייער פיל מאָל באַטראַכט געוואָרן, ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן. די לעצטע פאַר צענדליק יאָר האָבן באַשטעטיקט די פּראָגנאָזן פון די „אמתע נביאים״, ד״ה, פון די פּאָרויסזאָגערס און פּאָרויסשילדע־

רערס, וואָס האָבן געזען און באַשריבן דעם שטאַט־סאָציאַליסטישן גן־עדן ווייט ניט אין ראָזע קאָלירן. די זאַך איז אָבער אַזוי: צו די „פאַלשע נביאים” פון סאָציאַליזם האָט זיך דער ברייטער עולם צוגעהערט, צו די אמתע נביאים — ניט, פאַרוואָס? ווייל דער עולם־גולם וויל מ׳זאָל אים אָפּנאַרן. ער וויל הערן זאַכן וואָס זיינען אָנגענעם. איבערהויפּט נאָך ווען די צוזאָגענישן זיינען שוין גאָר ניט קיין פּוסטער אָפּנאַר פאַר אַ באַשטימטן קלאַס מענטשן, וועלכע גיבן דעם טאָן, פירן מיט די מאַסן, באַצווינגען זייער ווילן און פאַרשטאַנד. די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן אויסגענוצט די רעליגיעזע שטימונגען און נויגונגען פון די באַדרענגטע און באַעוולהטע שיכטן פון פאָלק, וואָס גאַרן נאָך גאולה, וואָס לעכצן נאָך אויסלייזונג.

דענקערס וואָס זיינען באַשאָנקען מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק, מיט אַ פּאָרויסזע־באַגאַבטקייט האָבן געזען ווי די קאַטאַסטראָפע רוקט זיך, קומט צו מיט יעדן יאָר פון סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע און פּאָליטישער טעטיקייט אַלץ נעענטער און נעענטער. אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט א. מענעס ניט געהערט צו אָט־יענעם קרייז יחידים, פאָרשערס. האָט ער עס איצט ערשט דערזען און האָט זיך דערשראָקן. ער לעבט איבער, ווי ער דריקט זיך אויס, „שווערע ספיקות און די טיפסטע אַנטוישונגען”. דערזעענדיק די „סאָציאַלע צרה” אַזוי שפּעט, ווען עס איז שוין כמעט נאָך אַלעמען, געוויסערמאַסן, איז ער ניט בכוח אינטעלעקטועל זיך צו פאַנאַנדערקלייבן ווי געהעריק אין דער סאָציאַלער פאַרווירעניש וואָס באַדייט אַ נייעם באַשאַף פון אַ הערשנדיקן קלאַס. ער טראַקטירט דעם סכום פון סאָציאַלע פּערטורבאַציעס ווי ער וואָלט זיין עפּעס צופעליקעס וואָס איז פאַראורזאַכט פון די „שלעכטע סאָציאַליסטן” וואָס זיינען ניט געשיקט אין געפעכט מיטן יצר־הרע... ווען עס וואָלטן געווען גוטע פרומע סאָציאַליסטן וואָלט דער סאָציאַליזם אַרויסגעקומען גאָר אַן אַנדערער... ער וויל ניט זען אַז דער שטאַט־סאָציאַליזם אַלס אַזעלכער איז שולדיק אין דעם וואָס די סאָציאַליסטן זיינען דאָס וואָס זיי זיינען. ער באַגרייפט ניט אַז דער סאָציאַליזם האָט זיך פאַרשפּרייט דווקא דערפאַר וואָס ער איז „שלעכט”, ד״ה דערפאַר וואָס אַ יונגער, שטאַרקער, ענערגעטישער קלאַס איז געווען פאַראינטערעסירט סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש אין זיין, לכתחילה, פאַרשפּרייטונג און, דערנאָך, פאַרווירקלעכונג.

פאָלגלעך, אַזוי ווי דער דיאַגנאָז פון א. מענעסן איז ניט ריכטיק דעריבער איז גאַנץ נאַטירלעך וואָס דער רעצעפּט, וועלכן ער פאַרשרייבט,

געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון „קאַלטע רפואות", צו געברויכן אַ פשוטן פאָלקס אויסדרוק.

סאָציאַליזם ווי נאָר ער האָט זיך צוגערירט צו דער געמיינער און אומריינער סאָציאַלער ווירקלעכקייט אַזוי האָט ער גלייך פאַרלאָרן, רחמנא ליצלן, זיין נשמה־זויבערקייט, זיין אידעאַליסטישע אומשולד. שטעלט זיך די פראַגע, ווי זאָלן מיר אים רייניקן פון דער טומאה, ווי זאָל מען דעם סאָציאַליזם כשרן?

א. מענעס האָט אַ מיטל און ער לייגט אים פאָר:

„און היינט קענען מיר ווידער אויפלעבן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל נאָר דאַן, ווען מיר וועלן זיך אומקערן צום קוואַל פון אידעאַליזם, צו דער אידייע פון אין־סוף" (דאָרט ז' 87).

דאָס איז אַ טשיקאַווע תרופה! די אַבסטראַקטע אידייע פון אין־סוף וועט היילן אונדזערע סאָציאַלע חולאתן, ווי אַזוי? קיין קאָנקרעטן סאָציאַליסטישן טעזיס קען מען ניט באַווייזן אויפן סמך פון אַזאַ ניט־דאָאיקער אידייע ווי דער אין־סוף. און אַז עס איז פאַראַן אַ אין־סוף, איז וואָס? צו וואָס איז עס מחייב אין תחום פון אינטערפּערזענלעכע מענטש־לעכע פאַרהעלטענישן? בכדי צו באַווייזן די ריכטיקייט אָדער די פאַלש־קייט, די דערגרייכבאַרקייט אָדער ניט־דערגרייכבאַרקייט, די ווינטשנ־סווערטיקייט אָדער ניט־ווינטשנסווערטיקייט פון דעם סאָציאַליסטישן פּלאַן און דאָקטרין מוז מען זיך ווענדן צו דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער, סאָציאָלאָגישער וויסנשאַפט, בשום אופן ניט צו דער לערע מכוח אין סוף, אַפילו בשעת ער איז אַ סינאָנים פאַר דעם טערמין „גאָט". נו, אַז די סאָציאַליסטן וועלן גלויבן אין גאָט, איז וואָס וועט דעמאָלט פּאַסירן?! מענטשן האָבן געגלויבט אין גאָט און געהאַט אַ שקלאַפן סיסטעם. מענטשן האָבן געגלויבט אין גאָט און געהאַט אַ פעאָדאַלן איינשטעל. מענטשן גלויבן אין גאָט און האָבן אַ קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, אויב קאַפּיטאַליזם איז אַ סיסטעם. און אַז סאָציאַליסטן וועלן גלויבן אין גאָט וועט זייער גלויבן נויטווענדיקערווייז קאָריגירן זייער סאָציאַליזם און מאַכן אים פאַר אַ „כלו טוב"?! מענטשן האָבן געגלויבט און גלויבן און וועלן גלויבן. איז גלויבן אַליין גענוג? איז גאָט אַליין פאַר זיך גענוג? גאָט קען דאָך זיין אַ געץ און אַ גרויסער רשע. דאַרף מען דאָך האָבן אַ גאָט וואָס איז אין דער בחינה פון „לא יגורך רע", וואָס איז דער קוואַל פון גוטסקייט, מיט אַנדערע ווערטער, אַן עטישער פּרינציפּ. איז דאָס אַנערקענען פון פּרינציפּ פון עטיק אַלס אַ קאָסמישן פּאָסטולאַט דען גענוג? עס פאָדערט זיך דאָך דאָס אָפּהיטן פון די געבאָטן פון עטיק.

מע דאַרף מקיים־זיין דעם „והלכת בדרכיו, מה הוא חנון אף אתה חנון״... און פאַר דעם צוועק פאָדערט זיך אַ שטאַרקער ווילן, אַ גוט דיסציפּלי־נירטער מענטש. בלויז אַ צדיק, ווען ער איז שוין אַ צדיק, קען זיך באַגענוגענען מיט גלויבן אַליין, צדיק באמונתו יחיה... אָבער אמונה אַליין, אַנערקענונג פון אַן אַבסטראַקטן פּרינציפּ מאַכט קיינעם ניט פאַר קיין צדיק״ פאַר קיין עטישע פּערזענלעכקייט.

און אַז די סאָציאַליסטן וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און די ווירטשאַפט פון לאַנד וועלן זיך דערקלערן פאַר רעליגיעזע מענטשן און זייער סאָציאַליזם פאַר אַ רעליגיעזן איז וואָס וועט פּאַסירן, וועט אַט־די לעפל האָניק פאַרזיסן דאָס גאַנצע פעסל פון דזשעגאכץ?! „רעלי־גיעז״ אויב דאָס באַדייט פרומקייט האָט עס בכלל קיין באַדייט ניט. אַ ייד וועט בדאי זיין אַ יאָר פרום איידער איין טאָג גוט. ביסמאַרק, „דער קאַנצלער פון בלוט און אייזן״ איז געווען „רעליגיעז״. אין זיינע טאָגביכער וועט איר געפינען אַריינשרייבונגען, וואָס זענען עדות אַז ער האָט גאַנץ פרום מתפלל געווען אין דעם טאָג, ווען ער האָט געצוואונגען די פראַנ־צויזן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון עלזאַס־לאָריין און צאָלן אַ היפשע קאָנטריבוציע נאָך זייער מפּלה ביים סעדאַן אין 1871. גענעראַל פאָש איז געווען אַ פרומער קאַטאָליק און זיינע סטראַטעגישע איינפאַלן האָט ער צוגעטראַכט שטייענדיק אויף די קני אין קירך בשעת געבעט. און גענעראַל הינדענבורג איז געווען ניט ווייניקער „רעליגיעז״. איז פּאָביע־דאָנאָסצעוו, דער הויפּט פון הייליקן סינאָד ניט געווען רעליגיעז? זיינען די אינקוויזיטאָרן, וואָס האָבן געפּייניקט די יידן און די אַפּיקורסים, ניט געווען רעליגיעז? זיינען די רבנים וואָס האָבן אַריינגעלייגט ספּינאָזאָן אין חרם ניט געווען „רעליגיעז״? אַלע מענטשן, אַריינגערעכנט די גרויזאַמסטע טיראַנען און פעלקער־רוצחים, זיינען „רעליגיעז״, האַלט זיי זייער „רעליגיאָזיטעט״ אָפּ פון זייערע מעשים תעתועים? און וואָס גיט אַ. מענעסן די זיכערקייט אַז ווען די „סאָציאַליסטן״ וועלן ווערן „רעליגיעז״ וועלן זיי ווערן מיט מלאכים צוגלייך און וועלן גלייך פאַרלירן זייער „יצר הרע צו געלט, מאַכט און כבוד״. וואָס מיינט ער, אַז „רעליגי־עזע״ מענטשן האָבן קיין יצר הרע ניט, אָדער אַז זיי זיינען אַלע ריין פון זינד?! איז „איוואַן דער שרעקלעכער״ ניט געווען רעליגיעז, און נאָך ווי „רעליגיעז״?!

רעליגיאָזיטעט, אמונה, גלויבעריי איז ניט אַ זאַך וואָס מ׳דאַרף מענטשן לערנען אָדער עס פאַרשפּרייטן. וואָס מ׳דאַרף טאָן בנוגע רעליגיע איז לייטערן עס, רייניקן עס פון פּסולת, פון אַבערגלויבעריי, קולטוס

און ריטואַליסטיק. רעליגיע איז אַ נאַטירלעך געוויקס וואָס וואַקסט אויפן פעלד פון מענטשלעכן באַוואוסטזיין. עס האָט גאָר טיפע וואָרצלען אין דער מענטשלעכער נשמה. אַלע פאַרזוכן עס אַרויסצורייסן פון דער זעל פון די יחידים אָדער מאַסן האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט דעם, וואָס דאָס געוויקס וואָס הייסט אמונה איז געוואָרן גרעבער, ווילדער, דאַרנדיקער. רעליגיע דאַרף מען ראַפינירן, פאַראיידעלן, פאַרשענערן, מיט איין וואָרט, קולטיווירן. אין דעם איז אייגנטלעך באַשטאַנען די אומגעהויער וויכטיקע אַרבעט פון די נביאים[5]. דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון רעליגיע איז פון מאַגיק צו עטיק, פון ריטואַל צו מאָראַל.

.2

איך קען פאַרשטיין די יעניקע וואָס שטעלן אַרויס דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם קעגן דעם דיקטאַטאָרישן, הגם איך בין מיט זיי ניט מסכים. די צרה מיט דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם איז דאָס, וואָס ער איז אין ערגעץ ניט אויסגעפּרובירט געוואָרן הלכה למעשה. ער געפינט זיך נאָך אַלץ אין זיין יוגנטלעכן אומשולדיקן פּעריאָד פון אַגיטאַציע. דעמאָקראַטיע, אין דער פאָרם אין וועלכער זי ווערט פּראַקטיצירט, איז אַ פּאָליטישער איינשטעל וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון פרייער קאָנקורענץ און פּריוואַט אייגנטום. דער יחיד קען זיין אַ טרעגער פון באַשטימטע פּאָליטישע רעכט כל־זמן ער איז אַ פרייער עקאָנאָמישער סוביעקט. ווען דער יחיד פאַרמאָגט גאָרניט, האָט ניט אין זיין רשות און צו זיין דינסט די אינסטי־טוציע פון פּריוואַט אייגנטום פאַרלירט ער זיין חשיבות אַלס ווירטשאַפט־לעכער אַגענט און ממילא ווערט געמינערט זיין ווערדע אַלס בירגער. איך גלויב ניט אַז דעמאָקראַטיע איז בכוח איינצוצאַמען די מאַכט־אַפּעטיטן וועלכע אַנטוויקלען זיך ביי די זין פון דעם הערשנדיקן קלאַס אונטער דעם שטאַט־סאָציאַליסטישן רעזשים. בכדי צו פאַרהיטן די היינטיקע געזעלשאַפט פון דער אָנקומענדיקער שטאַט־סאָציאַליסטישער שקלאַפערײַ פאָדערט זיך עפּעס מער, עפּעס מער עפעקטיוועס ווי בלויז דעמאָקראַטיע. איך בין שטאַרק מסופק צי אַ דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם איז דורכפירבאַר און צי ער וואָלט זיין גילטיק, צי די דעמאָקראַטישע דאַמבע וואָלט קענען איינהאַלטן, איינטאַמעווען דעם שטראָם פון טאָטאַלי־טאַרישן דעספּאָטיזם, וועלכער פאַרפלייצט דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן

5) פון אייגענעם מחבר, מאָראַל ז״ז 10—9.

מיטן איינפיר פון שטאַטיזאַציע פון דערווירטשאַפט. אָבער דאָס לאָזט זיך דיסקוטירן. מיינען אָבער אַז מיט דעם צושטעל צום וואָרט „סאָציאַליזם" דעם אַדיעקטיוו „רעליגיעזער" קען מען ראַטעווען די סיטואַציע, ווי א. מענעס טוט, איז עפּעס אַזעלכעס, וואָס געפינט זיך, לפי עניות דעתי, מחוץ פון תחום פון רעאַליסטישן דענקען.

אַזעלכע אויסטערלישע געדאַנקען ווי „אַז דער אמתער צדיק ווייס ניט פון קיין צורת מטבע, דערפאַר טאָר מען אויך שבת קיין געלט ניט האַלטן"... (ז' 85) קענען, לויט מיין פאַרשטיין נאָך, וואַרפן ווינציק ליכט און אַריינברענגען גאָר ווייניק קלאָרקייט אין דעם פאַרוויקלטן און פאַרפּלאָנטערטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן פּראָבלעם פון אונדזער צייט. צו אָט־די אמתע צדיקים־בטלנים האָט מען ניט נאָר זיך ניט געווענדט צו לייזן „וועלט"־פּראָבלעמען, נייערט אַפּילו אַ פּשוטע דין־תורה אָדער אַ בוררות האָט מען זיי ניט אָנגעטרויט אַפּילו אין די פּיטשימאָנטשיקע יישובים אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען.

אויב אָבער, א. מענעס מיינט צו שטעלן דעם גאַנצן טראָפּ אויף ריינער עטיק און אויף דער אָן־שפּרינקל־ציכטיקער עטישער פּערזענלעכ־קייט; און שטעלנוויז מאַכט טאַקע זיין עסיי דעם איינדרוק ווי ער וואָלט וועלן אַפּעלירן בלויז צו די יחידי־סגולה, זיי דערמונטערן און דערמוטיקן אַז זיי זאָלן זיך „גרויסן און הייליקן" אין זייער פענאָמענאַלער צידקות אַזוי אַז זיי זאָלן זיך אַריבערהויבן איבער אַלע הבלי־עולם־הזה; אויב דאָס איז טאַקע זיין לויבנסווערטע כשרע כוונה, האָט ער באַדאַרפט משיג־זיין אַז פאַר אָט־די „קדושים וטהורים", פאַר אָט־די זעלטענע יחידים איז דער ענין „סאָציאַליזם", ווי יעדע אַנדערע סאָציאַלע שיטה אָדער איינשטעל, ניט פון ערשטער חשיבות און, אפשר, פון קיין חשיבות. פאַר אמת גוטע וואוילע מענטשן, וואָס האָבן גענומען זייער „יצר־הרע פון געלט, מאַכט און כבוד" און אים געשאָכטן און זיך אויף אים מתוודה געווען איז גאָר ניט שייך קיין שלעכטער סאָציאַלער איינשטעל. אַ גוטער מענטש וועט אין זיינע ד' אמות, אין דעם ענגן קרייז פון זיינע דירעקטע פּערזענלעכע באַציאונגען מיט זיינע מיט־מענטשן שאַפן אַ גוטן סדר פון דער ערגסטער סאָציאַלער אָרדענונג, אויף אַזוי ווייט ווי זיינע האַנדלונגען און מעשים טובים דערגרייכן.

„דער פּאָליטישער קאַמף איז ווייט ניט די בעסטע שול פאַר מאָראַלישער דערציאונג. אין פּאָליטישן לעבן ווערן אָפט באַנוצט מיטלען און מעטאָדן, וואָס אָנשטענדיקע מענטשן וואָלטן זיך געשעמט זיי אָנצוואַ־ווענדן אין פּערזענלעכן לעבן" (דאָרט, ז' 86).

דאָס איז אמת. אָבער עס איז דאָך באַקאַנט די טאַטזאַך, אַז כל־זמן סאָציאַליזם איז געפּריידיקט געוואָרן אַלס אַן עטישע לערע, ד״ה, כל־זמן ער האָט זיך געווענדט צו די וואָס האָבן פאַרמעגנס און עשירות, און האָט געפאָדערט פון זיי, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע נכסים און רייכטימער און צעטיילן עס צווישן די וואָס האָבן ניט אָדער האָבן ווייניקער, האָט די פּריידיקט, ווי ערנסט זי איז ניט געווען, ניט געהאַט קיין גרויסע פּעולה, ניט געשאַפן קיין גרויסע, אין צאָל, נאָכפאָלגערשאַפט. סאָציאַליזם האָט געקראָגן זיינע אָנהענגערס אין די שווערע הונדערט־טויזנטער און מיליאָנען ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געווענדט צו די וואָס האָבן ניט און זיי פאַרגעלייגט דעם אָנלאָקנדיקן פּלאַן פון צונעמען די רייכטימער ביי די וואָס האָבן און ניט וואַרטן ביז זיי וועלן ווערן גוט און פרום און אַליין עס אָפּגעבן. אָבער אָט־די ווענדונג, וואָס אויף פּראָפּאָגאַנדע־לשון האָט געהייסן, געפינען דעם „טרעגער״ פאַרן אידעאַל, האָט געמאַכט פון סאָציאַליזם אַ פּאָליטישע לערע און אַ פּאָליטישע באַוועגונג [6]). סאָציאַליזם ווען ער ווערט געפּריידיקט פון אָרעמעלייט צו אָרעמעלייט, אָדער פון פאָרשטייער פון אַרבעטערשאַפט צו פּראָלעטאַריער קען ניט זיין קיין ריין עטישע לערע. מחמת פאַר אַן אָרעמאַן גענומען אַלס אַ קאָלעקטיוו, צוצונעמען, קאָנפיסקירן דעם רייכטום פון רייכן איז ניט קיין ריין עטישער אַקט, נייערט אַ וויכטיקע, מיט קאָנסעקווענצן אָנגעלאָדענע, פּאָליטישע אַקציע.

„דער סאָציאַליזם פון אינטערעסן מוז בכן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ סאָציאַליזם פון קרבנות און פרישות״ (דאָרט, ז׳ 87).

עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן, ווען דאַרפן עס קומען די „קרבנות און פּרישות״ פאַרן סאָציאַליזם, פאַר דער רעאַליזאַציע פון סאָציאַליזם, בשעת עס גייט אַן דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, אָדער נאָך דעם, נאָך דער רעאַליזאַציע? אויב פאַרדעם, האָבן די רוסישע קאָמוניסטן מקיים געווען דאָס וואָס א. מענעס לייגט פאַר אין זיין עססיי אַלס אַ רפואה בדוקה ווי אַזוי כשר צו מאַכן דעם סאָציאַליזם. די רוסישע באָלשעוויקעס האָבן געבראַכט געצוג קרבנות אויפן מזבח פון דעם דיקטאַטאָרישן נוסח פון שטאַט־סאָציאַליזם. זיי זיינען אויסגעשטאַנען גענוג רדיפות מצד פון צאַרישן רעזשים, זיי האָבן געקעמפט אויף די באַריקאַדן, זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורכן פייער פון אַ פאַרצערנדיקן בירגער־קריג אַפילו אין זייערע אייגענע רייען. און דאָך האָלט א. מענעס אַז זייער „סאָציאַליזם״

6) פון זעלביקן מחבר, די סאָציאַלע פראַגע, ז״ז 16—114.

איז ווייט ניט באַפרידיקנדיק, ווי ער דריקט זיך אויס, „דער סאָציאַליס־טישער עקספּערימענט אין רוסלאַנד... איז אייגנטלעך נאָר אַ מוסטער פון פאַרפעלשטן און דעגענערירטן סאָציאַליסטישן אידעאַליזם". און די „קרבנות" האָבן גאָרניט אויפגעטאָן: צום אָנהויב זיינען זיי אַליין, די באָלשעוויקעס, געווען „קרבנות", דערנאָך האָבן זיי אנדערע געמאַכט פאַר „קרבנות", אַנדערע מיינט אַלע די וואָס זיינען ניט געווען איינשטימיק מיט זיי. האָבן די ערשטע קריסטן געבראַכט וויניק קרבנות אויפן אַלטאַר פון זייערע אידייען, איז דאָס זיי בייגעשטאַנען בשעתן און נאָכן איבערגאַנג פון פאַרפאָלגטע צו הערשערס, נאָכן פאַרכאַפּן די מאַכט אין רוים, ווען די קירך איז געוואָרן טריאומפירנדיק?! לכן, וואָס לייגט א. מענעס פאָר? מיינט ער, אפשר, קרבנות נאָך דער רעאַליזאַציע פון סאָציאַליזם; אויב דאָס איז זיין געדאַנק, דאַרף ער זיך ווענדן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם צו די רייכע און מעכטיקע, ווייל זיי זיינען דאָך די איינציקע וואָס האָבן צו פאַרלירן פון דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, לויט דער השגה פון אַ סאָציאַליסט. מע קען דאָך ניט פאָדערן קיין קרבנות פאַרן סאָציאַליזם נאָך זיין רעאַליזאַציע פון די מאַסן, וואָס דערוואַרטן עפּעס צו קריגן פון סאָציאַליזם, ניט צו דערלייגן צו אים. סאָציאַליזם קומט דאָך אויפצוהייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די פאָלקס־שיכטן, ניט אַראָפּדריקן עס נאָך נידעריקער.

אַלזאָ וואָס פאַר אַ מין סאָציאַליזם איז עס דערדאָזיקער, וואָס א. מענעס לייגט אונדז פאָר?

א. מענעס מישט פּאָליטיק, עקאָנאָמיק מיט מיסטיק, און פון אַזאַ געמיש באַקומט זיך אַ מיסטיפיקאַציע און ניט קיין מיסט וואָס קען פאַרמיסטיקן דעם פעלד פון פרוכטבאַרן סאָציאַלן דענקען.

„יידישע שריפטן", באַנד פינף, זז. 44—54.

דיסהיסטאָריזאַציע פון היסטאָריע

קאַרל מאַרקס און זיין צווייטע העלפט און ערשטער מיטהעלפער, פרידריך ענגעלס, אַ סאָציאַליסטישער דענקער און געלערנטער אין זיין אייגענעם זכות, האָבן פּרובירט איינצושטילן די ווייטאָקדיקע חששים מכוח דער אומווירקזאַמקייט פון קלאַסנקאַמף מיט עפּעס אַ מין באַלזאַם. די דאָזיקע אומווירקזאַמקייט ווערט באַוויזן מיט אַזויפיל היסטאָרישע דאַטן, וועלכע באַזיצן אַזאַ איבערצייגנדיקע קראַפט, אַז עס איז שווער צו צווייפלען אין איר. דער קלאַסנקאַמף קען בשום אופן נישט מקרב־זיין דעם סאָציאַלן קץ און זיכער קען ער ניט אַראָפּברענגען דעם סאָציאַלן משיח, ווייל אויב ער וואָלט עס קענען טאָן, ווען ער וואָלט געווען בכוח צו ברענגען די גאולה, וואָלט ער עס שוין לאַנג געטאָן. דער קלאַסנקאַמף איז דאָך ניט קיין „שנעק", ער איז אַלט כמעט ווי די געשיכטע פון דער מענטשהייט. און דאָס וואָס ער האָט ניט געקענט אויפטאָן אין זיין יוגנט, וועט ער ניט קענען אויפטאָן אויף דער עלטער.

מאַרקס און ענגעלס פּלייסן זיך, אָנווענדנדיק זייער גאַנצע חריפות, איינצושטילן די יסורים פון אַט דעם באַאומרואיקנדיקן באַוואוסטזיין, מכוח דער קנאַפּער גאולה־אויפטועוודישקייט פון קלאַסנקאַמף, מיט דעם שאַרפזיניקן זאַץ:

„דער פּראָלעטאַריאַט, דער נידעריקסטער שיכט פון דער הייַנטיקער געזעלשאַפט, קען זיך ניט באַוועגן, קען זיך ניט אויפהויבן אָן דעם, אַז אַלע אַרויפגעבויטע שיכטן פון דער איינגעשטעלטער געזעלשאַפט זאָלן ניט צונויפברעכן"[1].

„די געשיכטע פון אַט־די קלאַסן־צוזאַמענשטויסן פאָרמירט אַן אַנט־וויקלונג, אין וועלכער אַ סטאַדיע ווערט איצטער דערגרייכט, ווען דער עקספּלואַטירטער און אונטערדריקטער קלאַס — דער פּראָלעטאַריאַט —

---

1) Karl Marx and F. Engels, Communist Manifesto, Essentials of Marx, p. 42.

קען ניט דערגרייכן זיין עמאַנציפּאַציע פון דעם יאָך פון דעם עקס־פּלואַטירנדיקן און הערשנדיקן קלאַס — די בורזשואַזיע — אָן דעם, אַז ער זאָל בשעת מעשה, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ניט עמאַנציפּירן די גאַנצע געזעלשאַפט פון עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג, קלאַסן־געפעכטן"[2]).

לויט מיין פאַרשטאַנד האָט די דאָזיקע באַהויפּטונג נישט מער האַפטיקע גילטיקייט, ווי דער באַווייז פון השארת־הנפש מיט דעם טעזיס מכוח דער אומצעשטערבאַרקייט פון ענערגיע, און אַזוי ווי די נשמה איז דאָ, מוז זי בלייבן לעולם־ועד, זי קען ניט אומקומען. אַלץ איז גוט אין דער דאָזיקער אַרגומענטאַציע, נאָר עס פעלט בלויז איין קליניקייט, דער „עיקר שכחתי" און דאָס איז צו באַווייזן, אַז די נשמה עקזיסטירט טאַקע באמת אַלס אַ יש...

וועגן דער פונקציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז דאָס אייגענע. עס איז אַקסיאָמאַטיש, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, ד"ה, דער קלאַס פון האַנט־אַרבעטער, קען זיך ניט אויפהויבן פון דעם דעק צום סאַמע שפּיץ פון דער געזעלשאַפט, „פון שמעטניק צום אויבנאָן", סיידן ער וועט אַלס אַ תנאי קודם למעשה, צעברעכן דעם פיקסירטן איינשטעל פון דער היינטיקער געזעלשאַפט און אָפּשאַפן אין דער אותה שעה אַלע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג און קלאַסן־געשלעגן. די פראַגע איז נאָר פון וואַנעט נעמען מיר עס, אַז דער פּראָלעטאַריאַט גייט באמת באַווייזן אָט דעם פּלאַי־פּלאים, אָן אויפּטו, וועלכער האָט ניט קיין פּאַראַלעל אין דער געשיכטע; פון וואַנעט וויסן מיר, אַז ער וועט זיך טאַקע אַרויפהויבן אויב נישט צום סאַמע שפּיץ, איז לכל הפחות צו דער אויבערפלאַך פון סאָציאַלן לעבן. וואו נעמט מען אָט די זיכערקייט?

דער מאַרקסיסטישער פּסוק: „מאשפות ירים אביון להושיבו... עם נדיבים נדיבי עם" (שמואל א', ב', ח') איז דאָך נישט גענוג. „דער „אשרי המאמין" דאַרף דאָך האָבן כאָטש אַ שטיקל אָנהאַלט. דער פּראָלעטאַריאַט מעג דאָך האַנדלען אין איינקלאַנג מיט דעם היסטאָרישן פּרעצעדענט און זיך באַנוגענען מיט דעם אויסבעסער פון זיין מצב. די דערפילונג פון אָט דער רעאַליסטישער אויפגאַבע וואָלט ניט פאָדערן, אַלס אַ פאַרבאַדינג, די מכל־וכל ענדערונג פון דעם נוסח פון דער גאַרער געזעלשאַפט. די תיקונים אין סטאַטוס, די קאָרעקציעס אין די באַדינגונגען, אונטער וועלכע די אַרבעטער לעבן און פונקציאָנירן אַלס פּראָדוצענטן, וואָלטן

---

2) F. Engels, Preface to the Communist Manifesto, p. 28.

רעגיסטרירט ווערן אַלס אַ פועל־יוצא פון דעם אַלגעמיינעם פאַרבעסער און פאַרגרעסער פון דער סומע פון וואוילשטאַנד אין דער געגעבענער געזעלשאַפט. אויף אַזאַ שטייגער וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט טאַקע שטייגן אָבער די גאַנצע געזעלשאַפט, מיינענדיק די איבעריקע קלאַסן, וואָלטן שטייגן מיט אים אויף־אַמאָל אַזוי, אַז זיין רעלאַטיווע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור וואָלט זיך ראַדיקאַל ניט ענדערן. די באַהויפּטונג פון ענגעלסן און פון מאַרקסן איז צו אַלגעמיין, פון איין זייט, און צו אומגעשיכטלאַך, גרונטלאָז, פון דער צווייטער. און מ׳קען דאָ נישט פאַרמאַכן די מוחות און פאַרשטאָפּן די מיילער פון די צווייפלער און אָפּפרעגער מיט דעם, וואָס מיר האָבן צו טאָן מיט אַ פליישיקער רעוואָלוציע און ניט מיט אַ פאַרעווער עוואָלוציע און מילכיקע רעפאָרמען. רעוואָלוציעס, ניט ווייניקער פון אַלע אַנדערע סאָציאַלע דערשיינונגען, פירן זיך אויף ווי געהעריק, היטן אָפּ, ווי אמתע פּרומאַקעס, אַלע דינים פון געשיכטע־שולחן־ערוך. זיי זיינען שוין גאָר נישט קיין פורקי־עול. זיי שפּרינגען ניט פון זייערע סאָציאַל־היסטאָרישע האַלאַבליעס. אַ רעוואָלוציע האָט אירע לימיטאַציעס, ניט אַזוי פּאָליטישע ווי סאָציאָלאָגישע. זי איז ווייט פון צו זיין עפּעס אַ מין „קיניג וואָס ברעכט אויף דעם צוים און קיינער פאַרווערט אים ניט״, און אַ פּשיטא שוין ניט קיין כל־יכול. די געשיכטע האָט פאַרנאָטירט אַלץ וואָס רעוואָלוציעס האָבן אויפגעטאָן און מיר ווייסן שוין היינט, וואָס זיי קענען טאָן און וואָס זיי קענען ניט.

וואָס מאַרקס און ענגעלס זאָגן וועגן דעם נייעם שמשון הגבור, דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָלט זיין אמת וועגן יעדן אונטערשטן שיכט. ער וועט זיך בשום אופן ניט קענען אויפהויבן, סיידן ער וואָלט פאַראורזאַכן אַן אַלגעמיינע פּערטורבאַציע, אַן אַלגעמיינע איבערפּורעמונג פון אַלע פאַר־העלטענישן, וועלכע עקזיסטירן צווישן די פאַרשיידנאַרטיקע גרופּירונגען פון דעם געגעבענעם קאָמפּליצירטן סאָציאַלן איינס. און טאַקע מהאי טעמא פאַסירן ניט אַזעלכע כמעט „איבערנאַטירלעכע״, פאַרשטאַנען סאָציאָלאָגיש, געשעענישן. קיין סאָציאַלער דעק־שיכט אַלס אַ גאַנצער — קיין פאַרזונקענע סאָציאַלע פאָרמאַציע אַלס אַ גאַנצע, גענומען אין דער טאָטאַליטעט פון אירע מיטגלידער — האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט אויפגעהויבן צום דעם ים־ניוואָ פון סאָציאַלן לעבן, סיידן ער האָט זיך פאַרדעם דעקאָמפּאָזירט און רעקאָמפּאָזירט, און בלויז אַ מינדערהייט, אַ מיעוטא דמיעוטא פון זיינע מיטגלידער, האָט באַוויזן דעם גרויסן וואונדער פון אַרויפשטייג. און וואו נעמט מען די איבערצייגנדיקע ראיות,

אַז היינט צו טאָג גייט פּאַסירן דאָס, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט אין דעם קעניגרייך פון רעקאָרדירטער געשיכטע? וואו זיינען די דאַטן, וועלכע זאָלן אונדז צייגן, אַז מיר האַלטן פאַר אַ נייעם בראשית, אַז מיר זיינען די עדות פון אַן אָפּבראָך און איבערבראָך, אַז דער סאָציאַלער געשיכטע האָט זיך פאַרוועלט לגמרי ענדערן איר ריכטונג און בייטן דעם שניט פון איר ביז־אַהעריקער הנהגה?

„...אַ קלאַס, וועלכער געפינט זיך אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אָבער ער איז ניט פון דער געזעלשאַפט, אַן אָרדענונג וועלכע וועט צעברעכן אַלע אָרדענונגען, אַ ספערע וועלכע פאַרמאָגט אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער בזכות פון אירע אוניווערסאַלעליידן, וועלכע פּרעטענדירט ניט אויף קיינע ספּעציעלע רעכט, מחמת קיין ספּעציעלע אומרעכט, נאָר אומרעכט בכלל, איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן איר, וועלכע קען זיך מער נישט באַרופן אויף אַ היסטאָרישן טיטל, נאָר בלויז אויף אַ מענטשלעכן טיטל... אַ ספערע, לסוף, וועלכע קען זיך ניט עמאַנציפּירן, ניט עמאַנצי־פּירנדיק אַלע איבעריקע ספערן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע רעפּרע־זענטירט, מיט איין וואָרט, אַ לחלוטינדיקן פאַרלוסט פאַר דער מענטש־הייט, און קען דעריבער זיך אויסלייזן בלויז דורך פולער אויסלייזונג פון דער מענטשהייט. דער פאַנאַנדערפאַל פון דער געזעלשאַפט רעדוצירט צו אַ ספּעציעלער אָרדענונג איז דער פּראָלעטאַריאַט"[3].

אָט־די דיסערטאַציע פון מאַרקסן וועגן דעם פּראָלעטאַריאַט איז אַן אַבאָרטיווער פאַרזוך צו דיסהיסטאָריזירן די אַרבעטער באַוועגונג און דעם אַרבעטער קלאַס. מאַרקס באַשרייבט דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ קלאַס, וועלכער איז סיטואירט מחוץ פון אַלע געגעבענע היסטאָרישע עפּאָכן, איבער אַלע באַגרעניצונגען און איינצוימונגען, וועלכע מוזן אומבאַדינגט זיך געפינען דאָרטן, וואו עס געפינט זיך אַ דעפיניטיווע סביבה און אַ באַשטימטער צייט־אָפּשניט. און נאָך דעם ווי מאַרקס שטעלט אַוועק דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער מאָדנער פּאָזיציע פון גאָלער אוטאָפּיע, אויף יענער זייט פון רוים און צייט, אין דעם פראַנק־און־פרייען אויבער־תחום פון אַן אַנטי־היסטאָרישער ספּעקולאַציע, קען מאַרקס מיט אַ רוהיקן געוויסן און אַן אומפּראָטעסטירנדיקן אינטעלעקט אונדז פאַרזיכערן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט טויג זיך אויס פאַר דער שטיקל אַרבעט, וועלכע דערמאָנט אַן אַרכימעדס אַמביציע, פון איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ

---

3) Karl Marx, Hegelian Philosophy of Right, Selected Essays, p. 37. N. Y. 1926.

און מיט די פיס אַרויף די גאַנצע מאַשינעריע פון דעם געשיכטלעכן פּראָצעס.

„אַ קלאַס, וועלכער געפינט זיך אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אָבער איז ניט פון דער געזעלשאַפט". אַזאַ באַשרייבונג וואָלט אפשר פּאַסן פּאַר אַן אויפטויכנדיקן נייעם הערשער־קלאַס, אַן אַגרעגאַט, וועלכער קעמפט דורך אַרויפצוזיין וועג צו דאָמינאַציע. אַזאַ דעפיניציע פּאַסט אָבער מכל־וכל ניט פּאַר דעם אַרבעטער קלאַס, אַ קלאַס, וועלכער איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע און וועלכער איז באמת איר קאָנטער־אַגענט, וועלכער וואוינט זייט־ביי־זייט מיט איר, און ווערט אויפגעהאָדעוועט אין דעם סאַמע פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזאַציע, אַ קוואַל פון וועלכן די בורזשואַזיע ציט איר חיונה, רייכטימער און גדולה.

„אַ ספערע, וועלכע באַזיצט אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער בזכות פון אירע אוניווערסאַלע ליידן". קיין קלאַס פון לעבעדיקע באַשעפענישן — ניט אַ קאַטעגאָריע פון אַ טעאָלאָגישן כאַראַקטער, ווי קריסטוס, וועלכער נעמט אויף זיך די זינד און אָפּקומעניש פּאַר די זינד פון דער גאָרער מענטשהייט — ליידט ניט בכלל, נאָר אויף אַ באַשטימטן אופן, אַלס אַ דעפיניטיווע גרופּירונג, וועלכע פאַרנעמט אַ דעפיניטיווע פּאָזיציע אין פּראָדוקציע און, היוצא, אויך אין דיסטריבוציע. קיין קלאַס קען זיך ניט דערלויבן צו פאַרלאָזן פלוצלונג, צוליב אַן אוקאַז פון אַ רעוואָלוציע אָדער אַן אינספּיראַציע פון אַ „מיסיאָן", זיין באַשטימטע היסטאָרישע נישע, זיין היסטאָרישן הינטערגרונט און זיך נעמען אויפפירן ווי אַ מטושטשדיקס תהו־ובהודיקעס וועזן, וואָס באַלאַנגט צו אַלע צייטן און צו אַלע סביבות און דעריבער באַלאַנגט עס אין ערגעץ נישט, צו קיין צייט נישט און צו קיין אומגעבונג.

„אוניווערסאַלע ליידן" שמעקן מיט מיסטיציזם. די באַהויפּטונגען פון מאַרקסן שטעלן פאָר מיט זיך אַ נעגאַציע פון געשיכטע, דאָס גלייכן פון וועלכער מיר קענען ניט געפינען ביי קיין געלערנטן, וואָס מיינט צו זיין וויסנשאַפטלעך און גיט זיך אָפּ מיט אויפדעקן היס־טאָרישע טענדענצן. מאַרקס פאַרנעמט זיך מיט פאָרויסזען דעם קורס פון דער ווייטערדיקער געשיכטע, וויל אָנצייכענען די ליניעס פון פאָרויסגייענדיקן היסטאָרישן פּראָצעס און בשעת מעשה דערלויבט ער זיך צו נעגירן די געשיכטע, לגמרי און לחלוטין. מאַרקסיזם, ווען ער קומט צו זיינע פּראָגנאָסטיקאַציעס, איז אַ דרייסטער פאַרזוך צו פאַרגוואַלטיקן געשיכטע, צו צווינגען זי צו פאַרביינען זיך אַליין, אַראָפּצוגיין פון אירע אייגענע רעלסן, פאַרוואַרפן אירע אויסגעטראָטענע דרכים. די גאַנצע

געשיכטע איז אַ קלאַסנקאַמף, און דאָ דאַרף זי גאָר אָפּשאַפן קלאַסן און אויפהערן צו קעמפן. ווען זי זאָל פאָלגן דעם מאַרקסיזם, וואָלט זי דאַרפן אויסהויכן איר זינדיקע נשמה און אויסשפייען אירע לונגען, ווערן אויף דער עלטער אַ צדקנית...

פוריע האָט זיך גערופן „דערפינדער", און ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז קרוב צו זיין אַלמעכטיק אין סאָציאָלאָגישע ענינים. מאַרקס האָט פאַרניכטנדיק קריטיקירט אָט די שול פון דענקען, און האָט די דאָזיקע באַגרינדער און נאָכפאָלגער גערופן ביי דער צונעמעניש „אוטאָפּיסטן", און האָט געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף זייער מעטאָדאָ־לאָגיע, גערעכטיקייט־זוכעניש, און סאָציאָלאָגישע אַרכיטעקטאָניק. מאַרקס פאָלגט נאָך היסטאָריע ביז צו אַ באַשטימטן פונקט. אָבער ווי נאָר ער קומט צו אָט־דעם פונקט זאָגט ער זיך אָפּ נאָכצוגיין נאָך זיין פירערין געשיכטע, און ער נעמט, אין זיין ריי, זי פירן אויף זיינע אייגענע וועגן.

אויף אַזאַ שטייגער נעמט מאַרקס געשיכטע און מאַכט פון איר אויס געשיכטע. אים ווילט זיך, אַז געשיכטע זאָל גובר זיין אירע אייגענע גבולים, גדרים און איינגעשנורעוועטע מעגלעכקייטן.

דער פאַקט, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט „קען שוין מער זיך ניט באַרופן אויף אַ היסטאָרישן טיטל", בינדט אים ניט אָפּ פון זיינע היסטאָרישע פאַראַנקערונגען, באַפרייט אים ניט פון זיין היסטאָרישן אַריינשטעל. אויך די בורזשואַזיע האָט נישט פּרעטענדירט אויף קיין היסטאָרישן „מורנו". איז וואָס? דאָס אָפּזאָגן זיך אָדער דאָס ווערן באַרויבט פון דער פּריווי־לעגיע פון מאָנען אַ היסטאָרישן טיטל איז איין זאַך, דאָס אַרויסשפּרינגען פון דעם אייגענעם היסטאָרישן ראַם, איז גאָר אַן אַנדער ענין. און קיין גרופּירונג, קיין קאָנקרעטע לעבעדיקע סאָציאַלע פאָרמאַציע, קען ניט אַרויס פון איר היסטאָרישער ספערע און זיך לאָזן גיין אין אַ היסטאָרישן חלל... דאָס קען טאָן בלויז אַן אַבסטראַקציע, אַ געשפּענסט, וועלכער איז אויסגעשפּונען פון ריינער פאַנטאַזיע דורך אַ טראַנסצענדענטאַלן ספּעקולאַנט פאַר אַ ספּעציעלער „מיסיע" צו פאַרדרייען דעם קאָפּ דער פּרוי געשיכטע און זי ברענגען דערצו, זי זאָל עובר זיין אויף אירע אַלע געזעצן.

„דער פאַנאַנדערפאַל פון דער געזעלשאַפט רעדוצירט צו אַ ספּעצי־עלער אָרדענונג איז דער פּראָלעטאַריאַט".

דאָס איז ניט מער אמת, ווי די באַהויפּטונג, אַז דער פאַנאַנדערפאַל פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט רעדוצירט צו אַ ספּעציעלער אָרדענונג,

איז געווען דער לייב־אייגענער פּראָלעטאַריאַט; ניט מער אמת ווי די באַהויפּטונג, אַז דער פּאַנאַנדערפאַל פון דער אַלטערטימלעכער געזעל־שאַפט רעדוצירט צו אַ ספּעציעלער אָרדענונג, איז געווען דער שקלאַפן־פּראָלעטאַריאַט. די פּאַראַלגעמיינערונג פון מאַרקסן פאָדערט אַ פּאַרטיקולאַ־זירונג. מ׳קען ניט ריידן וועגן דעם פּאַנאַנדערפאַל פון דער געזעלשאַפט בכלל, נאָר וועגן אַ באַשטימטער געזעלשאַפט, מ׳דאַרף אַט דער געזעלשאַפט געבן איר באַשטימטן פּלאַץ און פעסטגעשטעלטע צייט. און דעמאָלט וואָלט דער זאַץ איבערפאָרמולירט געוואָרן אַזוי: דער פּאַנאַנדערפאַל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט רעדוצירט צו אַ ספּעציעלער אָרדע־נונג, איז דער לוין־פּראָלעטאַריאַט. און אַפילו אין אַט דער נייער ווערסיע וואָלט די פאָרמולע אַנטהאַלטן בלויז אַ האַלבן אמת. די דיסאָלוציע קען ניט פאָרקומען, סיידן עס איז דאָ אַן אַקטיווער פאַקטאָר פון רע־עוואָלוציע. עס קען ניט פאָרקומען קיין דעסטרוקציע אָן אַ קאָרעקטיווער רעקאָנס־טרוקציע. און קיין געזעלשאַפט ווערט ניט דעקאָמפּאָזירט, מיט דער כוונה צו רעקאָמפּאָזירן זיך אויף נייע־אַלטע יסודות. סיידן עס איז פאַראַן אַ ווירקנדיקע קאָמבינאַציע פון נידעריקע און העכערע שיכטן פון דער געזעלשאַפט וואָס טראַנספאָרמירן זיך און געשטאַלטיקן אַ נייעם קלאַס, וועלכער נעמט איבער די פירערשאַפט פון דער איבערגעבויטער געזעל־שאַפט. און ווען די געזעלשאַפט איז איבערגעבויט אונטער דער השגחה און הנהלה פון אַ נייעם פירנדיקן קלאַס בלייבן „עקספּלואַטאַציע״, „אונטערדריקונג״ און „קלאַסן־צוזאַמענשטויסן״ אין דער געזעלשאַפט, זיי ווערן בלויז מאָדיפיצירט. אַ קלאַס וועלכער געפינט זיך אין דער קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט קען, אין דעם בעסטן פאַל, אָפּשאַפן קאַפּי־טאַליסטישע עקספּלואַטאַציע, אָבער ניט אַלע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע. קיין קלאַס קען ניט אַרויסשפּרינגען פון זיין היסטאָרישער אַרבעט און ווערן אַ פאַקטאָר פון גאולה און ישועה פאַר דער אייביקייט אין דער צוקונפט אַריין.

מיט איין וואָרט, דער פּראָלעטאַריאַט קען זיך נישט העלפן, ער מוז זיין היסטאָריש. ער איז משועבד צו די געזעצן פון געשיכטע ניט ווייניקער, אויב ניט מער, פון אַנדערע קלאַסן.

„מענטשן האָבן פאַרגעסן סיסמאָנדיס באַוואוסטן ווערטל: ׳דער רוי־מישער פּראָלעטאַריאַט האָט געלעבט אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפט, בשעת די הייַנטיקע געזעלשאַפט לעבט אויפן חשבון פון פּראָלעטאַריאַט׳. אַזוי גרויס איז דער חילוק צווישן די מאַטעריעלע, די עקאָנאָמישע, באַדינגונגען פון דעם קלאַסנקאַמף אין די קלאַסישע און מאָדערנע צייטן,

אַז די פּאָליטישע אינצידענטן, וועלכע ווערן געבוירן פון אַט־דעם געפעכט אין איין עפּאָכע און דער אַנדערער, קענען פּאַרמאָגן ענלעכקייט איינער צום אַנדערן, ניט מער ווי דער אַרצבישאָף פון קאַנטערבורי צו דעם כהן גדול שמואל״ [4]).

ערשטנס, דאַרף מען נעמען אין אַנבאַטראַכט דאָס, וואָס אַ היפּשער טייל פון פּראָלעטאַריאַט, די אַרבעטלאָזע „אַרבעטנדיקע מאַסן״, לעבן אויך אין אונדזער צייט אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפט, און ניט די געזעלשאַפט אויף זייער חשבון. נאָר דאָס איז ניט אַזוי וויכטיק.

צווייטנס, דער פאַקט וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פון אונדזער צייט איז אַנדערש ווי דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלטערטום זאָגט נאָך בשום אופן ניט, אַז דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט איז ווייניקער איינגעוואָרצלט אין זיין היסטאָרישער קרקע, איז ווייניקער צוגעבונדן צו זיין היסטאָרישער סביבה, ווי זיין ברודער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט עקזיסטירט און אָפּערירט אין אַנטיקוויטעט אָדער מיטלעלטער־צייטן. דער פּראָלעטאַריאַט פון דער מאָדערנער צייט איז אַ טייל פון דער מאָדערניטעט ניט ווייניקער ווי דער פאַרצייטיקער פּראָלעטאַריאַט איז געוועזן אַ טייל פון דער פאַרצייטיקייט. און אונדזער פּראָלעטאַריאַט פאַר אונדזער צייט קען ניט אויפטאָן מער ווי די פאַרדעמדיקע אונטערגעיאָכטע קלאַסן האָבן אויפגעטאָן פאַר זייער צייט. דער פּראָלעטאַריאַט מוז זיך אויפפירן היסטאָריש, דאָס מיינט האַנדלען, אין אַלגעמיינע שטריכן, אַזוי ווי אַנדערע באַליידיקטע קלאַסן און שיכטן האָבן געהאַנדלט פאַר אים. נאַטירלעך, דאַרף מען צולאָזן מער אָדער ווייניקער חשובע מאָדיפיקאַציעס, וועלכע דער מאַרש פון געשיכטלעכע פּאַסירונגען ברענגט מיט זיך בכדי צו לינדערן די מאַנאָטאָנישקייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און מאַכן מעגלעך פּראָגרעס. אָבער אויך פּראָגרעס און פאָרטשריט זיינען אונטערוואָרפן אונטער די פונדאַמענטאַלע רעגעלן און פאַרבינדיקע דירעקטיוון פון היסטאָרישער פּראָצעדור.

דער פּראָלעטאַריאַט, ווי ראַדיקאַל און רעוואָלוציאָנער ער זאָל ניט זיין, קען בשום אופן ניט אָפּברעכן די קאָנטינואיטעט פון היסטאָרישן פּראָצעס.

„דער פּראָלעטאַריאַט, דער נידעריקסטער שיכט פון אונדזער קעגנוואַרטיקער געזעלשאַפט״... דער פאַקט וואָס דער פּראָלעטאַריאַט קאָנסטיטואירט דעם נידעריקסטן, באַוווּלהסטן שיכט פון אונדזער מאָדערנער

4) Karl Marx, The Eighteenth Brumaire, Preface, p. 19.

געזעלשאַפט, ווען דאָס זאָל אַפילו זיין אמת, וואָלט עס אים ניט שענקען קיינע באַזונדערע זכיות, עס וואָלט אים ניט „מתיר־נדר זיין“, עס וואָלט אים ניט פריגעשפּראָכן פון אַלע זיינע היסטאָרישע פאַרפליכטונגען און פאַרקניפּונגען. קיין קלאַס קען ניט קריגן קיין פרייען פּאַס און הוצאות, אין צוגאָב, אַז ער זאָל זיך אַרומבלאָנקען איבער די פעלדער און וועלדער פון דער געשיכטע, איגנאָרירנדיק די אויסגעברוקירטע גאַסן, אויסגע־שאָסייטע שליאַכן און אויסגעטראָטענע וועגן.

קיין אויסגעשיכונג פון דער געשיכטע קען ניט געדולדעט ווערן.

דער פּראָלעטאַריאַט קען ניט באַווייזן מער וואונדער, ווי די אונטער־דריקטע קלאַסן, וועלכע זיינען אים פאָרויסגעגאַנגען אין דער היסטאָריע פון דער מענטשלעכער דיפערענצירטער געזעלשאַפט.

דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין „בעל־שם“ און ניט קיין „בעל־מופת“.

„שיקאַגאָ“, אָקטאָבער, 1937.

פרייהייט אָדער קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט

מיר שטעלן אַרויס די פֿאָדערונג: מיר ווילן פרייהייט, מיר פֿאַר־לאַנגען אונדזערע רעכט, דאָס רעכט זיך אויפֿצופֿירן סיי פּאָליטיש און סיי עקאָנאָמיש ווי מיר ווילן, ווי מיר פֿאַרשטייען, לויט אונדזערע איבער־צייגונגען, לויט אונדזערע השגות נאָך, און אויב אונדזערע השגות און באַגריפֿן זיינען פֿאַלשע, טענהן מיר, האָבן מיר דאָס רעכט צו מאַכן אונדזערע טעותן, בלאָנדזשען אויף אונדזער אייגענעם שטייגער. מיר האַלטן גאַנץ שטאַרק פֿונם זאָץ וואָס זאָגט, אַז אונדזער אייגענער טעות אַנטהאַלט מער ריכטיקייט, מער אמת פֿאַר אונדז איידער די פֿרעמדע, אַרויפֿגעצוואונגענע, אַרויפֿגעדריקטע אמתן — וואַרהייטן.

ווער האָט דען רשות צו קומען און וועלן ראַטעווען אימעצן איבער־געוואַלד? אויב דער אימיצער איז אַ בר־דעת, אַ דערוואַקסענער, אַ נאָרמאַלער מענטש מיט מענטשן גלייך, קען אים קיינער ניט איינוווייזן. און אויב ער וויל זיך פֿאַרדאַרבן, איז עס זיין עסק און קיינער טאָר אים אין דעם ניט שטערן.

אַמאָל האָט דידאָזיקע פֿאָדערונג געלויכטן אַזוי קלאָר און דייטלעך אין די מוחות פֿון מענטשן, אַז עס האָט זיך אָפּגעגאָסן אין דעם קלאַסישן אויסדרוק: אָדער פרייהייט אָדער טויט. פרייהייט איז ווי די זון, ווי די לופֿט. אָן דעם געדייט ניט, וואַקסט ניט, בליט ניט, פֿרוכטעט ניט קיין שום געוויקס, קיין שום באַשעפֿעניש.

און ווער איז דאָס געזאַלבט געוואָרן פֿון דער השגחה עליונה, פֿון דער פּראָווידענץ, אַלס אונדזער אַפּוטרופּוס, אַלס אונדזער פֿאַרזאָרגער, אָדער פֿירער און וועגווייזער?!

יעדערער מעג אונדז לערנען, איינטענהן מיט אונדז, פּרובירן אונדז צו איבערצייגן, ברייגנען פֿאַר אונדז זיינע פֿאָרשלאָגן; אויב מיר ווילן, נעמען מיר זיי אָן, אויב מיר ווילן ניט, וואַרפֿן מיר זיי אָפּ. דאָס איז

אונדזער ברירה, אַלס מענטשן באַשאַנקען מיט אַ ווילן, מיט אַ כוח־הרצון, מיט אַן אויסקלייב־געפיל.

אָבער קיינער טאָר צו אונדז ניט קומען מיט דער משונהדיקער איינריידעניש, אַז ער איז דער איינציקער וואָס ווייס דעם איינציקן וועג פון אונדזער אויסלייזונג, און צי מיר ווילן עס יע צי מיר ווילן עס ניט, וועט ער אויף אונדז אַרויפצווינגען זיינע אָנשויאונגען, זיין פאַרשטיין פון זאַכן, זיין אויפפאַסונג פון סיטואַציעס. און מיר ווי שעפעלעך, ווי לעמעלעך, מוזן אים פאָלגן, ווייל ער איז אונדזער פאַסטעך און וואוהין ער טרייבט אונדז מוזן מיר גיין. און אַ ראיה האָט איר, אַז ער איז דער אמתער הירט, ווייל אָט האָט ער אַ פּאָר הינט וואָס קענען גוט בילן, בייסן, האַלט אויך אַ לאַנגן בייטש וואָס קנאַלט און קנאַקט און שניידט זיך אַריין אין אונדזערע לייבער מיט זיינע ווייטיק־אָנטועדיקע קניפּלעך.

און נאָך אַ באַווייז אַז ער איז דער פאַסיקסטער פאַסטעך אונדזערער איז, וואָס ער טראָגט מיט זיך אַרום אַ האָרן, און ער קען טאַקע און בלאָזט טאַקע סיי פון זיך און סיי פון האָרן אַרויס. ער בלאָזט און וויל אונדז איינריידן, אַז זיין תקיעה קומט אַרויס פון שופר־של־משיח, און דאָס איז דער בלאָז פון אויסלייזונג.

קיינער טאָר עס ניט, קען עס ניט, ווען דאָס פאָלק, ווען די ברייטע שיכטן פון פאָלק וואָלטן רייף געווען, שטאָלץ געווען, וואָלטן באַזעסן זעלבסטווירדע, וואָלטן זיך באַטראַכט פאַר דערוואַקסענע מענטשן און ניט פאַר בהמות, וואָס ווער עס האַלט די בייטש און רינגלט זיך אַרום מיט אַ סטאַיע הינט טרייבט זיי אין פעלד אַריין און פון פעלד אין די שטאַלן אַריין וואו ער האַלט זיי פאַרשפאַרט, אונטער דעם אויסרייד אַז אַזוי אַרום באַשיצט און באַשירמט ער זיי פון די וועלף.

און ווער זיינען די וועלף? דאָס מאַכט ניט אויס. יעדער פאַסטעך טראַכט זיך אויס זיינע אייגענע וועלף לויט דער סביבה נאָך, דער אַרומגעבונג, אין וועלכער ער גדולט זיך, דערקלערט זיך פאַר אַ גרויסן אומפעלערבאַרן פירער.

אין איטאַליען, דייטשלאַנד, אין עסטרייך זיינען די וועלף — די קאָמוניסטן. אין רוסלאַנד זיינען די וועלף די פאַשיסטן. וואָס אין איין לאַנד איז פאַרעכנט פאַר פאַסטעך־ראַנק ווערט אין דעם צווייטן לאַנד באַטראַכט אַלס וועלף־אומגעהויער. אַזויערנאָך זיינען די וועלף און פאַס־טעכער אויסגעמישט. זיי האָבן געמאַכט אַ יד־אחת צווישן זיך. ווען מ׳קוקט אויף דער זאַך פון אויבן, פון דער היסטאָרישער הויך זעט דער ענין אויס אַזוי ווי דאָ וואָלט אַן אָפּמאַך געשאַפן געוואָרן: איך וועל סטראַשן מיט דיר, דו סטראַשע מיט מיר און אַזוי אַרום א דאַנק סטראַשונקעס

וועלן מיר ביידע האַלטן די סטאַדעס אין הוילער און הייליקער שרעק, אין שטענדיקן פּחד, און מיר וועלן ביידע גילטן פאַר רעטער און גרויסע בעלי־טובות פון פאָלק. דו וועסט ראַטעווען פון מיין רעזשים, איך וועל ראַטעווען פון דיין רעזשים, און אונדזערע ביידע רעזשימען, כאָטש אויבערפלעכלעך שטויסן זיי זיך צוזאַמען, כאָטש פון אויבן־אויף וועט אויסזען אַז מיר זיינען זיך איינער דעם אַנדערן דם שונאים, וועלן מיר באמת איינער דעם אַנדערן שטיצן, אונטערהאַלטן, אַרויסהעלפן. מיר וועלן איינער פאַרן אַנדערן שאַפן דעם „רעזאָן ד'עטר", דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ. אין אונדזער קעגנזייטיקער התנגדות ליגט פאַרבאַהאַלטן אַ קעגנזייטיקע הילף, אין דעם אין פלוג געגנומענעם אַנטאַגאָניזם ליגט פאַרבאַהאַלטן די אייביקע סאָלידאַריטעט פון טיראַנען. פונקט ווי די מעשה מיט גאָט און טייוול. וואָס איין פאָלק האָט געהאַלטן פאַר גאָט, האָט דאָס צווייטע פאָלק באַטראַכט אַלס טייוול, און גאָט און טייוול האָבן געשטיצט איינער דעם צווייטן. אָבער ווער זיינען די ברייטע שיכטן פון פאָלק? זיינען זיי דערוואַקסענע אָדער זיי זיינען בלויז קליינע קינדער, וואָס דאַרפן האָבן ניאַנקעס, אָדער רביים, קאָטן מיט קאַנטשיקעס, מיט ריאַפּניקעס וואָס לערנען זיי ווי זיך אָפּצואווישן דעם נאָז, ווי צו פאַרשפּיליען די הויזן, ווי צו זיצן ביים טיש, ווי צו גיין, שטיין און ריידן און איבערהויפּט שוויגן ווען עלטערע ריידן. און די עלטערע האַלטן כסדר אין איין ריידן, שמועסן אַזוי אַז די קינדער האָבן ניט די מעגלעכקייט אַ וואָרט צו זאָגן.

אָ, דאָס טייער ווערטל, די ליבלעכע אָנרופעניש! מיט וועלכן וואָרט ווערן זיי אָט די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן באַצייכנט?

זיי הייסן „מאַסן". אין דעם וואָרט ליגט די גרעסטע באַליידיקונג, אין דעם וואָרט ליגט זייער דעגראַדאַציע, זייער פּחיתת־הכבוד, זייער דערנידערונג און פאַרשעמונג. וואָס איז מאַסע? שטאָף, דער גראָבער חומר, דער אינערטישער, מגושמדיקער מאַטעריאַל, די ליים וואָס וואַרט אויפן טעפּער, ער זאָל קומען אין זיין גרויסער גנעדיקייט און באַרעמ־האַרציקייט און זיי קנעטן, מאַכן פון זיי ליימענע טעפּ אָדער ליימענע גולמס.

דאָס וואָרט „מאַסע" ווערט אונטערגעשיידט פון וואָרט „ענערגיע", „מאַסע" און „ענערגיע" זיינען צוויי קעגנזאַצן. „ענערגיע" אין דער כוח וואָס באַלעבט און באַוועגט די מאַסע. די מאַסע איז טויט. די מאַסע שפּילט די ראָלע פון גוף, פון דעם מיאוסן, טויבן און בלינדן קערפּער, בעת די „ענערגיע" איז די נשמה, די טרייבקראַפט וואָס דרינגט דורך די מאַסע, באַהערשט זי, באַפעלט זי און פירט זי אַרום.

אין וואָרט „מאַסע” ליגט שוין די פאַרנייגונג פון די רעכט פון פאָלק.

עס איז דאָ אַ צויבער־כוח, אַ מאַגישע קראַפט אין ווערטער. „מאַסע” — ווען איך הער נאָר דעם וואָרט ווייס איך שוין אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גרופּע באַשעפענישן וואָס האָבן צוויי פיס, צוויי הענט, אָבער צו דער שטופע פון מענטשן, האַלט מען, זיינען זיי נאָך ניט דערוואַקסן. און יענע וואָס האָבן געניצט און נוצן דאָס וואָרט שאַפן אַ סוגעסטיע, וואָס דרינגט אַריין אין די מוחות פון המון, און גיט אָנצו־הערן און רעדט זיי איין, אַז זיי זיינען גאָרנישטן מיט נישטן, אַז זיי קענען גאָרניט טאָן, אַז זיי זיינען גליבעס ערד וואָס וואַרטן אויף אַ תיקון פון אַקער־אייזן, ער זאָל קומען און זיי איבעראַקערן, ווייל אַליין קענען זיי גאָרניט טאָן. זיי נייטיקן זיך אין דעם ענערגיע־פאַקטאָר, אין אַ צווייטן קלאַס וואָס ליפערט זיי פירערשאַפט און מנהיגים.

ווען מיר קומען אַרויס מיט אונדזער אויפפאָדערנדיקער פּראָפּאַגאַנדע פון פרייהייט, קומט צו אונדז דער פאַרפירער און פאַרשקלאַפער און מאַכט אַן אָנשטעל פון אַ וויסנשאַפטסמאַן און פאַרקנייטשט זיין שטערן, זיין מצח אשה זונה, און פאַרגלאָצט די אויגן און פרעגט אונדז די קלאָץ־קשיה.

היתכן, פרייהייט? וואָס הייסט עפּעס פרייהייט? קענען דען מענטשן זיין פריי, ווען די גאַנצע נאַטור, די גאַנצע וועלט שטייט געקאָוועט אין קייטן פון געזעץ, איז פאַרשפאַרט אין תפיסה פון אורזאַך און רעזולטאַט?

מיר וועלן זיך דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט אַריינלאָזן אין אַ פילאָזאָפישער דעבאַטע מכוח די „מוזיקייטן” אָדער פרייוויליקייטן פון דער נאַטור. נאָך אַלעמען איז דאָך עס אַ שטיק אַנטראָפּאָמאָרפיזם, ד״ה, די וועלט ווערט געזען און באַשריבן אין מענטשן־געשטאַלט אָדער ריכטיקער, עס איז אַ סאָציאָמאָרפיזם, מיר זעען די נאַטור און די וועלט ווי מיר זעען אונדזער געזעלשאַפט. עס איז קיין צופאַל ניט וואָס דער רוסישער לשון באַצייכנט ביידע זאַכן מיט איין וואָרט „מיר”. „מיר” אויף רוסיש באַטייט פרידן, אַ סכאָד, די דאָרפס־פאַרזאַמלונג, די דאָרפס־געמיינדע און די וועלט. ווייל יעדער מענטש קוקט אויף דער וועלט און זעט אין איר די אָפּשפּיגלונג פון זיין סביבה, פון זיין סאָציאַלער אַרומגעבונג, און ער לערנט און לייענט אַריין דאָרטן די פאַזשאַנדקעס, די פיראַכצן, הנהגות וועלכע ער פּראַקטיצירט אין זיין אייגענער געמיינדע.

דאָס איז אַ צו טיפער ענין, אַז מיר זאָלן דאָ, אין אַ זשורנאַליסטישן אַרטיקל, זיך מיט דעם פאַרנעמען.

אויף דער קלאָמפערשט וויסנשאַפטלעכער פראַגע: צי איז פרייהייט מעגלעך צי ניט? און אויף דעם אָנווייז אַז עס איז שווער צו דעפינירן

עס ווי געהעריק, אַרומצוימען, אַרומשרייבן עס און ניט צעהרגענען — איז פאַראַן אַ פּשוטער, אַ פּראַקטישער ענטפער.

אויב „פרייהייט" איז אוממעגלעך, אויב דער טערמין איז ניט וויסנשאַפטלעך, וועלן מיר אים ניט געברויכן. מיר קענען אויסדריקן אונדזערע פאָדערונגען מיט אַ מער פּראַזאאישן, גרויערן, כמורנערן וואָרט. און דאָס איז אָפּהענגיקייט. מיר פאָדערן קעגנזייטיקע אָפּהייגיקייט. מיר האַלטן אַז יעדער מענטש דאַרף זיין אָפּהענגיק פון צווייטן, אין דער עלביקער מאָס און אויפן זעלביקן אויפן אין וועלכן דער צווייטער איז אָפּהענגיק פון ערשטן. שקלאַפעריי איז דאָרטן וואו די אָפּהענגיקייט איז איינזייטיק. דאָס הייסט, עס איז דאָ פרייהייט אויף איין זייט, בלויז פאַרן הערשער.

רוסלאַנד אונטער די צאַרס האָט ניט געליטן פון דעם וואָס דאָרטן איז קיין פרייהייט ניט געווען, נאָר פּונקט פאַרקערט, ווייל דאָרטן איז געווען צופיל פרייהייט פאַר די טיראַנען. אין קייזערלעכן הויף זיינען געווען צופיל פרייקייטן, צופיל הפקרות, צופיל ווילקיר. דאָס אייגענע ביי היינטיקן טאָג. די צרה מיט רוסלאַנד איז, וואָס סטאַלין האָט צופיל פרייהייט. וואָס איז טיראַניע? פרייהייט, הפקרות פאַר די טיראַנען, פאַר די הערשער, און אומפרייהייט, צוימען און צאַמען פאַר דאָס פאָלק.

ווען דער קלאַמפערשט וויסנשאַפט־באַזינטער אונטערדריקער קומט אַרויס מיט זיינע אויפווייזן, אַז פרייהייט איז אוממעגלעך אין אַ וועלט וואָס באַזירט זיך כסדר אויף „מוזן", געצוואונגענהייטן, פאַרקייטלונגען — מיינט ער אייגנטלעך, אַז פרייהייט איז אוממעגלעך פאַר אונדז, אָבער עס איז מעגלעך פאַר אים.

שקלאַפעריי אין איר ערגסטער, שטרענגסטער פאָרמע לאָזט דאָך צו פרייהייט פאַרן שקלאַף־באַזיצער. פאַרן שקלאַף־אייגנטימער. יעדע דעספּאָטיע האָט דאָך אָנדערקענט דעם פּרינציפּ פון פרייהייט פאַרן דעספּאָט.

און וואָס מיר טענהן איז:

מיר פאָדערן גלייכקייט אין קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט. מיר זיינען ניט קיין ליבעראַלן און ניט קיין ליבערטיסטן, מיר זיינען אינטער־דעפּענדיסטן. קעגנזייטיקע אָפּהיינגיקייט איז דער געזונטער צושטאַנד פון געמיינדע לעבן. איינזייטיקע אָפּהענגיקייט שאַפט פרייהייט אויף איין זייט, אויפן צד פון די הערשער, די האַרן, די שררות און שקלאַפעריי אויף דער צווייטער זייט, אויפן צד וואו די ברייטע שיכטן פון פאָלק געפינען זיך. אמתע פרייהייט איז קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט.

„פרייע אַרבעטער שטימע", 1927

מדינת ישׂראל און ישׂראל

מדינת ישראל און ישראל

.1

אַזוי ווי דאָס יידישע פאָלק האָט נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם שטאַט בערך אַ צוויי טויזנט יאָר האָט זיך געשאַפן ביי אַ היפּשן טייל פון יידן דער איינדרוק, אַז אַלע צרות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויס־צושטיין אין משך פון אָט־דעם צייט־אָפּשניט, האָבן זייער איינציקן מקור אין דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין יידישע מלוכה.

פון אָט־דעם טעזיס האָבן אַנדערע געצויגן דעם, נישט זייער לאָגיש־אויסגעהאַלטענעם, שלוס אַז די „יידן־פראַגע" וועט פאַרענטפערט ווערן גלייך, ווי די יידן שאַפן זיך איין אַן אייגענע מדינה.

בנוגע דעם שטאַט אין אַלגעמיין איז פאַראַן אַ פאַרשאַרפטע חילוקי־דעות. אַ טייל טעאָרעטיקער האַלטן אַז דער שטאַט פאַרמאָגט דורכאויס חסרונות, און די געזעלשאַפט דאַרף זען וואָס אַמשנעלסטן פּטור צו ווערן פון אים, ווייל כל־זמן ער עקזיסטירט וועט דאָס מענטשלעך לעבן קיין מאָל נישט זיין פריי און סאָציאַל־אָנשטענדיק און אַפילו נישט גע־זיכערט קעגן מלחמות און הריגות. דער שטאַט־פּיר איז אַלעמאָל ברו־טאַל, אייגננוציק און פאַרשקלאַפעריש. ער איז אויך בלוט־דאָרשטיק.

דאָס איז דער עקסטרעמער קלאַסיש־אַנאַרכיסטישער שטאַנדפּונקט, און, פאַרשטייט זיך, אַז בלויז אַ גאָר קליינע, דערווייל, מינדערהייט אַנערקענט אים און באַמיט זיך צו פאַרשפּרייטן אים.

אַנדערע, די מעסיקע, ליבעראַלע דענקער האַלטן, אַז דער שטאַט איז אַן אַנשטאַלט, וואָס די מענטשהייט אין איר איצטיקן צושטאַנד פון אַנטוויקלונג, קען זיך אָן אים נישט באַגיין, דעריבער מוז מען אים אָנ־נעמען מיט אַלע זיינע פעלערן און אים אויפהאַלטן און אַנטוויקלען. ער איז אַן „אומפאַרמיידלעכער שלאַק".

אַפילו די מאַרקסיסטן, וואָס אין דער פּראַקטיק זיינען זיי גרויסע אָנהענגער פון שטאַט, ווען זיי ווילן אַפילו איבערגעבן די אָנפירער־שאַפט מיט דער גאַנצער נאַציאָנאַלערווירטשאַפט, האַלטן אַז דער שטאַט איז אַ צייטווייליקע פורעניות פון וועלכער אין דער צוקונפט, מיטן אָפּשאַף פון קלאַסן־צעטיילונג, וועט די מענטשהייט זיך באַפרייען.

אַלזאָ זעען מיר אַז קיינער, פון די וואָס געהערן צום פּראָגרעסיוון לאַגער אין מענטשלעכן דענקען, באַטראַכט ניט דעם שטאַט אַלס אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אַלע מעלות און וואָס דאַרף געפּלעגט, קולטיווירט ווערן אויף לעולם־ועד, ווי עס וואָלט זיין אַ פאַרקערפּערונג פון אַ דערהויבענער באַשטרעבונג פון דער מענטשהייט.

אָננעמענדיק אַפילו בלויז דעם ליבעראַלן צוגאַנג און באַרעכטיקונג פון שטאַט אַלס אַ פּעלערהאַפּטן, אָבער לעת־עתה איינציק־מעגלעכן, רעגולירער פון געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען איז אונדז שווער זיך צו אידענטיפיצירן מיט די איבערטריבענע און אויפגעבלאָזענע האָפענונגען, וואָס זיינען ביי אונדז לעצטנס געלייגט געוואָרן אויף דעם נייאויפגעקומענעם יידישן שטאַט, מדינת ישראל.

די באַהויפּטונגען אַז אַלע כוחות דאַרף מען אַוועקגעבן אויף דעם אויפבוי און פאַרפעסטיקונג פון יידישן שטאַט, ווייל פון אים הענגט, כלומרשט, אָפּ דער גאַנצער קיום פון יידישן פאָלק, און אַז די אויסזיכטן אויף זיין צוקונפט מוזן זיך אָריענטירן אויף אָט־דער אינסטיטוציע וועלכע איז כמעט אַ סינאָנים פון יידישער דערלייזונג, — זיינען באַזירט אויף אַ גוזמאדיקער איבערשאַצונג פון שטאַט אַלס אַזעלכן. דאָס איז אַן עבודה־זרהשער באַנעם וואָס ווען ער זאָל זיך פאַרשפּרייטן צווישן די ברייטע מאַסן פון יידנשאַפט און אַריינדרינגען אין דער טיף פון זייער געמיט וואָלט גורם געווען אַן אַ שיעור שאָדן דער יידישער פּסיכיק און נשמה־איינשטעל.

אַזאַ אויפפאַסונג פון פּאָליטישן לעבן מוז זיין שעדלעך אין העכסטן גראַד שוין, פּשוט, דערפאַר אַליין, וואָס זי איז ניט ריכטיק, אַנטשפּרעכט ניט דער סאָציאַלאָגישער ווירקלעכקייט. און אַזאַ שוואַכער סאָציאַל־קולטורעלער אָרגאַניזם, ווי די יידנשאַפט איז, קען זיך ניט דערלויבן דעם לוקסוס פון מאַכן האַרבע טעותן. אַ שטאַרקער אָרגאַניזם קען אַליין אַריבערטראָגן, די גרעבסטע פאַרגרייזונגען, הן טעאָרעטישע און הן פּראַקטישע, שטעלן ניט זיין עצם קיום אין געפאַר. אַנדערש איז עס מיטן יידישן פאָלק, וועמענס עקזיסטענץ איז אַלע מאָל אויף משקולת.

מיר גייען אויף דינעם אייז און מיר דאַרפן זיך היטן פון צו מאַכן אַ פאַלשן צוג, שטעלן אַ ניט ריכטיקן טראָט.

.2

דער אמת איז, אַז דער יידן־שטאַט הייבט אויף פאַר אונדז מער פאַרוויקלטע נייע פּראָבלעמען ווי ער איז אימשטאַנד צו פאַרענטפערן די אַלטע.

די מערסטע יידן, דער רוב מנין און רוב בנין, הן אין צאָל און הן אין וואָג פון חשיבות, וועלן זיך געפינען, ווילנדיק אָדער ניט־ווילנדיק, פאַר גאָר אַ לאַנגער צייט, אויב ניט אויף שטענדיק, אויסערהאַלב די גרענעצן פון יידן־שטאַט, וואָס איבט אויס זיין יוריסדיקציע איבער אַ גאָר־באַגרענעצטן שטח. די פאַראייניקטע פעלקער האָבן צוגעשניטן דעם יידישן שטאַט ניט מער ווי אַ 5.500 קוואַדראַט מייל, איצטער מיט די דעראָבערונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרמאָגט ער 8.500 קוואַדראַט מייל. דערצו דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם איז וויית פון „רינען מיט מילך און האָניק”, הלואי רינט עס מיט וואַסער. אַזאַ שטח קען ניט איינאָרדענען אַלע יידן. מיר באַטרעפן היינט־צו־טאָג איבער עלף מיליאָן. נאָך אַלע אונדזערע אומגעהייערע פאַרלוסטן אין מענטשן־מאַטעריאַל, נאָך די אַלע הריגות און שחיטות און קרעמאַטאָריע־פאַרניכטונגען וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט מחמת דער שולד פון די נאַציס, די צוויי פיסיקע חיות, זיינען מיר אַ באַפעלקערונג וואָס מע קען בשום אופן ניט אַריינפּאַקן אין אַזאַ קליין לאַנד, ווי ישראל.

און אויב די מערהייט פון יידישן פאָלק בלייבט אין די לענדער פון פאַרשפּרייט, אין תפוצות ישראל, אָדער אין גלות, שטייט פאַר אונדז היינט די פראַגע אַזוי ווי זי איז געשטאַנען ביז היינט: אויף וועלכן סמך וועלן מיר זיך אויפהאַלטן און באַהויפטן זיך אַלס אַן אייגנאַרטיקער סאָציאַלער אַגרעגאַט?

אום אָנצוהאַלטן וויטער אונדזער קיום און ניט פאַרלירן אונדזער זכות־הקיום מוזן מיר פאָרזעצן דאָס שאַפן פון עטיש־קולטורעלע ווערטן. דער בלויזער פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער מלוכה אין ארץ ישראל איז ניט אַדעקוואַט צו פאַרזיכערן און גאַראַנטירן די עקזיסטענץ פון יידנשאַפט אַלס אַ סאָציאַל־קולטורעלער מהות אין די לענדער פון זייער אויסשפּרייט.

אומעטום, וואו יידישע ישובים געפינען זיך וועלן די יידן מוזן קעמפן,

ווי ביז אַהער, איידער מדינת ישראל איז געגרינדעט געוואָרן, פאַר זייערע פּאָזיציעס אידעאָלאָגיש און שטייגעריש.

אחד־העמס געדאַנק, אַז אין ארץ־ישראל וועט געשאַפן ווערן אַ „גייסטיקער צענטער", וואָס וועט עפּעס ווי אויטאָמאַטיש אויסאיבן זיין פּאָזיטיוון איינפלוס אויף די תפוצות־ישראל, אויף דער פּעריפעריע, איז פון גרויסער פּראָבלעמאַטישקייט.

די לאַגע אין ארץ־ישראל איז אַזאַ אַז וואָס־וואָס אָבער אַ גייסטיקער, מיינענדיק מאָראַליזירנדיקער, צענטער קען דער יידישער ישוב באַין־אופן ניט ווערן, ווי דערהויבן און שיין די כוונות פון די פּיאָנערן פון ישוב זאָלן ניט האָבן געווען לכתחילה און זיינען עד־היום.

די יידישע מדינה איז עטאַבלירט געוואָרן, הגם מיט דעם פאַרויס־געגעבענעם צושטים פון אַן איבערוועגנדיקער מערהייט פון די „פאַר־אייניקטע נאַציעס", קעגן דער אויסגעשפּראָכענער און פאַרביסענער קעג־נערשאַפט פון די אַרומיקע און אינעווייניקסטע שכנים, די אַראַבער. אַזוי אַז דער יידישער שטאַט ווי אויך דער יידישער ישוב איז אַ קליין אינדזל וואָס וויקט זיך, אָדער טרינקט זיך, אין אַ טיפן ים פון פיינדשאַפט, פון כוואַליענדיקן האַס און שוימענדיקער שנאה.

אַט־דער אומשטאַנד צווינגט דעם שטאַט און דעם ישוב אַרויסצוווייזן שאַרפע מיליטאַריסטישע נויגונגען. ס'איז לית ברירה. אַז מע געפינט זיך צווישן בלוטיקע שונאים, וואָס האַלטן אין איין באַוואָפנענען זיך און דראָען מיט אַן אָנפאַל, מוז מען זיך אויך באַהענגען מיט געווער פון קאָפּ ביז די פיס און זיין מוכן ומזומן צו יעדער צייט אָפּצושלאָגן די אַטאַקעס. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, וואָס די בעסטע דעפענסיווע איז די אָפענסיווע, און דעם נסיון פון „הבלגה" איז שווער בייצושטיין, און אפשר טאַקע לחלוטין אוממעגלעך.

ביי אַזעלכע אומגינציקע באַדינגונגען קען מען ניט דערוואַרטן, אַז דער ישוב זאָל זיין בכוח אָפּצושפּאָרן גרויסע רעזערוון פון ענערגיע, וואָס זאָלן געווידמעט ווערן דעם פּראָצעס פון שאַפן וויכטיקע אַלמענטש־לעכע עטיש־קולטורעלע ווערטן. זייערע שעפערישע כוחות וועלן פאַר־שלונגען ווערן אין האַלטן זיך גרייט אָפּצושלאָגן מעגלעכע אָנפאַלן מיט אַזעלכע מפּלות פאַרן אָנפאַלער, אַז דער אַפּעטיט זאָל אים פאַרגיין און ער זאָל פאַרזאָרגן אַ צענטן מער ניט צו טאָן עס, ניט אַריינלאָזן זיך אין אַזעלכע אַוואַנטורעס.

אַ גייסטיקער צענטער, עטישע קולטור מיט אַ מיליטערישן לאַגער זיינען ניט קיין פּאָר קלײדער. אַ פּראָנט איז ניט קיין פּלאַץ וואו צו

דערציִען די יוגנט און דערוואַקסענע אויף עטיש־קולטורעלע יסודות. און מדינת ישראל אין איר איצטיקן היקף איז אַזוי קליין און פֿאַרענגט, אַז זי איז דורכאויס פּראָנט.

פֿון אַלע זייטן לויערט דער שונא און פֿון מיטן, פֿון אינעווייניק, אויך. אַפֿילו די אַראַבער וואָס זיינען זיך צעלאָפֿן אין מיטן ברען פֿון קריג, רייסן זיך אַריינצוקומען צוריק. און די פֿראַגע, וואָס מע זאָל טאָן מיט זיי, שטייט נאָך אַלץ אָפֿן, ווי אַן אָפֿענע וואונד, וואָס טריפֿט מיט בלוט און אייטער.

צו אַ געוויסער מאָס קען מדינת ישראל האָבן אויך אַ נעגאַטיווע ווירקונג.

אַ טייל יידן אין פֿאַרשפּרייטקייט קענען זיך שאַפֿן דעם תירוץ אויף ווייטער זיך ניט אָנצושטרענגען בכדי אויפֿצוהיטן זייערע גייסטיקע שעצער: זיי ווען זיך מאַכן גרינג דאָס הארץ און וועלן יוצא־זיין מיט די יידן אין מדינת ישראל, באַטראַכטן די ישראל־יידן ווי שלוחי־ציבור פֿאַרן גאַנצן כלל־ישראל און אַזוי אַרום אַראָפּוואַרפֿן פֿון זייערע פּלייצעס דעם עול פֿון יידישקייט: זאָלן די מדינת־ישראל־יידן טראָגן די לאַסט וועלכע איז זיי לייכט.

3.

איך שרייב אָט־די ווייניקע שורות אַלס אַ וואָרענונג קעגן דער נאַרישער און געפֿערלעכער איינריידעניש אַז דער שטאַט, וואָס איז סואווערען אויפֿן פּאַפּיר, איז באמת אַלמעכטיק און אַלצאויפֿטועריש, און ווי נאָר אַ פֿאָלק קריגט אַן אייגענע מלוכה, אַזוי האָט עס שוין געלייזט אַלע זיינע פּראָבלעמען. בשעת באמת, ווען עס קומט דער שטאַט ברענגט ער מיט זיך גאָר אַ סך פֿאַרפּלאָנטערטע פֿראַגן, אומגעהייערע שוועריקייטן, אויך שטרויכלונגען, פֿאַרברעכן און זינד...

דער שטאַט גייט ניט צו פֿוס. ער קומט רייטנדיק און ניט אויף אַן אייזל, נאָר אויף אַ פֿוקס, און ניט אויף איין פֿוקס, נאָר אַ גאַנצע סטאַיע פֿיקס.

ווער זיינען עס אָט־די פֿוקסן וואָס פֿאַרדאַרבן דעם סאָציאַלן וויינגאָרטן? דאָס זיינען די פּאָליטישע פּאַרטייען וואָס זיינען ליסטיק ווי די פֿיקס און מאַכן זיך תמעוואַטע אומשולדיק ווי די לעמעלעך.

אַ פּאָליטישע פּאַרטיי באַזיצט אַלע חסרונות, אַלע פֿלעקן וואָס די

קירך. און די פּאָליטישענס זײַנען עס די סעקולאַרע כּומרים, גלחים, קלעריקאַלן, וואָס האָבן גאָט ניט אין האַרצן און ניט אויף די ליפּן.

מיט די פּאַרטייען טרעטן אַריין אין סאָציאַלן לעבן קנאה־שנאה, רייסערייען, מחלוקתן ניט לשם שמים, נאָר צוליב מלוכהשע, ביוראָ־קראַטישע גוט באַצאָלטע שטעלעס.

די פּאַרטיי־פירער טרענירן און דרעסירן זייערע מענטשן, זייערע נאָכפאָלגער ווי זעלנער. דער לאָזונג איז „גערעכט אָדער אומגערעכט, עס איז מיין פּאַרטיי" און מ׳איז מחויב זיך פאַר איר איינצושטעלן, מ׳דאַרף זי דערהייבן צו אַזאַ מדרגה, אַז זי און זי אַליין זאָל ווערן די הערשנדיקע פּאַרטיי.

אין אַ דיקטאַטור איז די הערשנדיקע פּאַרטיי אוממענטשלעך ברוטאַל, קאַניבאַליסטיש. זי פרעסט אויף, פאַרניכטעט אַלע איבעריקע פּאַרטייען, אַפילו די וואָס זיינען וויליק מיט איר מיטצואַרבעטן, צו קאָאָפּערירן, אַרבעטן אויף קאָאַליציע יסודות. און אַז זי בלייבט די אַליינהערשערין אין לאַנד, נעמט זי זיך שפּאַלטן און איין טייל וואַרפט זיך אויפן צווייטן, און ווער עס האָט שטאַרקערע פויסטן, שאַרפערע ציין און בעסער פאַר־שפּיצטע נעגל זיגט און ליקווידירט די אַנדערע, די אָפּאָזיציע.

אין אַ דעמאָקראַטיע זיינען די פּאַרטייען ניט קיין רויב־חיות, ניט קיין פאַרצוקער, נאָר שווינדלער, ליגנער. מע טרייבט דעמאַגאָגיע, מע פירט פאַרן נאָז און די לאַנגע אוירען דעם עולם־גולם. מע זאָגט אים צו דעם טעלערל פון הימל בשעת דעם וואַלן־קאַמפּיין און מ׳שטעלט אים אַרויס אַ צונג נאָך דעם יריד פון עלעקציאָנירן. פּאַרטיי־פּאָליטיק האַלט זיך אויף רמאות און באַטרוג, אויף צוזאָגן און ניט האַלטן וואָרט, אויף פאַר־שפּרייטן שקרים און פאַרלוימדונגען אויף די קאָנקורירנדיקע פּאַרטייען, אָדער אויף אַריינטרעטן מיט זיי אין אָפּמאַכונגען, וואָס דערמאָנען די חפצות און הנהגות פון פערד־הענדלער אויפן מאַרק.

בקיצור, דער אויפפיר פון די פּאַרטייען מוז האָבן אַ דעמאָראַליזירנ־דיקע ווירקונג אויף די ברייטע צוטרוילעכע מאַסן פון „עמך", זיי מוזן שאַפן אַ ציניש ספּער אַרום זיך. זיי פאַרדאַרבן די נשמה פון פאָלק. זיי צעעסן זיין געזונטע אינטעגריטעט מיט זייער שטענדיקן זאָגן וואָס זיי מיינען ניט און מיינען וואָס זיי זאָגן ניט. זיי קאָרופּטירן און פאַרשמוצן און פאַרברודיקן אַלע די וואָס קומען מיט זיי אין מגע ומשא. זיי זיינען מאָראַליש אומריין.

אַזוי אַז דער שטאַט וואָס האַלט זיך אויף פּאַרטייען, רעדל־פירער, איז ווייט פון צו זאָרגן באמת אָבּיעקטיוו פאַרן טובת הכלל, פאַר דעם

וואוילזיין פון גאַנצן פאָלק, פאַר אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אָן אייגענע ענגהאַרציקע פּניות.

דאָס און נאָך עפּעס:

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, דאָס אַלס אַ פאָלק האָבן מיר קיין שטאַטיס־טישע קאַריערע קיינמאָל ניט געמאַכט. מיר האָבן קיין אימפּעריעס ניט געבויט, מיר זיינען קיין לאַנד־ און ים־פּיראַטן ניט געווען אַפילו אין אונדזער גאָר פריער, ערשטער יוגנט, אַ פּשיטא שוין איצט אויף דער עלטער, אונדזער צווייטער יוגנט.

אונדזער שעפערישער כוח, אונדזער זשעני ליגט ניט אויפן געביט פון שטאַט־אַרכיטעקטור, נאָר דווקא אין עטישער קולטור.

מיר זיינען ניט קיין אימפּעריאַליסטיש פאָלק, נאָר בפירוש אַן עם־הספר. דאָס איז די מערכה, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעקליבן, און אין אָט־דעם נוסח האָבן מיר געשריבן אונדזער געשיכטע מיט אונדזער בלוט און טרערן, און ניט מיט פאַרגאָסן בלוט און טרערן פון אַנדערע אונטער־יאָכטע פעלקער.

לכן אונטער קיינע אומשטענדן קענען מיר ניט שטעלן דעם טראָפּ אויף מדינת ישראל, נאָר בפירוש אויף ישראל אַלס אַ פאָלק וואָס דאַרף זיך אויסצייכענען ניט מיט זיינע מלוכהשע דערפאָלגן, נאָר מיט זיין עטישן אויפפיר.

דאָס יידיש פאָלק דאַרף זיך אויפפירן אין תפוצות־ישראל און אין מדינת־ישראל לפנים־משורת־הדין, אויף יענער זייט פון דער האַרבער האַרצלאָזער פּאָליטישער ליניע, וואָס ציט זיך לויט אויבערפלעכלעכער דערוויילִיקער ראַטזאַמקייט און קורצזיכטיקער כלומרשטער פּראַקטישקייט. מיר דאַרפן זיך אָריענטירן אויף עטיק מער ווי אויף פּאָליטיק, ווייל צו עטיק געהערט די צוקונפט. און מיר ווילן זיין אַ צוקונפט־פאָלק, אַן אויבערהיסטאָרישע קאַטעגאָריע.

„פרייע אַרבעטער שטימע", 16־טן מערץ, 1951.

גלות און גאולה

(אַן ענטפער יעקב לעשצינסקי אויף זיין עסיי „נחת און צער" אין „אויפן שוועל", אָקט. 1942, זז. 7—5)

אין יעקב לעשצינסקיס עסיי האַנדלט זיך מכוח דערציאונג. ווי אַזוי דאַרף מען דערציען אונדזערע קינדער, אַז פון צווייטן דור זאָל ניט אויסוואַקסן אַ צווייטעס פרעמדעס פאָלק.

אויפן געביט פון דערציאונג, ווי איבעראַל אין יידישן לעבן, שווימען גאַנץ נאַטירלעך אַרויף די אייביק־יידישע פּראָבלעמען פון גלות און גאולה.

מיר'ן איבערגיין אָן הקדמות צום עסיי. איך קען בשום אופן ניט מסכים־זיין מיט יעקב לעשצינסקין, ווען ער זאָגט:

„די גאַנצע מאָדערנע יידישע קולטור האָט פּאַראַזיטירט אויפן גייסטיקן אוצר פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע..."

פּאַר וואָס עפּעס אַזוי? און אויף וועמען האָט פּאַראַזיטירט די אָרטאָדאָקסיע? זיי זיינען המשך און מיר זיינען המשך. זייערע תורות קומען פון באַרג סיני. און פון וואַנעט קומען אונדזערע? פון דעם זעלביקן „באַרג". בכלל איז דער טערמין אָרטאָדאָקסיע ניט פּינקטלעך, ווען מע נעמט לאַנגע שטחים פון יידישן דענקען. איז דער תלמוד אָרטאָדאָקסיע? די „קראים" פּאַרדינען כשרער דעם נאָמען אָרטאָדאָקסן איידער די אָנהענגער פון תלמוד. דער תלמוד, די פרושים, זיינען געגאַנגען אויפן וועג פון אַנטוויקלונג פון יידישקייט. זיי זיינען ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. איז דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" אָרטאָ־דאָקסיע? איז דער אבן עזרא אָרטאָדאָקסיע? זיינען, אַפילו, די מדרשים אין זייערע טייטשונגען פון די פסוקים שטענדיק אָרטאָדאָקסיש? איז דער זוהר אָרטאָדאָקסיש? איז דער „תניא" אָרטאָדאָקסיש?

די גאַנצע השגה מכוח דער עקזיסטירנדיקער יידישקייט־אָרטאָדאָקסיע איז ניט קיין ריכטיקע.

ווייטער, לויט מיין פאַרשטייַן, איז יעקב לעשצינסקי ניט גערעכט אין זיין אָפּשאַץ פון דער ירידה פון יידישקייט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. און עס איז באמת מערקווירדיק ווי אַזוי האָט ער עס פאַרגעסן, וואָס ער האָט אַליין געשריבן וועגן דעם אין זיין ווערק וואָס איז ספּעציעל געווידמעט דער אויספאָרשונג און באַשרייבונג פון יידישן לעבן אונטער דעם באָלשעוויסטישן רעזשים.

אָט־וואָס ער זאָגט אין זיין עסיי „נחת און צער".

„און דערלאַנגט איבערן קאָפּ האָט ניט די שקלאַפעריי און ניט די פאַרפאָלגונגען און ניט די אָרעמקייט, נאָר דווקא די פרייהייט און דווקא די גלייכהייט און דווקא די רייכקייט. רוסלאַנד און אַמעריקע מיט העכער אַ העלפט פונעם יידישן פאָלק האָבן גענומען שפּאַנען מיט עוג־מלך־הבשנדיקע טריט צו אַסימילאַציע, צו איינגלידערונג אין דער פרעמדער שפּראַך און קולטור־סביבה" (דאָרט, זייט 6).

אין רוסלאַנד איז געווען אַן איינגעפונדעוועטער יידיש לעבן (אונטערן וואָרט „רוסלאַנד" מיינט מען אויך פּוילן, ליטע און לאַטוויע). מיט ענדערונגען פון אַן עוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, האָט דער יידישער איינשטעל געקענט אָנהאַלטן אויף דורות און דורות. די אָנגעזאַמלטע יידישקייט־ענערגיע וואָלט קלעקן אויף הונדערטער יאָרן, ווען מ'וואָלט לאָזן דעם יידנטום זיך אַנטוויקלען אויף אַ נאָרמאַל־נאַטירלעכן אופן. דאָס איז אָבער ניט געווען דער פאַל. מ'האָט דעם יידישן לעבן צעבראָכן אויף אַן אָרגאַניזירטן־פּלאַנירטן שטייגער און מיט געוואַלט. מע האָט פאַרבאָטן דרוקן, קויפן און פאַרקויפן יידישע ספרים, פאַרבאָטן אָנהאַלטן די „חדרים", ישיבות, שרייבן, ריידן העברעאיש. בכלל האָט מען ניט געטאָרט זיין ניט קיין ייד און ניט קיין מענטש, אויב מ'איז ניט געווען קיין „קאָמוניסט" און געטאַנצט אויפן שטריקל פון דער „פּאַרטיי־ליניע". די טשעקאַ און געפּעאו, ניט פרייהייט און גלייכהייט, האָבן צעדרוזגעט דעם יידישן לעבן סיי עקאָנאָמיש און סיי אידעאָלאָגיש. דער חורבן איז געמאַכט געוואָרן. ער איז ניט געקומען אַלס פועל־יוצא פון אַ נאַטירלעכן פּראָצעס פון דיסאָלוציע. מ'האָט פאַגראַמירט די יידישע נשמה, מ'האָט צעריסן די פעדים וואָס האָבן געהאַלטן דעם יידיש־רוסלענדישן קיבוץ צוזאַמענגעבונדן. נאָך דעם אַלעמען קומען און באַצייכענען דאָס וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרלאַנג „זיך אַריינצוגלידערן" — איז מער ווי אומפּינקטלעך. און יעקב לעשצינסקי דער־

לויבט זיך נאָך שטעלן אַזוי משונהדיק דעם טראָפּ: „נאָר דווקא די פרייהייט און דווקא די גלייכהייט"... אויב עס האַנדלט זיך וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד זיינען ניט נאָר די „דווקאס" לאו־דווקא, נאָר אַפילו די „פרייהייט" און „גלייכהייט" אויך גאַנץ היפש לאו־דווקאדיק. און יעקב לעשצינסקי ווייס עס גאַנץ גוט, אַז „דערלאַנגט איבערן קאָפּ" האָבן דווקא די קאָמוניסטישע שקלאַפעריי און טשעקיסטישע פאַרפאָלגונגען...

איצט אַ פּאָר ווערטער בנוגע אמריקע:

דאָ איז אינגאַנצן אַ נייע דערשיינונג. און די הויפטפאַקטאָרס זיינען דאָ אויך ניט סתם „פרייהייט", „גלייכהייט" און „רייכקייט", דערגרייכונגען גאַנץ צווייפלהאַפטע...

מ'איז אַנטלאָפן פון צאַרישן רוסלאַנד, עמיגרירט, אַריינגעפאַלן אין לאַנד פון די „אמעריקאַנער גליקן", אָדער גרויסע מעגלעכקייטן. ווער זיינען עס געווען, ס'רוב, די וואָס האָבן עמיגרירט, עוקר־געווען פון די איינגעזעסענע היימען? אָדער אַנטלאָפענע פון זעלנעריי, אָדער געפענגעניש, אָדער פון גרויס אָרעמקייט און דחקות. דאָס זיינען אַלץ געווען עלעמענטן וואָס אידעאָלאָגיש יידישלעך האָבן זיי פאַרמאָגט אַ גאָר נידעריקן קאָעפיציענט. און עס איז אַ קנאַפער וואונדער וואָס דאָ, אין די ערטער פון דער איינוואַנדערונג, אין דער אינגאַנצן פרעמדער סביבה, האָבן זיי ניט באַוויזן גלייך אויפצובויען אַ פעסטן גוט־אָרגאַניזירטן יידישן געמיינדע־לעבן. דער חידוש איז פונקט פאַרקערט, עס איז ממש אַ נס וואָס זיי זיינען דאָ אינגאַנצן ניט צעריבן געוואָרן אויף שטויב און זיינען ניט דערגאַנגען צום פולשטענדיקן ביטול־היש אַלס יידן.

תושבים פון שטעטלעך, די גרויס ווי אַ געניץ, זיינען אַריינגעפאַלן אין די מאָוימדיק־גרויסע, רוישיקע און קאָכיקע, מעטראָפאָליעס. און עס איז פלאַי־פלאַים וואָס זיי זיינען דאָ לחלוטין ניט פאַרלאָרן געגאַנגען. דער יידישער לעבן אין אַמעריקע, מיט זיין ליטעראַטור, פרעסע, אינסטיטוציעס, זאָגט עדות וועגן דער קאָלאָסאַלער וויטאַליטעט פון דער יידישער געמיינזאַמקייט. יידישקייט אין אַמעריקע גייט ניט אונטער, נאָר, פאַרקערט, גייט אויף. זי נעמט ערשט קומען צו זיך. עס איז גלייך ווי איינער וואָס פאַלט אַראָפּ פון אַ הויכן פלאַץ אין אַ טיפן וואַסער. פון אימפעט זינקט ער טיף, דערנאָך נעמט ער זיך ראַנגלען מיט דער וואַסער־סטיכיע און טויכט אַרויף צו דער אויבערפלאַך. דער יידישער „אימיגראַנט", דער פרעמדער, נעמט זיך אָריענטירן. ער נעמט זיך אַרויסראַטעווען פון טומל, פון הו־האַ, פון דער בהלה, און נעמט ביסלעכווייז שאַפן זיין שטייגער, זיינע לעבנס־אופנים. און ווען ער טוט עס, און וועט עס פאַרזעצן

מיט זיכערן דערפֿאָלג, פֿאָלגט ער נאָך אַלטע מוסטערן, די דורך דורות אויסגעפּרובירטע יידישע מעטאָדאָלאָגיע פֿון זעלבסט־דערהאַלט אין דער פֿרעמד.

יעקב לעשצינסקי אָפּערירט מיט גוט באַקאַנטע יידישע ווערטער, אָבער ער לייגט אין זיי ניט אַריין דעם גוט באַקאַנטן אַלטן יידישן אינהאַלט. ער געברויכט די אַלטע לאָגלען, אָבער ניט דעם שטאַרקן אַלטן וויין. ער נוצט גאַנץ אָפט דעם וואָרט „גלות" און זיין קעגנזאַץ־וואָרט, „גאולה". ווי האָט דער „ייד פֿון יידנלאַנד" אויפֿגעפֿאַסט די גאולה? דער טראַדיציע־געטרייער ייד האָט געזען די גאולה אין ליכט פֿון די צעגליטע וויזיעס פֿון אַ ישעיה, ניט אין ניכטערן פּראָזאַאישן אויסטייטש פֿון פּטור ווערן פֿון „שעבוד מלכות" און זיך איינשאַפֿן אַ קליין לענדל און אַ „זכר למדינה", זאַכן וואָס דער „עם־הדומה לחמור", ביי וועמען דער ייד געפֿינט זיך אין גלות, האָט אין כפֿלי־כפֿלימדיק־פֿאַרגרעסערטער מאָס.

מ'דאַרף האָבן אין זינען, אַז אין יעקב לעשצינסקיס עסיי האַנדלט זיך וועגן דערציאונג. די פֿראַגע שטייט: ווי אַזוי דערציט מען דעם יונגן דור, אַז ער זאָל בלייבן אין דער יידישער היים און טייער שעצן די יידישע ווערטן און ניט פֿאַרבלענדט ווערן פֿון דרויסנדיקן גלאַנץ און ניט אַנטלויפֿן צו די רייכע און שטאַרקע שכנים, ניט־יידן.

דעם יידיש־אַמעריקאַנעם יונגן דור, וועלכער שטייט, אַזוי צו זאָגן, אויפֿן שיידוועג, קענען מיר ניט געווינען אויף אונדזער זייט מיט דעם, וואָס מיר וועלן אים צוזאָגן אַז אויב ער וועט בלייבן מיט אונדז, וועט ער האָבן די גרויסע זכייה צו זיין אַ זון פֿון אַ קליין פֿאָלק, וואָס וועט באַזיצן, נאָך אַ גרויסן אָנשטרענג, אַ קליין לענדל און אַ קליין מלוכהלע, בשעת ווען ער גייט אַוועק פֿון אונדז, שטעלט ער זיך פֿאָר, ווערט ער גאַנץ לייכט, אָן איבעריקן אָנשטרענג, אַ זון פֿון אַ גרויסן פֿאָלק וואָס באַזיצט שיער ניט אַ גאַנצן קאָנטינענט און פֿאַרמאָגט שוין אַ וועלט־מדינה מיט אַ קאָלאָסאַלן צוויי־אָקעאַנישן פֿלאָט און אַ מיליאָנענדיקע אַרמיי.

חוץ אָט די „גרויסע" וועלטלעכע גיטער, בנוגע גייסטיקע ווערטן, וואָס גיבן מיר אים, דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, און וואָס האָבן אונדזערע טאַטעס אונדז געגעבן?

זיי האָבן אין אונדז, ראשית, איינגעפֿלאַנצט אַן „אתה־בחרתנו"־געפֿיל. זיי האָבן ניט געזאָגט, ווי יעקב לעשצינסקי טוט עס, „אַז לעבן אַ גלות־לעבן איז עקלדיק, פֿאַרברעכעריש, פֿון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט

פאַרעטעריש". זיי האָבן אונדז געזאָגט מיט טיפער איבערצייגונג, אַז אונדזער צרהדיקער לעבן, מיט אַלע זיינע דערנידערונגען און באַליי־דיקונגען, מיט אַלע זיינע יסורים און ליידן, איז באין־ערך רייכער, שענער, דערהויבענער ווי דאָס לעבן פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג צווישן וועלכער מיר געפינען זיך און פון וועלכער מיר ווערן אַזוי אומברחמנותדיק גערודפט. זיי האָבן אונדז פאַרזיכערט אַז „שכינתא בגלותא", אַז די הייליקע שכינה וואוינט מיט אונדז אין גלות, דאָס מיינט, אויף אונדזער לשון פאַרטייטשט, אַז אין רינג פון אונדזער גלות־לעבן זיינען איינגעפאַסט די קאָסטבאַרע דימענטן־אידעאַלן.

אַ יידישער יינגל מיט אַט־דער דערציאונג, וואָס מיר האָבן געקראָגן אין אַלטן „חדר" און אין דער אַלטער היים, האָט ניט מקנא געווען דעם שייגעץ, ניט געהאַסט אים, נאָר, פשוט באמת, רחמנות געהאַט אויף אים, וואָס ער, נעבעך, איז אַ „גוי", „בוקט זיך צו שטיין און בויך" און לעבט ניט ווי קיין מענטש, ד"ה, ווי אַ ייד. מיר האָבן געוואַרט און געבעטן אַז משיח זאָל קומען און אונדז אויסלייזן פון גלות און פון די גוים און שקצים, און אים, דעם שייגעץ און גוי, אויסלייזן פון זיין גויאישקייט, אים עפענען די אויגן, מאַכן אים פאַר אַ שטיקל מענטשן, וואָס מיינט מאַכן אים פאַר אַ יידן. ווען משיח וועט קומען, וועלן דאָך אַלע גוים זען, אַז מיר זיינען געווען די גאַנצע צייט גערעכט און זיי וועלן חרטה האָבן אויף זייערע שלעכטע מעשים און תשובה טאָן און זיך פלייסן אונדז צו פאַרגיטיקן פאַר אַט די רשעותן, וואָס מיר, אומ־שולדיקע און גערעכטע, זיינען אויסגעשטאַנען פון זיי צוליב זייער פאַרבלענדעניש.

מיט רחמנות און מיט גרויס ביטול האָבן מיר, יידישע קינדער דערצויגענע אין טראַדיציאָנעל־יידישן גייסט, זיך באַצויגן צו דער גויאישער וועלט. מיר האָבן געפילט בחוש, אַז מיר שטייען מיט זיבן קעפּ העכער פון זיי, די גוים. מיר האָבן געמאַכט די ברכה „שלא עשני גוי" מיטן גאַנצן ערנסט פון אונדזער קינדישער און יוגנטלעכער נשמה. די פרעמדע וועלט, עשו, האָט פאַרמאָגט דעם גרויסן טאָפּ לינדזן, מיר, יעקבס קינדער, האָבן, אָבער, דערפאַר פאַרמאָגט די בכורה. און מיר זיינען געווען זיכער, אַז יעקב אבינו האָט געהאַנדלט אַ מציאה.

איצט דערוויסט זיך דער נייער אויפוואַקסנדיקער יידישער דור (אין דער וועלטלעכער שולע אין וועלכער ער קריגט זיין יידיש „נאַציאָנאַלע" דערציאונג), אַז ניט נאָר האָבן מיר ניט קיין טאָפּ מיט לינדזן, נאָר קיין בכורה פאַרמאָגן מיר אויך ניט. און אַלץ וואָס מע

לייגט פאַר דער יידישער יוגנט אין דער וועלטלעכער שולע איז זיך מוסר־נפש זיין און „קעמפן״ בכדי זיך איינצושאַפן ניט קיין טאָפּ, נאָר אַ קליין טעפּעלע, אין וועלכן מ׳וועט מיט גרויס מאַטערניש און האָרע־וואַניע אַריינלייגן אַ פּאָר אויסגעטריקנטע האַלב־טוכלע לינדזעלעך ... און וועגן אַ בכורה איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן ...

אויב אַזוי וואָס איז דער חידוש וואָס אָט־די „נאַציאָנאַל־וועלטלעכע״ דערציאונג גיט אַזעלכע קלאָגעדיקע רעזולטאַטן! די יידישע יוגנט, אויסהערנדיק אירע רביים און דערציער, נעמט זיך בעסער גלייך צו־שאַרן צום גרויסן גויאישן טאָפּ לינדזן און טאַקע צו דער גויאישער בכורה.

אין אונדזערע שטעטלעך האָבן מיר גערעדט וועגן גוי אין ווייט ניט קיין שמייכלענדיקע טערמינען: דער ייד האָט געגעסן, דער ערל האָט געפרעסן. דער איד האָט געשלאָפן, דער ערל האָט געפּאָפט. דער ייד האָט געטרונקען, דער ערל האָט געזויפט. דער ייד איז קראַנק געוואָרן, דער ערל האָט געכאַליעט. דער ייד איז געשטאָרבן נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, דער ערל האָט געהאַט דריי ברירות, אָדער פאַרכאַפּט צו ווערן, אָדער קראַפּירן אָדער גאָר אָוועקפּגרן. ביי יידן זיינען געווען חתונות, ביי די ערלים — כאַשליערעס. ביי יידן זיינען געווען לוויות, מע האָט געפירט דעם מת, אָדער געטראָגן דעם בר־מינן, ביי זיי, זיינען געווען באַגרעבענישן, מע האָט געשלעפּט אַ פּגר. ביי אונדז — אַ יום־טוב; ביי זיי — אַ חגא. און, ועל כלם, ביי אונדז — אַ גאָט, ביי זיי, להבדיל אלף אלפי הבדלות, — אַ געץ ...

אין אָט־דעם לשון ליגט מער ווי בלויז פאַררייסענער פאַרביסענער שאָוויניזם. דער ייד האָט געזען באַשיינפּערלעך אַז ער לעבט אַנדערש, פירט זיך אויף לייטישער פון ערל. עס קומט יום־טוב — עסט דער ייד, מאַכט קידוש, נעמט אַ שנעפּסל, איז זיך משמח, פרייט זיך מער מיט דער שמחה פון דער מצווה פון „ושמחת בחגך״, ווי מיט די משקה און די מאכלים. עס קומט אַ חגא — פרעסט זיך דער ערל אַן אַזוי אַז עס פּלאַצט אים די פּוזע, ער זשליאָקעט זיך אָן אַזוי אַז ער וואַלגערט זיך אַ שיכורער, אַ האַלב־נאַקעטער אין שניי און זיין פריינט, אַ צווייטער שיכור, וואָס קען זיך נאָך, קוים מיט צרות, האַלטן אויף די פיס, שטייט איבער אים און איז משתין אים אין מויל אַריין: דאָס איז די מעדיצין וואָס ער גיט אים בכדי אים צו ראַטעווען, לעשן דאָס פייער פון אַלקאָהאָל וואָס ברענט אין אים.

זאָגנדיק עס בקיצור: דער ייד האָט געלעבט אויף אַן עטיש העכערער

פלאַך. דעריבער האָט ער זיך ניט געקענט אַסימילירן. דעם יידן האָט ניט געעקלט פון יידישן גלות־לעבן (ווי יעקב לעשצינסקי וויל עס האָבן), אים האָט געעקלט פון גויאישן לעבן, פון דעם פיר און הנהגה פון דעם „ערל טמא״, הגם ער האָט זיך געפונען אָט־ביי דעם „חמור״ אין גלות.

עס ליגט מער ווי בלויז „אַקטיאַרסקי שטיק״ אין ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווערס אַרומגיין פאַר „כל־נדרי״ איבערן בית־מדרש און זוכן אונטער די בענק יידן שיכורים, וואָס ווען זיי וואָלטן געווען גויים, וואָלטן זיך איצט געדאַרפט וואַלגערן אָנגעזויפטע.... ניט געפינענדיק קיין איין שיכור האָט ער מיט ניצחון זיך געווענדעט צום רבונו של עולם: זעסט, וואָס פאַר אַ פאָלק ישראל דו האָסט... אין ר׳ לוי יצחקס טענות, — אמתע אָדער פאָלקסטימלעך לעגענדאַרע, ס׳איז קיין נפקא מינה, — ליגט אַן אָפּשפּיגל פון דעם ווירקלעכן יידישן אויפפיר אין קאָנטראַ־דיסטינקציע פון ניט־יידישן אויפפיר וועלכער איז געשטאַנען מאָראַליש פיל נידעריקער.

דער ייד, בכדי ער זאָל קענען עקזיסטירן און ניט אונטערגיין מוז שטיין אויף אַ העכערן ניוואָ עטיש, ווי די באַפעלקערונג צווישן וועלכער ער געפינט זיך. דער לא תלכו בחוקות הגויים, ניט גיין אין די שלעכטע, אויסגעלאַסענע, פאַרדאַרבענע, אומעטישע וועגן פון די „גויים״, פון די רשעים, פון די מערדער, (אימפּעריאַליסטן, אויף אונדזער לשון), רוצחים — אָט־דער אָנזאָג האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם אויפהאַלט פון יידישן לעבן און צוזאַמענלעבן. דער קאַמף קעגן געצנדינסט, דאָס באַוואוסטזיין אַז דאָס פאָלק ישראל עקזיסטירט ניט סתם, גלאַט אַזוי זיך, נייערט האָט אַ שליחות, האָט אַ זינען, האָט אַ פאַרוואָס און אַ פאַרוועגן, האָט אַ צוועק — האָט געמיינט פיל אין שטאַרקן די שוואַכע קני, אין דערמוטיקן דעם גייסט, אין אָנהאַלטן די עקשנות אין קאַמף פאַר קיום־האומה.

וואָס לייגן אונדז היינט פאַר די, אַזוי גערופענע, „וועלטלעך־נאַציאָנאַלע״ אידעאָלאָגן און לערער? זיי פאַרשפּרעכן דער יידישער יוגנט און דעם יידישן פאָלק, אַז אויב דער „נאַציאָנאַל־וועלטלעכער איבערשטער״ וועט העלפן וועלן די יידן זיך אַרויפאַרבעטן און וועלן זוכה־זיין צו פאַרמאָגן, נאָך פילע יאָרן פון גרויסן אָנשטרענג, אַ הונדערט חלק פון דעם, וואָס די ניט־יידן, צווישן וועלכע מיר געפינען זיך, פאַרמאָגן שוין היינט־צו־טאָג. אַזוי קען מען ניט דערציען, אויפהאָדעווען און אויפהאַלטן יידן, וואָס זאָלן זיין גרייט אויפצואָפּפערן מאַטעריעלע גיטער,

פערזענלעכע חיי־שעה, קאַריערעס, פאַר גייסטיקע יידישע ווערטן, פאַר די חיי־עולם פון כנסת־ישראל.

דער יידישער יוגנט, ווי דעם גאַנצן יידישן פאָלק, דאַרף מען געבן ווערטן, ניט פוסטע ווערטער ווי „גלות און גאולה". מע דאַרף באַנייען דעם יידישן „אתה בחרתנו", אַריינלייגן אין אָט־דער אויסדערוויילטקייט־לערע אַ היינטצייטיקן עטישן אינהאַלט. מע דאַרף פאָרזעצן דעם קאַמף קעגן געצנדינסט אין פאָליטיק, אין עקאָנאָמיע, אין דער ציוויליזאַציע, אויף דעם גאַנצן שטח פון מענטשלעכן לעבן. מיט איינפאַכע דיבורים, מע דאַרף שאַפן אַ יידישקייט רענעסאַנס, ניט קיין „תחיה" וואָס איז גויאיש דורך און דורך. מע דאַרף רעסטאַווּרירן די יידישקייט־אידעאָלאָגיע. און אין איר, אַלס אַ באַשטאַנדטייל, וועט אַריין דער גאולה־טרוים און אויך, לאָמיר האָפן, די גאולה־וואָר. די גאולה־וויזיע איז אַ טייל פון דער יידישקייט־אויפפאַסונג, זי איז ניט קיין גאַנצקייט פאַר זיך. אָפּגעריסן פון יידישקייט, פון דער טויזנט־יאָריקער העבראַאישער טראַדיציע, האָט דער פוסטער וואָרט „גאולה" קיין שום האָפט און קיין שום זינען.

די גאולה־וויזיע איז די קרוין פון יידישקייט. אָבער אַז מע גייט אַרום אָן אַ קאָפּ, אויף וואָס טויג דעמאָלט אַ קרוין!

„יידישע שריפטן", באַנד צוויי, זז. 42—48.

גלות, ארץ ישראל און יידישקייט

(אַן אָפּרוף אויף יעקב לעשצינסקיס דריי אַרטיקלען אין „יידישן קעמפּער" פון 10טן, 17טן און 24טן דעצעמבער, 1943)

אַ פּאָר איינלייטנדיקע ווערטער

קאָלעגע לעשצינסקי פּאָלעמיזירט אין די דערמאָנטע אַרטיקלען מיט קאָלעגע טרונק, דעם „בונדיסט", איז וואָס מיש איך זיך אַריין, איך, וואָס בין קיינמאָל קיין „בונדיסט" ניט געווען? לעשצינסקי באַקעמפט די „גלות־אָפּטימיסטן", ווי ער רופט זיי, און אַנטוויקלט אַן „ארץ־ישראל אָפּטימיזם" פּאַראַלעל מיט אַ „גלות־פּעסימיזם". איך בין זיך מודה, איך בין ניט קיין אָפּטימיסט און ניט קיין פּעסימיסט, ניט בנוגע ארץ־ישראל און ניט בנוגע גלות. איך בין, ווי מיר דוכט עס איז יעדער ייד, אַ בעל־בטחון, ניט האָפּערדיק אָפּטימיסטיש און ניט שוואַרץ־זעעווודיק פּעסימיסטיש, איז דאָך נאָך מער קשה, צו וואָס קום איך אַריין אין דער דעבאַטע אַ ניט געבעטענער?

מיין התנצלות פּאַר אָט־דער, אפשר, אומטאַקטישער „אינטערווענציע" איז דאָס: קאָלעגע לעשצינסקי באַהאַנדלט אַ יידישן ענין. ער רירט אָן אַן אַנגעווייטיקטע, און אונטער די אומשטענדן אַ בוכשטעבלעך ברענענדיקע, יידישע פּראַגע, און יעדער ייד האָט דאָס פולע רעכט צו נעמען אַ וואָרט אין אַזאַ דעבאַטע.

1.

יעקב לעשצינסקי שרייבט צום סוף פון זיין דריי־אַרטיקלדיקן עסיי:
„איך האָב איבערגעלייענט דאָס אַנגעשריבענע און האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין — אַזעלכע עלעמענטאַרע אמתן און מען דאַרף

זיי נאָך באַווייזן! און דערצו אין 1943, ווען די שוואַכע נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, אין דער סאָוויעטישער אוקראַינע און אין סאָוויעטישן ווייסרוסלאַנד זיינען ביזן וואָרצל פאַר־ניכטעט און די האָפענונגען אויף דאָס אַלץ אויפשטעלן און אויפלעבן זיינען אַזעלכע שרעקלעך קנאַפּע!״

קעגן אָט־דער באַהויפּטונג וואָלט איך מאַכן צוויי אויסזעצונגען.

ערשטנס, די אמתן, וואָס יעקב לעשצינסקי זאָגט אַרויס אין זיין סעריע אַרטיקלען, זיינען גאָר ניט עלעמענטאַר און אפשר טאַקע אויך ניט אמתדיק. צווייטנס, די קאַטאַסטראָפע פון די לעצטע עטלעכע יאָר, וואָס האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע פּונקט אין 1943, דאַרף ניט אַריינגעצויגן ווערן אין אַן אַלגעמיינער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ארץ־ישראל־פּראָבלעם ווערסוס גלות. דער זעלביקער אומגליק האָט גע־קענט פּאַסירן אויך אין ארץ־ישראל. ניט די שטאַרקע אימאַנענטע כּוחות פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל האָבן צעשלאָגן די האָרדעס פון די נאַציס אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ראָמעלן, און ניט די שוואַכקייט פון די יידן אין די גלות־לענדער קען ווערן געטאַדלט פאַר דעם חורבן וואָס די נאַציס האָבן דאָרט אָנגעטאָן. בכדי צו זיין בכוח זיך צו שטעלן דערפאָלגרייך קעגן די לעגיאָנען פון היטלערן דאַרף מען האָבן אַן אימפּעריע פון דער ערשטער מאַגניטוד, און קיין ציוניסט, ווי רעוויזיאָניסטיש פאַנטאַזיאָריש ער זאָל ניט זיין, האָט ניט דעם דרייסט אַפילו צו טרוימען וועגן דעם אַז מיר וועלן אויפריכטן אין ארץ־ישראל אַזאַ אימפּעריע מיט אַזאַ מיליטערישער גבורה, אַז זי זאָל זיך קענען פאַרמעסטן אויפן שלאַכטפעלד מיט די חיילות פון נאַצי־דייטשלאַנד.

און לעשצינסקי ווייס גאַנץ גוט אַז די גזירת תש״ב־תש״ג־תש״ד דאַרף ניט אַריינגענומען ווערן אין חשבון און געשטעלט ווערן אויף דער דעביט־זייט פון יידישן לעבן אין גלות.

אָט־וואָס ער שרייבט אין זיין אַרטיקל (פון דעצעמבער 10).

„איך לייג פאַר אינגאַנצן אויסשליסן פון דער דעבאַטע די היטלער קאַטאַסטראָפע. פון איר איז בכלל ווייניק צו דרינגען, באַזונדערס פאַר אונדזער טעמע״.

ניט שוין זשע איז עס אַזוי שווער פאַר אַ פּובליציסט (אַ חשובן, ווי לעשצינסקי, אָן ספק, איז) צו געדענקען צום סוף פון זיין עסיי דאָס מיט וואָס ער האָט אָנגעהויבן?!

דער חורבן וואָס היטלער האָט געמאַכט דאַרף אַראָפּגענומען ווערן פון די וואָגשאָלן, אויף וועלכע יעקב לעשצינסקי האָט אַרויפגעלייגט

גלות־לעבן און ארץ־ישראל־אויפבוי און האַלט זיי אין וועגן איינס קעגן דאָס אַנדערע.

אָבער דאָס איז בלויז אַן אַריינפיר־באַמערקונג.

וואָס איז אונדזער עיקר־אָפּפרעג פון יעקב לעשצינסקיס טעזיס אַנטוויקלט אין זיין עסיי?

קאַלעגע לעשצינסקי נעמט, עפּעס הפנים ווי, אַן טרונקס פּעלער־האַפטע טערמינאַלאָגיע, און ער רעדט וועגן יידישן גלות־לעבן און ארץ־ישראל אויפבוי ווי וועגן אַן עקספּערימענט, הגם ער שטעלט אַריין דעם וואָרט עקספּערימענט אין גענדזנפיסלעך, אין קעפּל צו זיין אַר־טיקל.

אָט־וואָס ער שרייבט:

„עד כאן גלות־עקספּערימענט — ווער עס וויל בויען אויף די דאָזיקע עקספּערימענטן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און מיינט דערמיט ערנסט און ערלעך באַווייזט נאָר, אַז ער איז בלינד און טויב”... (דעצעמבער, 24).

דער טערמין עקספּערימענט שיקט זיך דאָ לחלוטין ניט. מיר עקספּערימענטירן ניט מיט אונדזער עצם גלות־לעבן. די יידן וואָס זיינען געלאָפן פון צאַרישן רוסלאַנד, ווי אויך פון אַנדערע לענדער, און האָבן זיך באַזעצט אין „דער נייער וועלט” זיינען ניט געקומען מאַכן עקספּערימענטן, נייערט לעבן, וואוינען, עקזיסטירן, פאַרזעצן זייער קיום. דאָס אייגענע איז ריכטיק וועגן אַלע איבעריקע יידישע ישובים אין די גלות־לענדער. און „שיבת ציון” אַלס אַ יידיש נאַציאָנאַלע אַקציע איז אויך ניט קיין עקספּערימענט אין דער יידישער געשיכטע, נייערט די עצם געשיכטע. אַן עקספּערימענט איז אַ במחשבה תחילה־דיקער אַקט אָדער אַ צאָל אַקטן דורכגעפירט פון איין פּערזאָן אָדער אַ צאָל פּערזאָנען אין אַ קינסטלעכער, ספּעציעל־געשאַפענער פאַר דעם צוועק סביבה. סיי דאָס לעבן אין גלות, סיי דאָס לעבן אין ארץ־ישראל זיינען ביי אונדז היסטאָריש נאַטירלעכע דערשיינונגען. גלות און ארץ ישראל זיינען פאַרשיידענע סצענעס אָדער אַקטן אין דער זעלביקער יידישער געשיכטלעכער דראַמע.

ווייטער, קאַלעגע לעשצינסקי צייגט אַן מיט ציפערן אַז די צאָל לייענער פון יידישע צייטונגען, פון יידישע ביכער, די צאָל באַזוכער פון יידישע שולן ווערט וויניקער מיט יעדן יאָר סיי אין אַמעריקע, סיי אין פּוילן און סיי אין סאָוויעט־רוסלאַנד (דעצ. 24).

איך וויל זיך ניט קריגן מיט די ציפערן, אַלץ וואָס זיי זאָגן איז

אמת ויציב. אָבער וואָס באַווייזן אָט־יענע ציפערן? אַז דער גלות איז אַ דורכפאַל? בשום אופן ניט. מחמת עס איז דאָך געווען אַ צייט, גאָרניט אַזוי לאַנג צוריק, ווען אין דעם זעלביקן גלות פּוילן און ליטע, אין די זעלביקע ביאַלעסטאָקס, מינסקס, פּינסקס, קאָוונעס און ווילנעס האָבן יידן אָפּגעהאַלטן היציקע אסיפות און אָנגענומען באַשלוסן אַז „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם" (מיר ווילן ניט קיין רוסישע שולן). אחד־העם דערציילט אַז זיין פאָטער האָט געהאַלטן אַז די בוכשטאַבן פון דעם רוסישן אַלפאַבעט זיינען מטמא די אויגן און מ'טאָר אויף זיי ניט קוקן, און ער, אין זיין צייט, איז זיכער ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט אַזוי געטראַכט. און ווער איז ער געווען, אַ ארץ־ישראל־ייד? אַ גלות־פּראָדוקט ווי אַלע איבעריקע פרומע יידן. מיין זיידע פלעגט אָנטאָן דעם טלית־קטן איבערן פּעלץ ווינטער און איבערן אויבער־ראָק זומער, זיין שפּרוך איז געווען: „מיט אַ יידישן מלבוש איז זיך ניטאָ וואָס צו שעמען". אָט־די טיפן יידן זיינען דאָך געווען גלות־פּראָדוקטן. מיר האָבן קיינמאָל ניט פאַרמאָגט אין ארץ־ישראל אין די בעסטע צייטן, ווען „דער בית המקדש איז געשטאַנען אויף זיין פעסטגעשטעל און די כהנים האבן געפּראַוועט די עבודה און די לוויים האָבן געזונגען" אַזאַ אינטענסיווע יידישקייט, ווי אין אונדזערע שטעטלעך און שטעט צעוואָרפענע איבער פּוילן, ליטע און אוקראַינע אין אַכצנטן און אָנהויב ניינצטן יאָרהונדערט.

לכן וואָס לערנט אונדז די סטאַטיסטיק וואָס יעקב לעשצינסקי האָט געבראַכט? עס לערנט אונדז אַז יידן אָן יידישקייט קענען ניט עקזיסטירן, זיי גייען אונטער, זייער צוזאַמענבונד ווערט אויפגעלייזט, זיי פאַרלירן זייער אידענטיטעט; אָבער יידן מיט יידישקייט קענען יאָ עקזיסטירן אַפילו אונטער די שווערסטע אומשטענדן פון צעשפּרייטקייט, פון צעזייט־זיין אין פאַרשיידענע לענדער.

און אויב דאָס איז דער ריכטיקער אויספיר, וועלן מיר אים איבער־חזרן און אים אַרויסברענגען אַביסל דייטלעכער און קלערער: יידן אָן אַ באַשטימטן רעליגיעז־עטישן וועלט־באַנעם און אַ דעטאַליזירטן, קאָדי־פיצירטן רעליגיעז־עטיש סאַנקציאָנירטן אויפפיר, לעבנס־שטייגער, קענען ניט ממשיך זיין זייער קיום ניט אין גלות און אויך ניט אין ארץ־ישראל. דעם אייגענעם קריזיס וואָס די יידן אָן יידישקייט, די אַזוי גערופענע „וועלטלעכע יידן", לעבן איבער אין די גלות־לענדער, וועלן זיי דורכלעבן אין ארץ־ישראל מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער. און ווער עס האָט אַ שאַרף אויג קען שוין איצט דאָרט באַמערקן סימפּ־טאָמען, כאָטש נאָך זייער שוואַכע, פון אָט־דעם קריזיס.

.2

קיינער דאַרף ניט דערלויבן זיך צו זיין מער ארץ־ישׂראל־אָפּטימיסט ווי דער חומש איז. און וואָס זאָגט אונדז דער חומש בנוגע אָט־דעם פּראָבלעם? נאַטירלעך וועט ער עס אונדז זאָגן אויף זיין לשון, אין זיין ביבלישער טערמינאָלאָגיע.

אָט־וואָס תורת־משה זאָגט אונדז מכוח דעם וואָס דאָס יידישע פאָלק קען דערוואַרטן אין ארץ־ישראל, אין זיין היימלאַנד, ווען עס וועט פאַרלאָזן זיין קולטור, וועלכע איז געווען, איז (אויף דעם סמך זיינען מיר באַרעכטיקט צו זאָגן) און וועט זיין אַ רעליגיעז־עטישע:

„אַז דו וועסט געבוירן קינדער און קינדס־קינדער און איר וועט זיך עלטערן אין לאַנד (דאָס רעדט זיך וועגן ארץ־ישראל), און איר וועט פאַרדאַרבן ווערן און מאַכן געצן, געשטאַלטן פון אַלצדינג, און איר וועט טאָן, וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון יהוה, אייער אלהים, אים צו דערצאָרענען, נעם איך קעגן אייך פאַר עדות הימל און ערד, אַז פאַרלאָרן וועט איר פאַרלאָרן גיין אויף גיך פון דעם לענד וואָס איר גייט אַריבער דעם ירדן עס צו אַרבן, איר וועט דאָרטן ניט מאריך־ימים זיין, נייערט פאַרטיליקט וועט איר פאַרטיליקט ווערן" (דברים ד׳, כ״ה־כ״ו).

וואָס אויף אונדזער לשון הייסט אַסימילאַציע, רופט דער חומש, אויף זיין שפּראַך, געצנדינסט. מאַכן געצן, דינען צו זיי איז געווען די קאָלאָראַציע וואָס אַסימילאַציע האָט אָנגענומען אין יענער צייט. און ארץ־ישראל, טראָץ דעם איבערגעטריבענעם אָפּטימיזם פון אייניקע צו־ראַזזעדיקע פּובליציסטן, האָט ניט קיין אימוניטעט קעגן אָט־דער געפערלעכער קראַנקהייט. דער מיטאָס פון מתן־תורה וואָס קומט פאַר דער דעראָבערונג פון דעם „פאַרשפּראָכענעם לאַנד" איז ניט עפּעס צופעליקס און לאַוו־דווקאדיקעס. ער ווערט דיקטירט פון דעם פאָלקס־אינסטינקט און זיכערן פאַר־געפיל אַז אָן אַן אייגענער טיף און שטאַרק פאַרפונדעוועטער רעליגיעז־עטישער קולטור וועט דאָס יידישע פאָלק ניט זיין אימשטאַנד אויסצוהאַלטן דעם דרוק פון דער קולטור פון די אַרומיקע שכנים אַפילו ווען עס וועט זיך געפינען אין זיין אייגן לאַנד, אויפן אייגענעם באָדן.

די אַזוי גערופענע „וועלטלעכע" אינטעליגענציע, סיי פון דער גלות׳יסטישער און סיי פון דער ציוניסטישער געזינונג, האָבן אויסגעליידיקט גרויסע טיילן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן פון זייערע אַלע טראַדיציאָנעלע רעליגיעז־עטישע און אייגנאַרטיקע יידישע קאָסטבאַר־

קייטן. מיר פאַרמאָגן אַ ברייט און טיף באַאַרבעטן ציווילן קאָדעקס, אַ חושן־משפט, לויט וועלכן מען פלעגט שליכטן סיכסוכים בנוגע דיני ממונות אין יידישן בית־דין, ביז גאָר ניט לאַנג צוריק. מיר האָבן פאַרמאָגט אַ גוט דורכגעטראַכטן לעבנס־שטייגער וועלכער איז געווען באַשריבן ביז זיינע קלענסטע פּרטים. עס איז געווען אַ ספּעציעל יידישע דיעטע, אַן אייגענע „קיך״, אַ יידישע וועטערינאַרע וויסנשאַפט, אַ שטרענג רעגלאַמענטירטעס משפּחה־לעבן. דאָס זיינען די פיר יסודות וועלכע די תלמוד־יידישקייט האָט פאַרפונדעוועט, באַגרייפנדיק אַז אָן דעם וועט דער יידישער סאָציאַלאָגישער בנין ניט האָבן אויף וואָס זיך צו האַלטן. דאָס אַלץ האָט מען אַרויסגעשליידערט און מען האָט זיך איינגעשמועסט אַז מען וועט אויפהאַלטן דאָס יידישע פאָלק, אַלס אַן אייגנאַרטיקן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן אַגרעגאַט, וואָס געפינט זיך נאָך דערצו אַלס אַ מינאָריטעט צווישן אַנדערע פעלקער... מיט וואָס? מיט „שיינער ליטעראַטור״, מיט מעשה־ביכלעך און פּאָעזיע. דאָס האָט אַזאַ זינען ווי צו מיינען אַז אַן אַרמיי דאַרף מען קאָרמען מיט איינגעמאַכץ און באַוואָפענען מיט שפּיל־געצייג וועט עס קענען אָפּשלאָגן אַלאַ אַטאַקעס פון שונא, וואָס האַלט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

אונדזערע „נאַרישע״ טאַטעס און זיידעס האָבן זיך אויפגעפירט לויט דער תורה, לויט אַ באַשטימטער פון דורות פאַרהייליקטער הלכה, און די „קלוגע״ אינטעליגענטן האָבן געמיינט אַז זיי קענען מנהיג־זיין אַ פאָלק דורך סקיצן, דערציילונגען, ראָמאַנען און פּאָעמעס. און אָט־דער „עקספּערימענט״, אַוועקצושטעלן שיינע ליטעראַטור במקום רעליגיע, קאָדעקס און אַיינגעפונדעוועטן שטייגער, איז דורכגעפאַלן הונדערט פּראָצענט. אָבער אָט־דער דורכפאַל דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן אויפן חשבון פון „וועלטלעכקייט״ ביי יידן, ניט פון גלות־לעבן, מחמת דאָס אייגענע וועט זיך איבערחזרן אויך אין ארץ־ישראל. לעת־עתה איז דער דרוק פון דער אַראַבישער קולטור אָדער אינגאַנצן אָפּוועזנט אָדער מינימאַל, אָבער ער וועט שטאַרקער ווערן מיט יעדן יאָר. און די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קולטור וועט זיך אַוודאי לאָזן גאַנץ שטאַרק פילן. און אַז אין ארץ־ישראל האָבן מיר זיך, אין געוויסע עפּאָכן, געגעבן אַנגעליטן פון העלעניזאַציע איז דאָך באַקאַנט יעדן, וואָס האָט די מינדסטע ידיעות אין יידישער געשיכטע.

בקיצור, גלות־לעבן מיט דער האָפענונג פון אויסלייזונג, אַ לעבן באַזירט אויף אַ תורה און מצוות, ד״ה, אויף רעליגיעז־עטישן און שטייגערישן המשך איז ניט דורכגעפאַלן און וועט ניט דורכפאַלן. און

אָן אַ טראַדיציאָנעל פּאַרפּעסטיקטן המשך וועט דאָס יידישע לעבן זיין אַ דורכפאַל אומעטום אויך אין ארץ־ישראל.

יעקב לעשצינסקי שרייבט:

„בנוגע ארץ־ישראל וועל איך זאָגן גאָר קורץ:

„אַ יידישער בוך איז דאָרטן ניט קיין נדבה און ניט קיין רחמנות־טובה דעם אָרעמען שרייבער... אַ יידישער יום טוב איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג" (דעצ. 24).

ווען מען צייגט מיר אָן, ווי אַ ביישפּיל פון שלום־בית און פון האַרמאָניע וואָס הערשט אין דעם פאַרהייראַטן לעבן, אויף אַ פּאָרל וואָס שטייט אונטער דער חופּה, איבערצייגט מען מיך ניט אין דער סאָלידקייט פון דער הייראַט־אינסטיטוציע בכלל און דעם גליקלעכן מזל וואָס דערוואַרט דעם באַשערטן זיווג בפרט... אונטער דער חופה און אין די שבעת ימי המשתה לעבן כמעט אַלע פּאָרלעך אין שלום ושלווה.

ארץ־ישראל האַלט איצט ביים סאַמע אָנהייב, אין סאַמע ברענפּונקט פון אויפקום און אויפריכט, און פון דעם דערפאָלגרייכן אָנהויב טאָר מען זיך ניט לאָזן פאַרפירן און ווערן צו האַפּערדיק־פּאַרריסן.

אין דעם ציטירטן פסוק פון ספר דברים זאָגט זיך בפירוש „און איר וועט זיך עלטערן אין לאַנד", ער פאַרשטייט גאַנץ גוט אַז דער פּיאָנערן־דור האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר דער מכה פון אַסימילאַציע; די וואָרנונג גיט אונדז דער חומש בנוגע די קינדער און קינדס־קינדער וואָס ווערן געבאָרן אין לאַנד...

ווען זיינען עס דער רוב מנין ובנין פון די שרייבער פון יידיש בוך און זיינע לייענער? ווער שאַפט עס אַט־יענע הייס־יידישע אַטמאָספערע אין ארץ־ישראל? דאָס זיינען דאָך אויסדערוויילטע יחידים וואָס זיינען געקומען, אין מערסטע פאַלן, פון יידישע היימען אין די גלות־לענדער, וואָס זיינען געווען אָנגעזאַפּט און אָנגעלאָדן מיט יידישער טראַדיציע, מיט אהבת־התורה און אהבת־ישראל.

לפי ענייות דעתי, לויט דער אָרימקייט פון מיין פאַרשטאַנד דאַרף מען גורס זיין אי גלות אי ארץ־ישראל און אי יידישקייט, און אַט־דער אינדרייען־געפלאָכטענער פאָדים וועט זיך ניט איבעררייסן. אָן יידישקייט וועלן מיר האָבן ניט קיין גלות־לעבן און ניט קיין ארץ־ישראל, מיט יידישקייט וועלן מיר האָבן אי אַ לעבן אין גלות און אי אין ארץ־ישראל.

די יידישע געשיכטע הויבט זיך אָן מיט „וויסן זאָלסטו וויסן אַז דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד וואָס איז ניט זייערס... און ערשט אין פערטן דור וועלן זיי זיך אומקערן אַהער (בראשית ט"ו,

י״ג—ט״ז). גלות און אומקער און ווייטער גלות און ווידער אומקער און נאָך אַמאָל גלות און ווייטער אומקער דאָס איז דער שתי וערב אין דעם געוועב פון דער ייִדישער געשיכטע. די פאָרמול איז אַ דריי־גלידערדיקע: גלות־ארץ־ישׂראל־גלות... און אַזוי ווייטער.

דאָס רופן צום אומקער דאַרף זיך ניט אַסאָציאירן מיט דער נעגאַציע פון גלות־לעבן.

אין דרש פון גמרא און מדרש (ברכות ט׳, שמות רבה פרשה ג׳) אויפן „אהיה אשר אהיה״ איך בין געווען מיט אייך אין דעם גלות און איך וועל זיין מיט אייך אין אַ צווייטן גלות, און דאָס ווערט געזאָגט צו משהן ווען עמען די שליחות פון אויסלייזונג ווערט אָנפאַרטרויט, ליגט מער פאַרשטענדעניש פאַר דער פונדאַמענטאַלער טענדענץ פון דער ייִדישער געשיכטע, ווי אין די אַטאַקעס אויפן גלות־לעבן פון די קנאים, וואָס כאַפּן אַריבער די מאָס, מחמת זיי באַזיצן מער אייפער פאַרן ייִדישן אויפריכט ווי פאַרשטאַנד פאַר דער אָביעקטיווער ייִדישער היסטאָרישער מערכה.

14טן יאַנואַר, 1944.

„ייִדישע שריפטן״, באַנד פיר, זז. 124—130.

גלותיזם אין „ארבע כנפות" הארץ

(אַן ענטפער אויף אהרן צייטלינס עסיי „גלותיזם אין אַ נייער קאַפּאַטע",
אין „מאָרגן זשורנאַל" פון 4טן אויגוסט, 1944)

אין עסיי „גלות, ארץ־ישראל און יידישקייט", ווערט אַנטוויקלט דער געדאַנק, אַז דאָס יידישע פאָלק קען ניט האָבן קיין דויערהאַפטן קיום ניט אין גלות און אויך ניט אין ארץ־ישראל אָן דער דיסציפּלין, וואָס הייסט יידישקייט. די תורה, לויט דער יידישער לעגענדע, איז געגעבן געוואָרן אין מדבר, אויף אַ נייטראַלן באָדן, בכדי אָנצוּדייטן, אַז זי איז פאַרבינדלעך פאַר די יידן סיי אין אייגן לאַנד און סיי אין דיאַספּאָראַ. אין דעם „אויסשפּרייט", „תפוצות הגולה" קענען די יידן אָן דער הילף פון דער יידישער אידעאָלאָגיע ניט אויסהאַלטן דעם שווערן דרוק פון דער פרעמדער קולטור־אַטמאָספערע. דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע ארץ ישראל. דאָס וואוינען אין דעם לאַנד פון די אָבות איז ניט קיין גאַראַנטיע פאַרן אויפהאַלט פון דער קולטור פון די אָבות. אַ קולטורעלע אַסימילאַציע קען פאָרקומען אויך אין אייגענעם „פאָטערלאַנד".

אַז די „יידישע וועלטלעכקייט", וואָס באַשטייט אייגנטלעך אין דער קולטיווירונג פון אַן אייגענער, שיינער ליטעראַטור, איז ניט צופרידנ־שטעלנדיק אַלס אַ פאַרזיכער־מיטל קעגן אומקום פון דער יידישער אומה אין גלות, קען זייער לייכט איינזען אַפילו אַ האַלב־בלינדער באַ־אָבאַכטער. מ׳דאַרף אָבער לערנען אַ גזירה שווה און באַגרייפן, אַז די אייגענע אומצופרידנשטעלנדיקייט פון אָט־דער כלומערשטער „וועלט־לעכקייט" וועט זיך פיינלעך לאָזן פילן אויך אין ארץ־ישראל, הגם מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. אין גלות לעבן מיר שוין איבער אָט־דעם שווערן קריזיס, אין ארץ־ישראל וועט אָנקומען דער זעלביקער קריזיס,

נאָר מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אויף אַ צענדליק אָדער אַ פּאָר צענדליק יאָר.

פאָלגלעך קען די „כנסת־ישראל" ניט עקזיסטירן אָן אַ פּריווילי־קער עטישער דיסציפּלין, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין מסורה.

אהרן צייטלין גיט צו, אַז ער איז מסכים מיט דעם דאָזיקן גרונט־טעזיס. דעריבער זיינען אומפאַרשטענדלעך פאַר אונדז די אויסזע־צונגען, וועלכע, לויט אונדזער פאַרשטיין נאָך, ער האָט געקענט מאַכן, בלויז איגנאָרירנדיק אָט־דעם הויפּט־געדאַנק.

מיר באַוואונדערן אויך דעם לייכטן טאָן פון אַ פעליעטאָן, וואָס אהרן צייטלין געברויכט בשעת ער באַהאַנדלט אַזאַ שיקזאַל־אָנגעלאָ־דענעם פּראָבלעם ווי גלות און ארץ־ישראל.

אים שאָקירט דער אויסדרוק, וואָס ווערט געברויכט אין דעם עסיי „גלות ארץ־ישראל און יידישקייט", און ער רופט אויס: „געדענקט־זשע: היסטאָריש נאַטירלעכע דערשיינונגען". עס האַנדלט זיך וועגן לעבן אין גלות און אויף דעם אייגענעם באָדן, און עס ווערט אַרויס־געבראַכט אין יענעם עסיי דער געדאַנק, אַז באַצייכענען דעם „גלות" און „שיבת־ציון" ווי עקספּערימענטן, ווי עס טוען געוויסע פּובליציסטן, איז ניט דערלאָזבאַר. און אין קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער אומפּינקט־לעכער באַצייכענונג ווערט באַהויפּט אין דעם ציטירטן עסיי, אַז דאָס לעבן פון יידישן פאָלק איז ניט עפּעס עקספּערימענטאַל־קינסטלעכעס, נייערט אַ היסטאָריש־נאַטירלעכע דערשיינונג. ד. ה. דער ייד איז אַוועק אין גלות צו לעבן, צו עקזיסטירן, ניט צו עקספּערימענטירן מיט זיין לעבן. דאָס אייגענע ווען ער קערט זיך אום קיין ציון, טוט ער עס ניט לשם עקספּערימענט, נייערט פאַרצוזעצן זיין קיום אַלס אַ פאָלק. פון קאָנטעקסט איז דער רעיון גאַנץ קלאָר און מ׳קען זיך אין אים ניט טועה־זיין, סיידן מ׳טוט עס אַבזיכטלעך. און ווען איינער וויל מיט אַ כיוון ניט פאַרשטיין איז דאָך ניט שייך געבן אים צו פאַרשטיין.

אהרן צייטלין שפּאָט־אָפּ פון דעם געדאַנק אַז „שיבת־ציון" געפינט זיך צווישן צוויי גלותן. ער רופט עס אָן אַ סענדוויטש־פאָרמולע. ער מיינט, אַפּנים, אַז עס איז געגנוג אַזוי עס אָנצורופן, אום עס צונישט צו מאַכן. עס האַנדעלט זיך אָבער ניט וועגן אַ פאָרמולע, נייערט וועגן אַ געשיכטלעכער טאַטזאַך און וועגן דעם באַנעם פון אָט־דעם היסטאָרישן שיקזאַל, וואָס האָט געקרוינט זיין קלאַסישן אויסדרוק אין דרש אויפן ווערטל „אהיה אשר אהיה": „איך וועל זיין מיט אייך אין קומענדיקן גלות, ווי איך בין געווען מיט אייך אין געוועזענעם גלות"...

די יידישע געשיכטע, לויטן תנ״ך, הויבט זיך אָן מיט אַ גלות און לאָזט זיך אויס מיט אַ גלות, נאָך וועלכן עס דאַרף קומען אַן אויסלייזונג... דאָס לעבן אין ארץ־ישראל איז געלעגן צווישן צוויי גלותן, גלות־מצרים און גלות־בבל. דער צוריקקער קיין ארץ־ישראל און דאָס איינלעבן זיך דאָרט האָט זיך געפונען צווישן גלות־בבל און דעם איצטיקן לאַנגן גלות. אין אָט־דעם גייסט איז פּאַרפּאַסט דער היסטאָריש־פּילאָזאָפּישער טייל פון תנ״ך: פּאַרטרייב און צוריקקער און די דראָאונג פון אַרויסטרייב און אַ צוזאָג פון אַ צוריקקער: די וואָרנונג פון אַרויסטרייב, אויב די יידן וועלן זיך ניט אויפפירן ווי געהעריק און דער צוזאָג פון צוריקקער, אויב זיי וועלן פאַרבעסערן זייער אויפפיר. אַזוי פליסט מיט אַן אַלטערנאַטירטן שטראָם די יידישע געשיכטע לויטן תנ״ך און די מדרשים.

ווען מ׳איז לייכט פעליטאָניסטיש געשטימט קען מען אָפּ־חוזקן פון יעדער זאַך, לאַוו־דווקא גלות און ארץ־ישראל. אָבער ערנסטע אויפּפאַסונגען, ווי היסטאָרישע פאַקטן, ווערן ווינציק נתפעל פון אַ קאַטאַוועסל, ווען עס איז אַפילו פיין־עלעגאַנט סטיליזירט.

און שוין גאָר אינגאַנצן אומבכבודיק און אומפּאַסיק פּאַר אַ חשובן שרייבער, ווי אהרן צייטלין, קלינגען די ווערטער פון פּאַסאַזש:

„נחמו, נחמו, גלותל! נחמו, נחמו, תכשיטל! האָסט אַ האָפענונג, מציאהלע: אין ארץ־ישראל וועט טראָבל זיין.

„אַראַביזאַציע, אַנגלאָזאַציע...״

די ראָזע פאָרשטעלונג, אַז דאָס לעבן פון אַ פאָלק אויף זיין אייגן לאַנד גייט זיך אַלע מאָל גלאַטלעך, אין פולער מנוחה ושלווה, איז צו נאַאיוו, אַז עס זאָל פאַרדינען מ׳זאָל זי ערנסט באַטראַכטן. ווען עס וואָלט זיך איינגעגעבן צו שאַפן אין ארץ־ישראל ניט בלויז אַ „קאָמאָנוועלט״, נייערט אַ יידישע אימפעריע די גרויס ווי די בריטישע און פון דער אייגענער גרויסמאַכט און איינפלוס־אויסאיבונג, אויך דעמאָלט וואָלט דאָס לעבן אין ארץ־ישראל ניט געווען פאַרזיכערט קעגן „טראָבל״, ווי אהרן צייטלין דריקט זיך אויס אויף „אַמעריקאַנאָ־יידיש״. די רוסישע מדינה איז גאַנץ היפש, ציט זיך איבער אַ שטח פון אַ זעקסטן טייל פון ערדקיילעך. האָבן די רוסן אין זייער לעבן אַפילו אין מאָסקווע און „פּעטערבורג״ געהאַט ווייניק „טראָבל״ פון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער? די פראַנצויזן זיינען אויך ניט אַבי־ווער, פאַרמאָגן אויך אַ גרויסע אימפעריע, האָבן זיי געהאַט און האָבן איצט ווייניק „טראָבל״? ווי אַזוי קען מען עס זיין אַזאַ אומשולדיקער תמים בנוגע פּאָליטישע ענינים

צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז אַזאַ מלוכה, ווי דער „יידישער שטאַט" קען זיין אין ארץ־ישראל, אין העכסט אָפּטימיסטישן פאַל, וועט גע־דייען אַן „טראָבל"... און אַן דעם עסיי „גלות, ארץ־ישראל און יידיש־קייט" האָט קיינער ניט געוואוסט אַז אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן אַראַבער, און אַז די אַנגלאָ־זאַקסן האָבן אויך עפּעס וואָס צו זאָגן מכוח די פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן אין לאַנד פון ישראל, און אַז די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קולטור איבט שוין אויס אַ דרוק אויף דער ארץ־ישראל־דיקער קולטור־ספער?! יעדער צופעליקער לייענער פון ארץ־ישראל־דיקער פובליציסטיק האָט באַגעגנט אין דער פּרעסע גענוג וואָרנונג־עסייען פאַרפאַסט פון שרייבער־תושבים. די „יידישע שריפטן" האָבן עס ניט אַנטפּלעקט „פאַר דער וועלט".

ווייטער, וואָס מיינט די אידעאַליזאַציע פון גלות־לעבן? דאָס קען האָבן בלויז איין מיין, און אַט־דאָס איז ער:

כנסת־ישראל לעבט אין גלות שוין בערך צוויי טויזנט יאָר. לעבט אונטער אומגעהויער שווערע אומשטענדן. דאַמאָקלס שווערד הענגט איבערן קאָפּ און אַט־אָט ליגט זי שוין אויפן האַלדז און שנײַדט איבער דעם האַלדז... עס דראָט מיט אונטערגאַנג, מיט פאַרניכטונג. און דאָך האָט זיך דאָס יידישע פאָלק עפּעס ווי דורך אַ נס געראַטעוועט.

דאַרף מען אַט־דעם גלות־לעבן, דאָס לעבן אָן אַ אייגענעם שטאַט, אויף אַ פּרעמדן באָדן און אויף צו־להכעיס דעם פּרעמדן און פיינט־לעכן שטאַט, באַוואונדערן. די גלות־עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק איז די גרעסטע העראָאיק, וואָס דער יידישער כלל־ישראל האָט אַרויס־געוויזן. די יידישע וויטאַליטעט, דער יידישער בטחון איז אָן אַ פּרע־צעדענט אין דער געשיכטע פון פעלקער.

זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז קיינער אידעאַליזירט ניט דעם גלות אין פּשט פון אָננעמען פאַר גוט די הריגות און שחיטות, די קאַניבאַ־ליסטיש־אכזריותדיקע גזירות. די אידעאַליזאַציע פון גלות־לעבן באַ־דייט די פאַרהערלעכונג פון דער אויסדויערקראַפט, דער אומאויסשעפּ־לעכער שעפערישקייט, עקשנות און סבלנות פון יידישן פאָלק, וואָס ער האָט אַרויסגעצייגט אין די לענדער פון דער דיאַספּאָראַ...*

„עם לבן גרתי, ותרי"ג מצוות שמרתי..."

ווען אַ מענטש לעבט אָפּ אַ יאָר דרייסיק בשלווה אין זיין ענגן

---

*) אבא גאָרדין, מאָראַל אין יידישן לעבן, ז. 40, ניו־יאָרק, 1940.

קרייז פון פאַמיליע, לעבט זיך רואיק, אין מיטלמעסיקן וואוילטאָג אָן קיינע באַזונדערס־דערשיטערנדיקע געשעענישן; און דערנאָך לאָזט ער זיך אויף אַ נסיעה איבערן ים און ליידט אַ שיפסבראָך. ער ראַטעוועט זיך אין אַ קליין שיפעלע. ער ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס פון ברויזנדיקן ים, מיט די הינט, וועלף און לייבן פון ים, דערצו נאָך מיט פיראַטן, ער ווערט פאַרשפּהט פון דער אומדערבאַרעמלעכער זון, פאַרברענט פון דאָרשט און פאַרצערט פון הונגער. נאָך אַזאַ פּלאָגעניש און מאַטערניש מיט די לעצטע כוחות אין משך פון צוויי חדשים דערשלאָגט ער זיך פאַרט צו אַ ברעג, און, ווי דורך אַ וואונדער, קומט ער צוריק אַהיים. וועט אַט־דער העלד פאַרגעסן דאָס הערצאישע און שרעקלעכע, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין דעם פאַרלויף פון אָט־די צוויי מאָנאַטן אויף דעם שטורעמדיקן ים, ווען ער זאָל אַפילו לעבן דערנאָך ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אין רו און גליק? !

ווען מיר זאָלן זיך אַלע באַזעצן אין ארץ־ישראל און דורכפירן אַ פולן „קיבוץ גליות" און אַפּוואוינען אין אייגן לאַנד אָן שטער „יעדער אונטער זיין וויינשטאָק און יעדער אונטער זיין פייגנבוים" צענדליקער טויזנטער יאָרן, וועלן נאָך אַלץ אין פּרט פון העלדישקייט, עטישער חשיבות און סאָציאָלאָגישער אויפטוערישקייט די צוויי טויזנט יאָר פון גלות־לעבן עס אַריבערוועגן — און תמיד בלייבן אין זכרון פון פאָלק.

ווען עס זאָל אַפילו קומען אַ גאולה שלמה, ווי זי ווערט געמאָלן אין די רעליגיעז־יידישע אוטאָפּיעס, און איר שיין און גלאָריע זאָל זיין בלענדנדיק ווי דאָס ליכט פון די ערשטע זעקס טעג פון באַשאַף, וועט זי קיינמאָל ניט קענען פאַרטונקלען דאָס ליכט, דעם „אור הגנוז" פון חושכדיקן גלות־לעבן.

נאָך מער, וואָס פאַר אַ זינען האָט עס צו שפּייען אין ברונעם פון וועלכן מיר האָבן געטרונקען אין משך פון דורות און וועלן טרינקען נאָך פילע הונדערטער יאָרן. מע דאַרף דאָך פאַרשטיין, אַז די יידן־פראַגע וועט קאַרדינאַל געלייזט ווערן בלויז „דעמאָלט, ווען מאָראַל וועט טריאומפירן איבער פּאָליטיק. מיט איין וואָרט, ווען אומרעכט וועט פאַרניכטעט ווערן. דעמאָלט וועלן די איבעריקע פעלקער זיין פונקט ווי מיר, נאָר אָן אונדזערע צרות, און מיר וועלן מער ניט זיין קיין אויסנאַם. דעמאָלט וועלן די גרעניצן פון די פאָטערלענדער אָפּגעריבן ווערן... ערשט דעמאָלט וועלן מיר, יידן, אויסגעלייזט ווערן. וועגן אָט יענער צייט האָבן נביאות געזאָגט אונדזערע פּראָפעטן. זיי

האָבן געגעבן דעם איינציק־ראַדיקאַלן ענטפער צו דער יידן־פראַגע״.*
אַנטי־גלותיזם איז בלויז אַן אומגעלונגענער פאַרזוך מצד פון אונ־דזערע „פאַרזאָרגער״ צוצודעקן די אומבאַהאָלפנקייט, וואָס זיי ציִיגן אַרויס אין דער לייזונג פון דער יידנשאַפט און יידישקייט־פראָבלעם.

„פרייע אַרבעטער שטימע״, 20טן אָקטאָבער, 1944.

*) דאָרט, זייט 89.

גלות פסיכאָלאָגיע

וזכרת כי עבד היית... געדענק אַז דו ביסט געווען אַ שקלאַף...

ווער קען זיין מער איבערגעגעבן, מיט לייב און זעל, צו דער גרויסער און הייליקער אויפגאַבע פון ברענגען די יידן קיין ארץ־ישראל און זיי עטאַבלירן אין דעם הייליקן לאַנד ווי אַ פּאָליטיש אומאָפּהענגיק פאָלק — ווי דער חומש איז. ער לאָזט ניט דורך קיין איין געלעגנהייט צו פאַרפעסטיקן די חזקה פון די בני־ישראל אויף דעם לאַנד, וואָס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן עטלעכע מאָל פון רבונו־של־עולם אַליין.

אָט וואָס דער פסוק זאָגט אונדז:

„אברם האָט גענומען זיין ווייב שרי און זיין ברודערס זון, לוט, און זייער גאַנץ פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן, און די נפשות, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אין חרן, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו גיין קיין לאַנד כנען; און זיי זיינען געקומען אין לאַנד כנען. און אברם איז דורכגעגאַנגען דורכן לאַנד... און ה׳ האָט זיך באַוויזן צו אברמען און האָט געזאָגט: ׳צו דיין זאָמען וועל איך געבן דאָס־דאָזיקע לאַנד׳״ (בראשית י״ב, ה׳).

אָט־דער געטלעכער צוזאָג ווערט איבערגעחזרט צו אברהמען נאָך דריי מאָל (דאָרט, י״ג, י״ד־י״ז; ט״ו, ז׳־י״ח; י״ז, ח׳).

דער זעלביקער צוזאָג ווערט שפּעטער געגעבן צו יצחקן מיט דער לייכטער ענדערונג, אָנשטאָט „לאַנד״ אין איינצאָל ווערט געברויכט „לענדער״ אין מערצאָל (דאָרט, כ״ו, ג׳־ד׳).

דעם אייגענעם צוזאָג קריגט אויך יעקב: „דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט דערויף, צו דיר וועל איך עס געבן און צו דיין זאָמען״ (דאָרט, כ״ח, י״ג).

אָט אַזוי ווערט אין ספר בראשית פאַרפונדעוועט דער יסוד פאַר דעם יידישן אייביקן מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל.

נאָך ספר בראשית קומען די איבעריקע פיר ספרים פון חומש, אי־בערהויפּט שמות און אויך די ספרים יהושע, שופטים, וואו עס ווערט איבערגעגעבן די געשיכטע פון דעם אַריינקומען פון ישראל אין לאַנד פון ישראל און זיין זיך באַזעצן דאָרט, און שלאָגן וואָרצלען אין הייליקן באָדן.

אַזוי ווי דער חומש גיט זיך אָפּ, מיט אַזאַ ערנסט און געטריישאַפט, מיט דער אונטערנעמונג פון באַפרייען די בני־ישראל און ברענגען זיי אין דעם לאַנד פון זייערע אָבות און שאַפן פון זיי אַן אומאָפּהענגיק פאָלק, וואָס לעבט אויף זיין אייגענעם באָדן, דאַרף זיין פאַר אונדז פון גאָר גרויסן אינטערעס און זייער באַלערנדיק צו זען, וואָס איז געווען די שטעלונג, וואָס דער חומש האָט גענומען צו דעם צוקינפטיקן לעבן פון דעם פאָלק־ישראל אין דעם הייליקן לאַנד. אי־בערהויפּט דאַרף אונדז אינטריגירן אויסצוגעפינען און פעסטשטעלן די פאַרהעלטעניש, וואָס די תורה זוכט צו שאַפן צווישן דעם לעבן אין אייגענעם לאַנד ווי אַ פריי פאָלק און דער עקזיסטענץ פון די בני־ישראל אין גלות, אין גלות מצרים. נאַטירלעך מוז מען האָבן אין זינען, אַז „די תורה האָט גערעדט אין דער שפּראַך פון די מענטשן־קינדער" (קידושין י"ז:) פון איר צייט, און נישט דערוואַרטן אַז זי זאָל געברויכן אַ היינטצייטיקע טערמינאָלאָגיע. אָבער דאָס איבערזעצן פון די פאַר־צייטיקע אויסדרוקן אין מאָדערנע ווערט ניט פאַרשטעלן קיין באַזונדערע שוועריקייטן.

לאָמיר לייענען דעם ספר־הספרים און מיר וועלן זען קלאָר, וואָס ער דערוואַרט פון דעם פּאָליטיש־פרייען פאָלק־ישראל. דער חומש מאַכט פון דעם קיין סוד ניט:

„אַז דו וועסט געבוירן קינדער און קינדסקינדער און איר וועט זיך עלטערן אין לאַנד, און איר וועט פאַרדאַרבן ווערן, און איר וועט מאַכן אַ געשניץ, אַ געשטאַלט פון וואָס עס איז, און איר וועט טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון ה׳, דיין אלקים. אים צו דערצערענען; מאַך איך היינט הימל און ערד עדות קעגן אייך, אַז איר וועט אינגאַנצן אונטערגיין פון דעם לאַנד, וואָס איר גייט אַריבער דעם ירדן אַהין עס איינצונעמען. איר וועט ניט מאריך־ימים זיין דאָרטן, נאָר איר וועט אינגאַנצן פאַרטיליקט ווערן" (דברים ד׳, כ"ה־כ"ו).

פון אָט־די צוויי געבראַכטע פסוקים, ווי אויך פון פילע אַנדערע שטעלן, איז צו זען קלאָר, אַז תורת־משה פאַרלאָזט זיך ניט אויף דער גוטער ווירקונג, וואָס דער בלויזער פאַקט פון זיין פּאָליטיש אומאָפּ־

העגגיק וועט אויסאיבן אויפן פאָלק ישראל. דער חומש באַטראַכט ניט דעם יידישן שטאַט וואָס איז עטאַבלירט אין פאַרשפּראָכענעם לאַנד ווי אַ זיכערע ערבות, אַ פעסט־אייזערנע גאַראַנטיע קעגן אַסימילאַציע פון די יידן. וואָס מיר רופן אַסימילאַציע, זיך אויסמישן צווישן אַנ־דערע פעלקער, רופט דער תנ״ך אויף זיין לשון געצנדינערײ: „צו מאַכן אַ פסל, אַן ענלעכקייט, אָדער אַ געשטאַלט פון וואָס עס איז״. מאַכן אָפּגעטער און דינען צו זיי דאָס איז געווען דער אויסדרוק, וואָס אַסימילאַציע האָט אָנגענומען אין יענער אַלטער צייט. ארץ־ישראל און די יידישע מלוכה, פאַר זיך גענומען, פאַרזיכערן ניט דאָס יידישע פאָלק קעגן דער דאָזיקער געפאַר און מגפה. די צופּיל־אָפּטימיסטישע זשורנאַליסטן אונדזערע מעגן עס נעמען אין אַכט.

די אָפּנבאַרונג אויפן באַרג סיני, מתן־תורה, קומט אַ סך פריער פאַר „כיבוש הארץ״, פאַר דער דעראָבערונג פון לאַנד. דאָס איז דיקטירט געוואָרן פון דעם זיכערן געוואוירזיין, דאָס די בני־ישראל וועלן ניט זיין אימשטאַנד אויסצוהאַלטן דעם דרוק פון די אַרומיקע שכנים זייערע אַפילו אין זייער אייגענעם פאַטערלאַנד אויב זיי וועלן זיך ניט פאַרפאַנצערן פון־פאַרדעם מיט אַן עטישער־רעליגיעזער קול־טור, מיט אַ תורה־יידישקייט. אָן דעם חיזוק, אָן דער פאַרפעסטיקונג פון דער תורה וועלן זיי אָן ספק אונטערפאַלן אונטער דער דעמאָראַ־ליזירנדיקער השפּעה פון די פרעמדע פעלקער און אויך פון אייגענעם פּאָליטיש־סעקולערן איינשטעל.

אין די געבראַכטע פסוקים ווערט בפירוש געזאָגט: „און איר וועט זיך עלטערן אין לאַנד״. דאָס מיינט אונדז צו לאָזן הערן אַז דער פּיאָנערן־דור, די חלוצים זיינען ווייניק אָדער גאָר אינגאַנצן ניט אויס־געשטעלט צו די געפאַרן פון אַסימילאַציע. די וואָרנונג ווערט אויס־דריקלעך געגעבן צו די קינדער און קינדסקינדער, צו די וועלכע אויף דעם היינטיקן ארץ־ישראל־לשון ווערן אָנגערופן „צאַבּרעס״, פון וואָרט „צבר״ דער קאָקטוס, אַ מדבר־געוויקס. די סכנה פון פאַנאַנדערפאַל פון יידישן אָרגאַניזם דורך דער געפערלעכער קרענק פון אַסימילאַציע, פון נאָכמאַכן, נאָכטאָן די שלעכטע זיטן פון די אַרומיקע פעלקער ווערט אַמשטאַרקסטן און אַמגעפערלעכסטן דווקא נאָך דעם, ווי די יידן ווערן טיף פאַרוואָרצלט אין דעם הייליקן לאַנד, נאָך דעם ווי זיי דערשלאָגן זיך צו אַ געהויבענעם עקאָנאָמישן מצב.

„טאָמער אַז דו וועסט עסן און וועסט זאַט זיין, און וועסט בויען שיינע הייזער און באַוואוינען זיי; און דיינע רינדער און דיינע שאָף

ווערן זיך מערן, און זילבער און גאָלד וועלן זיך ביי דיר מערן, און אַלץ וואָס דו האָסט וועט זיך מערן... און ווערסט לויפן נאָך פרעמדע געטער״... (דאָרט, ח׳, י״ב־י״ט) „...און זיי וועלן עסן און ווערן זאַט און פעט, און וועלן זיך קערן צו פרעמדע געטער״ (דאָרט, ל״א, כ׳).

די זעלבסט־פאַרלייקענונג, דאָס אָפּקערן זיך פון די רעליגיעז־עטישע ווערטן וועט קומען אין באַגלייט פון דערפאָלג, און דאָס וועט פּאַסירן אין אַ צוויי, דריי דורות נאָכן באַזעצן זיך אין לאַנד. לויט דעם באַנעם פון חומש און פון תלמוד (סנהדרין ס״ג:) גייט אַסימילאַציע, דאָס לויפן נאָך פרעמדע „געטער״ האַנט־אין־האַנט מיט אַ מאָראַלישער דעגראַ־דאַציע, מיט אויסגעלאַסנקייט. און דאָס קומט ווי אַ פּועל־יוצא פון פאַרגעסן און פאַרוואַרפן די פאַרגאַנגענהייט, דאָס הייסט די ווערטן, וואָס זיינען דערוואָרבן געוואָרן אין די יאָרן פון ליידן, אָרימקייט און גלות.

האָבנדיק די־דאָזיקע פאַרשטענדעניש, וואָס פאַר אַ מיטל לייגט תורת־משה פאָר קעגן אָט־די שעדליכע טענדענצן און נויגונגען? דער חומש טוט איין זאַך: ער אַפּעלירט צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו די יאָרן ווען די בני־ישראל זיינען געווען פאַרפאָלגט און באַדרענגט אין גלות, גלות־מצרים, אָדער געלעבט אין אָרימקייט בשעת זייער וואַנדערן דורכן מדבר. אויף אונדזער היינטיקן לשון וואָלט עס מיינען אַז דער חומש קולטיווירט די „גלות־פסיכאָלאָגיע״. דער חומש קעמפט קעגן אַ „נאַ־ציאָנאַלער אַמנעזיע״, קעגן פאַרלירן דעם זכרון, און זיין לייט־מאָטיוו איז דעריבער דער אָנזאָג: „געדענק״!

ווי עס פּירט זיך, וועט דער אויפגעקומענער נגיד אָדער אויף־גיך רייך־געוואָרענער עושר ניט וועלן געדענקען זיין באַשיידענעם אָנ־פאַנג. ער וואָלט וועלן וואָס שנעלער עס אָפּמעקן פון דעם ספר־הזכרונות פון זיין משפחה... דער חומש, אָבער, ווערט ניט מיד איי־בערצוחזרן דעם הייליקן געבאָט: געדענק!

דאָס געדענקען די גלות־פאַרגאַנגענהייט איז פון אַזאַ גרויסער באַ־דייטונג אַז דער באַפעל צו האַלטן עס אין זכרון איז אַריינגעשטעלט אין דעם גרעסטן און הייליקסטן דאָקומענט פון תורת־משה, נעמלעך, אין די עשרת־הדברות:

„...כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו, און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים״ (דברים, ה׳, י״ד־ט״ו).

די קורצע אַרבעטס־וואָך איז באַגרינדעט אויף דעם יידנס געדענקען זיין אַמאָליקן סטאַטוס פון אַ שקלאַף. דער האַר דאַרף אַריין אין דער לאַגע פון זיין קנעכט און זיין דינסט. ער דאַרף געדענקען אַז ער איז אַליין געווען פאַרדעם אַ שקלאַף, אַ ליידנדיקער אונטער דעם אייזערנעם יאָך פון פרעמדע אונטערדריקער, אומדערבאַרימלעכע שקלאַפן־טרייבער. דער סאָציאַל־מאָראַלישער געזעץ פון תורת־משה האַלט זיך אויף דעם יסוד פון געדענקען דעם גלות־מצרים, דעם פאַקט אַז די בני־ישראל זיינען געווען אונטערדריקט און פאַרשקלאַפט אין לאַנד מצרים. דער גלות ווערט אויסגענוצט ווי אַ סטימול צום עטישן אויפֿפיר. דער חומש האַלט אים, אויך, ווי אַ בייטש איבער די קעפּ פון דעם האַרטנעקיקן פאָלק ישראל.

„אַ גר זאָלסטו ניט באַעוולהן, זאָלסט אים ניט דריקן, וואָרום גרים זייט איר געווען אין לאַנד מצרים" (שמות, כ"ב, כ"א). „און אַ פרעמדן זאָלסטו ניט דריקן... ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים" (דאָרט, כ"ג, ט'). „...זאָלסט אים ליב האָבן אַזוי ווי זיך אַליין, וואָרום פרעמדע זייט איר געווען..." (ויקרא, י"ט, ל"ג־ל"ד). „...באַשענקען זאָלסטו אים [דיין יידישן קנעכט] פון דיינע שאָף, און פון דיין שייער און פון דיין קעלטער.. זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען... דאָרום באַפעל איך דיך היינט די דאָזיקע זאַך" (דברים, ט"ו, י"ד־ט"ו). „זאָלסט זיך פרייען פאַר ה'... דו און דיין קנעכט און דיין דינסט... און דער גר, דער יתום און די אלמנה, וואָס צווישן דיר.. אין דעם אויסדערוויילטן פלאַץ... און געדענקען זאָלסטו אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין מצרים" (דאָרט, ט"ז, י"א־י"ב). „אַז דו וועסט שניידן דיין שניט אין פעלד, און וועסט פאַרגעסן אַ גאַרב אין פעלד, זאָלסטו זיך ניט אומקערן עס צו נעמען... אַז דו וועסט אָפּקלאַפּן דיין איילבערטבוים, זאָלסטו ניט נאָכזוכן די צווייגן הינטער דיר... אַז דו וועסט האַרבסטן דיין וויינגאָרטן, זאָלסטו ניט נאָכקלייבן הינטער דיר, פאַרן פרעמדן, פאַרן יתום און פאַר דער אלמנה זאָל עס זיין. און זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים. דאָרום באַפעל איך דיך צו טאָן די דאָזיקע זאַך" (דאָרט, כ"ד, י"ז־כ"ב).

דער חומש האַלט דאָס בילד פון גלות פאַר די אויגן פון די בני־ישראל ווי אַ פאַקטאָר וואָס דאַרף ווירקן אויף זיי צו זיין מאָראַליש, באַרימהאַרציק, רחמנות־האָבן אויף אַלע נויטבאַדערפטיקע, באַדרענגטע.

דער תנ"ך האַלט אויך דעם בילד פון גלות ווי אַן אָנשרעק. אויב

דאָס פאָלק ישראל וועט אַראָפּ פון דרך־הישר, פון מאָראַלישן וועג, וועט זיך פאַררייסן, „וועט פעט ווערן און זיך נעמען בריקען", זיך פאַר־געסן וועגן זיין קלאָגעדיקער גלות־פאַרגאַנגענהייט, דעמאָלט וועט אָט־די פאַרגאַנגענהייט קומען צוריק, און פון אַ דערמאָנעניש, וואָס דער ייד וויל ניט געדענקען, וועט זי ווערן אַ קעגנווערטיקעווירקלעכקייט. דאָס גלות־לעבן, די גלות־ליידן מוז דאָס יידישע פאָלק האַלטן אין זינען, האַלטן פריש אין זכרון און זיך אויפפירן לייטיש לויט די מאָראַל געבאָטן פון דער תורה, אויב ניט וועט דער גלות מיט זיין גאַנצער שווידערלעכקייט קומען צוריק.

די באַזייטיקונג פון גלות־לעבן און גלות־ליידן איז פאַרגעקומען אויף אַ באַדינג, לויט אַן אָפּמאַך, אַז די גלות־צרות זאָלן אויפגעהאַלטן ווערן אין געדעכעניש, פּסיכאָלאָגיש, אויב ניט וועלן אָט־די צרות און פּלאָגענישן קומען צוריק, ממש.

דער חומש פאַרניינט דעם גלות פיזיש, געאָגראַפיש, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, אָבער באַיאָט אים גאָר שטאַרק, מיטן פולן טראָפּ, גייס־טיק, אידעאָלאָגיש היסטאָריש. ווייל די פּאָליטישע באַזייטיקונג פון גלות קומט פאַר בתנאי, אַז דער גלות זאָל אָפּגעהיט ווערן גייסטיק, אין זכרון און זאָל ווירקן מאָראַליזירנדיק אויף די קינדער פון ישראל.

דאָס איז די ברירה, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט פאַר זיך: ענט־ווערדער זיין שקלאַפן פון רבונו־של־עולם, פון מאָראַלישן געבאָט פון דער הייליקער תורה, אָדער זיין שקלאַפן פון טיראַנען, פון האַרצלאָזע פּרעמדע קעניגן. דאָס איז דער געטלעכער „סאָציאַלער קאָנטראַקט", דער בונד, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דעם אויבערשטן און די קינדער פון ישראל.

„וואָרום צו מיר זיינען די קינדער פון ישראל קנעכט. מיינע קנעכט זיינען זיי, וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים" (ויקרא כ"ה, נ"ה; מ"ב).

די קינדער פון ישראל קענען ניט אויסמיידן דעם גורל פון פאַר־שקלאַפט־ווערן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, סיידן זיי וועלן זיין געהאָרכ־זאַמע דינער פון דער הייליקער מאָראַלישער תורה. מיט אַנדערע ווער־טער, די מאָראַלישע אייגנשאַפטן, די גוטע זיטן, וואָס די יידן האָבן זיך איינגעשאַפט אין גלות, אונטערן האַמער פון רדיפות, ווי קעגנזייטיקע הילף, מיטלייד־האָבן מיט יעדן ליידנדיקן, מיטפילן מיט יעדן באַ־דרענגטן, געיאָגטן, פאַרפאָלגטן, דער וואַכזאַמער חוש פאַר יושר, דאָס שטרעבן צו גערעכטיקייט, צו צדק, ווי דער ספר דברים (ט"ז, כ') זאָגט

אונדז אָן „צדק צדק תרדוף״, — דאָס דאַרפֿן מיר אויפֿהיטן און בשום אופֿן ניט פֿאַרוואַרפֿן, ווי אַ פּראָדוקט פֿון גלות, ווי אַ שטיק פֿאַראַכטע „גלות פּסיכאָלאָגיע״...

פֿאַרניינען דעם גלות, אויב דאָס מיינט די רדיפֿות, די שחיטות און הריגות, וואָס די יידן זיינען אויסגעשטאַנען אין גלות, — יאָ און יאָ. אָבער בשום אופֿן ניט פֿאַרניינען דעם גלות, אויב דאָס מיינט די מידות טובות, וואָס די יידן האָבן זיך דערוואָרבן אין גלות.

צו אונדזער גרויסן באַדויערן זיינען אָט־די צוויי סאָרטן פֿאַרניינונגען פֿון גלות ניט קלאָר. אַ צאָל יידן פֿאַרמישן זיי. איבערהויפּט באַמערקט זיך אָט־די פֿאַרווירונג צווישן דער איינגעבוירענער יוגנט אין ארץ־ישראל. זיי נעמען אָן דעם לאָזונג פֿון פֿאַרניינען דעם גלות אין דעם שעדלעכן אויסטייטש פֿון פֿאַרוואַרפֿן די תורה און רעליגיעזע מצוות, וואָס די יידן האָבן אַזוי שטרענג און מיט מסירת־נפֿש אָפּגעהיט און אַנטוויקלט אין משך פֿון די קאַרגע צוויי טויזנט יאָר פֿון זייער גלות לעבן.

קעגן אַזאַ פֿאַרניינונג פֿון גלות וואָרנען אונדז תורת משה און די נביאים, אַז מיר זאָלן זיך ניט אַנטזאָגן עס צו טאָן, ווײַלע אַזאַ גייסטיקע פֿאַרניינונג פֿון גלות קען האָבן, רחמנא ליצלן, איין רעזולטאַט און דאָס איז דאָס צוריקאויפֿריכטן פֿון גלות אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט.

מיר דאַרפֿן פֿאַרניינען דעם שעבוד מלכויות פֿון גלות אָבער אויף קיין פֿאַל ניט די הייליקע ווערטן, די גרויסע ווערק, וואָס מיר האָבן געשאַפֿן אין גלות, ניט אָפּטרייסלען זיך פֿון דעם רעליגיעז־עטישן אויפֿפיר פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „גלות־יידן״, ניט פֿאַרלייקענען אונדזער גלות־יידישקייט.

וזכרת כי עבד היית...

כאַראַקטעריסטיקעס

משה העס

(1812—1875)

.1

איבער הונדערט יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן משה העס. ער איז געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטן־קאָמוניסטן־אַנאַרכיסטן אין דייטשלאַנד. אַלע דריי שיטות נעמען מיר צוזאַמען, ווייל דעמאָלט האָבן נאָך זייערע דיפערענציאַציעס ניט געהאַט געקראָגן קיין אויסגעשפּראָכנ־קייט. משה העס איז צו דער זעלביקער צייט געווען איינער פון די ערשטע ציוניסטן, און ער איז טאַקע דער גאָר־ערשטער אין אונדזער מאָדערנער צייט, וועלכער האָט פאַרשטאַנען און עס געזאָגט בפה מלא, אַז יידישקייט דאַרף אויסגעטייטשט ווערן אין טערמינען פון ראַדיקאַליזם און בשום אופן ניט פון קאָנסערוואַטיזם, און ערשט דעמאָלט קען מען באַגרייפן און אָפּשאַצן כדבעי, ווי דעם מהות אַזוי אויך דעם מאור פון יידנטום.

ווי עס איז צו זען פון אָט־דער קורצער כאַראַקטעריסטיק, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ פּיאָנער אין דעם דערהויבנסטן זינען פון וואָרט, און אַלס אַזעלכער, אַלס אַ שטעג־אויסטרעטער, האָט ער נאַטירלעך, ניט געקענט אונדז געבן סיסטעמאַטישקייט און דעטאַליזירטע באַגרינדונג פון די סיסטעמען וועלכע ער שאַפט. און די אַרבעט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן, — און בנוגע אַזעלכע אַרבעט־אונטערנעמונגען זאָגט מען ניט אַז „דער וואָס הייבט אָן דאַרף עס ענדיקן" — איז פאַרגעזעצט געוואָרן נאָך אים פון מענטשן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אפשר ווייניקער געניאַליטעט, אָבער מער ספּעציאַליטעט, אַ בעסערע וויסנשאַפטלעכע שולונג און אויסשטאַטונג.

— — — — — — — — — — — — —

משה העס איז געווען אַ זון פון אמת־יידישע עלטערן. פון זיין מוטערס צד האָט ער אָפּגעשטאַמט פון רבנים מופלגים אין תורה. זיין געבורטס־דאַטום איז דער 21טער יאַנואַר, 1812. זיין געבורטס־פּלאַץ — באָן אין דער רהיין־פּראָווינץ פון דייטשלאַנד. ער איז געוואָרן פרי אַ יתום, און ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי זיין זיידן אין שטוב. זיין זיידע און די געדיכטע יידישקייט־סביבה האָבן אויסגעאיבט אויף אים אין זיינע פאָרמירונגס־יאָרן אַ שטאַרקע השפּעה, וועלכע קיינע שפּעטערדיקע איינפלוסן האָבן ניט געקענט אָפּמעקן אָדער אָפּווישן.

משה העס שרייבט וועגן דעם אַזוי:

„איך דערמאָן זיך מיט טיפער געריר־טקייט אָן אַלע טרויעריקע סצענעס, וועלכע איך האָב געזען אין הויז פון מיין זיידן אין באָן, ווען עס פלעגט קומען תשעה־באב, די דריי וואָכן, די ניין טעג, און דער שבת חזון. מיין זיידע האָט ניט געלעבט פון רבנות. ער האָט אָבער געהאַט די קענטעניש און דעם טיטל פון אַ רב. דעם גאַנצן יאָר פלעגט ער נאָך די טעגלעכע געשעפטן ביז האַלבער נאַכט שטודירן דעם תלמוד און זיינע מפרשים. נאָר אין די ניין טעג פלעגט ער אָנשטאָט גמרא פאָרלייענען פאַר זיינע אייניקלעך די אגדתות וועגן חורבן ירושלים. די שניי־ווייסע באָרד פון דעם אַלטן מאַן פלעגט ווערן באַנעצט מיט טרערן. אויך מיר קינדער פלעגן זיך ניט קענען איינהאַלטן פון געוויין. באַזונדערס ווען עס פלעגט דערציילט ווערן, ווי די מאַמע רחל איז אויפגעשטאַנען פון איר קבר און האָט געקלאָגט אויף אירע אומגליקלעכע קינדער"[1].

דאָ זעט מען דעם כוח פון יידישן ריטואַל און מיטאָס און זייערע פונקציעס אין דער דערציאונג סיי פון די פאָלקס־מאַסן, וועלכע זיינען בבחינת קינדער, און סיי פון די קינדער, וועלכע זיינע בבחינת ניט־דערוואַקסענע מאַסן. דוקא אָט־דער טרויערונג־שטייגער און טרויער־מיטאָס האָבן זיך אַריינגעקריצט טיף אין משה העסעס נשמה. אָט־די „קליינקייטן" זיינען אפשר געוואָרן די גורמים פון זיין יידישער „גרויסקייט".

„איך דערמאָן מיך דערביי אויך אָן מיין מוטער; איך האָב זי פאַרלאָרן נאָך אַלס יינגל פון פערצן יאָר, אָבער זי איז גאָר ביז צו דער לעצטער צייט יעדע נאַכט געקומען צו מיר אין חלום. בשעת איך בין געווען זיבן יאָר אַלט, האָט זי מיר געזאָגט די ווערטער, וועלכע איך

1) משה העס, רוים און ירושלים, ז. 84, ניו יאָרק, 1916.

דערמאָן זיך נאָך ווי פון נעכטן. מיר זיינען שוין געלעגן אין בעט און איך האָב ערשט געענדיקט קריאת־שמע. זי האָט צו מיר געזאָגט מיט אַ באַגייסטערטער שטימע: „הער, מיין קינד, דו מוזט גאָר פלייסיק לערנען. מוה״ריק איז איינער פון מיינע עלטער־זיידעס, און דו האָסט דאָס גליק צו לערנען ביי דיין זיידן. עס שטייט אַז ווען אַ זיידע מיט אַן אייניקל לערנען תורה, דאַרטן וועט שוין די תורה ניט פאַרלוירן ווערן פון קינד צו קינד [2]״.

זי האָט געמיינט דעם באַוואוסטן זאָץ אין תלמוד, אַז „די תורה קערט זיך אום צוריק צו איר אכסניא״.

ווערטער באַזיצן אַ קאָלאָסאַלן כוח, דאָס איז די אַלמאַכט פון סוגעסטיע. אַמאָל טרעפט אַז אַ געוויסער וואָרט, אַ באַשטימטע פראַזע ברענען זיך איין אין דער נשמה און זיי ווערן די דעטערמינאַנטן פון כאַראַקטער און פורעמער פון אויפפיר פון דער געגעבענער פערזאָן. אַזוי איז סאַוואָנאַראָלאַ געוואָרן דאָס וואָס ער איז געוואָרן אַ דאַנק אַ וואָרט וואָס ער האָט געהערט פון אַ פריידיקער, — אַזוי דערציילט ער — און אָט יענער וואָרט האָט תמיד געהילכט אין זיינע אויערן און זיך כסדר אָפּגערופן אין זיין האַרצן. „התורה מחזרת על אכסניא שלה״ איז געווען דער פאַטום־שפרוך פון משה העס, און ער האָט אים גע־שטאַלטיקט אַלס יידישקייט־געלערנטן...

אין 1830, צו אַכצן יאָר, טרעט משה העס אַריין אין אוניווערסיטעט. קיין דיפּלאָם האָט ער ניט געקראָגן. ער האָט ניט גראַדואירט. מיט יאָרן שפּעטער ווערט ער דער פרינציפּאַל פון אַ יידישן יתומים הויז אין פראַנקפורט. פון צייט צו צייט פאַרנעמט ער זיך מיט פובליציסטיק, ער פאַרטיידיקט יידן קעגן די אָנפאַלן פון די אַנטיסעמיטן. אין זיינע אנשויאונגען איז ער געגאַנגען פון רעכטס אויף לינקס, און די פּאָליטישע לופט פון דייטשלאַנד איז געווען פאַר אים צו שטיקענדיק.

אין יאָר 1839 געפינען מיר אים אין פּאַריז. ער איז אַ פּאָליטישער עמיגראַנט.

ער באַטייליקט זיך אין די סאָציאַליסטישע אויסגאַבן פון יענער צייט אין וועלכע מ׳קען געפינען אַלס מיטאַרבעטער אויך מארקסן און ענגעלסן. אין דעם זאַמלבוך „איינאונצוואַנציק בויגן פון דער שווייץ״ האָט משה העס פאַרעפנטלעכט זיין אַרבעט מיטן נאָמען „די פילאָזאָפיע דער טאַט״.

---

2) דאָרט, ז. 97.

אין אַט דעם עסיי פּרובירט משה העס צו שאַפֿן אַ באַלאַנסירטן אינדיווידועל־אַנאַרכיזם מיט אַ קאָלעקטיוויסטישן סאָציאַליזם. אַלס אינדי־ווידואַליסט שטעלט ער דעם יחיד איבער דעם שטאַט און דער געזעלשאַפֿט, אַלס קאָלעקטיוויסט פֿאַרניינט ער פּריוואַט אייגנטום און אויך דעם שטאַט אַלס אוזורפּאַטאָר פֿון די רעכט פֿון צבור און פֿון יחיד. דער אינדיווידואַליזם פֿון משה העס בלייבט הענגען אין אַ חלל פֿון ספּעקו־לאַטיווע קאָנצעפּציעס. דער אינדיוויד איז אַ קולטורעלע נשמה אָן אַן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן גוף. אַזאַ „אינדיווידואַליזם" האָט זיך לאַנג ניט געקענט האַלטן און משה העס ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער סאָציאַליסט.

שטירנערס בוך „דער איינציקער און זיין אייגנטום" איז דערשינען אין 1845. עס איז זייער שווער צו זאָגן פּינקטלעך וואָס דער מחבר מיינט. דער דייטשער מאַניער צו שרייבן אַזוי, אַז העלע ענינים זאָלן ווערן טונקל, און טונקעלע שוואַרץ, ווערט דאָ נאָך מער „פֿאַרדייטשט" דורך דעם דעקאַדענטישן סטיל. איינס איז בלויז קלאָר, אַז שטירנער שטייט שטאָל און אייזן פֿאַר פּריוואַט אייגנטום, און אַז צו דעם צבור האָט ער ניט צופֿיל צוטרוי, און ער וויל אַז אַ פֿעסטע וואַנט פֿון גאַראַנ־טיעס זאָל אויפֿגעריכט ווערן אַלס אַ שוץ פֿאַרן יחיד קעגן די אָנגרייפֿונגען פֿון דעם טיראַנישן רבים.

משה העס ענטפֿערט אָפּ שטירנערן מיט אַ קליין ביכל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די לעצטע פֿילאָזאָפֿן". ער אַרגומענטירט גאַנץ שאַרף קעגן שטירנערס עגאָאיסטישן איך, וועלכער איז ביי שטירנערן קיינמאָל ניט דער גאַנצער איך פֿון דעם איינצלנעם מענטשן, וואָס איז אַן אינערליכער פּסיכאָלאָגישער ציבור, נאָר בלויז אַ פֿאַרביילויפֿנדיקער זעלבצושטאַנד, אַ מאָמענט פֿון אַ פּסיכישער פּאַסירונג. העס וואַרפֿט אָפּ שטירנערס „בונד פֿון עגאָאיסטן". ער טענהט, אַז אַזאַ בונד האָט עקזיסטירט פֿון סאַמע בראשית פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע. אויף דעם נידעריקן ניוואָ, אויף וועלכן די סאָציאַל־וויסנשאַפֿטן האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען, איז געווען גאַנץ שווערלעך זיך פּאַנאַנדערצוקלייבן אין דעם קנויל פֿון די זיך איבערקרייצנדיקע השגות, צו וועלכן שטירנער האָט בייגעטראָגן אויף צוויי אופֿנים, סיי אין נאָך מער פֿאַרפּלאָנטערן אים און סיי אין העלפֿן פּאַנאַנדערפּלאָנטערן אָט דעם קאָלטן...

אין חודש יולי, 1845, קומט משה העס צוריק קיין דייטשלאַנד. אין עלבערפֿעלד גרינדעט ער אַ צייטונג, „דער געזעלשאַפֿטלעכער שפּיגל". ער כאַראַקטעריזירט זיין צייטונג אַלס „אַן אָרגאַן פֿון די

באַזיצלאָזע פאָלקס־קלאַסן און צו דער באַלייכטונג פון דעם געזעלשאַפט־לעכן מצב פון דער קעגנוואַרט״.

צוליב די אומגינציקע פּאָליטישע באַדינגונגען, פאַרלאָזט משה העס אַ צווייטן מאָל דייטשלאַנד און באַזעצט זיך אין ברוסל, בעלגיע, וואו ער פאַרבלייבט ביז איבער זיין „פאָטערלאַנד״ וויטערט דער סאָציאַלער שטורם פון 1848. ער האָט זיך גלייך אומגעקערט אַהיים. ער באַטייליקט זיך אין דער דרום־דייטשער רעוואָלוציע פון 1849, וועלכע ווערט אונטערדריקט און ער ווערט פאַרמשפּט צום טויט אונטער די אויגן. דער פּסק־דין דאַרף אויסגעפירט ווערן דעמאָלט ווען מ׳וועט אים כאַפּן.

העס איז געקומען צוריק קיין פּאַריז. ער האָט דאָרטן געוואוינט אַ יאָר צוועלף. אין 1861 ווערט דערקלערט אַן אַמניסטיע און ער קערט זיך אום אַהיים.

אין 1862 דערשיינט זיין גרויס ווערק „רוים און ירושלים״. מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען פערדינאַנד לאַסאַל נעמט זיך אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס פון דייטשלאַנד, שליסט זיך אָן משה העס אָן דער באַוועגונג און אַ היפּשע צייט איז ער דער באַפולמעכטיקטער פון דער שטאָט קעלן אין „דעם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער־פאַראיין״.

מיט דרייצן יאָר שפּעטער, דעם 6טן אַפּריל, 1875, איז משה העס געשטאָרבן.

2.

משה העס פאַרמאָגט בליצן־געדאַנקען, וועלכע שפּאַלטן די נאַכט פון אומוויסנהייט סיי בנוגע דעם סאָציאַלן פּראָבלעם בכלל און סיי וואָס איז שייך דער יידן־און יידנטום־רעטעניש. דעם העלן טאָג ברענגט ער אָבער ניט. ער איז אַן אָנזאָג אז דער טאָג וועט קומען. מיטאָק־העלקייט קען מען ניט אַריינטראָגן אין אַזעלכע פאַרפינצטערטע פּראָגן דורך צעוואָרפענע שטערן־רעיונות, וועלכע געפינען זיך צעזייט איבער אַ קאָלעקציע פון בריוו, עסייען, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבער פּעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס טראָגן זיך אויפן שטראָם פון צייטווייליקייט איבערן תהום פון אייביקייט.

נאָר לאָמיר געבן דאָס וואָרט טאָקע משה העסן אַליין.

„צו די פּאָר טויט פאַררעכנטע פעלקער געהערט אויך דאָס יידישע פאָלק, וועלכעס האָט ניט אומזיסט געקעמפט צוויי טויזנט יאָר קעגן די שטורעמס פון דער וועלט־געשיכטע... מיט דעם זיכערן ראַסן־אינסטינקט

פון זיין קולטור־היסטאָרישער מיסיע, וועלכע באַשטייט אין דער אחדות פון דער וועלט און די מענטשן און זייער פאַרברידערונג — מיט אָט דעם אינסטינקט האָט דאָס דאָזיקע פאָלק דערהאַלטן זיין נאַציאָנאַליטעט און זיין רעליגיע און זיי ביידע פאַרבונדן אין זיין ארץ אבות״ [3].

דאָ ווערט אויסגעדריקט אַ זייער טיפער געדאַנק מכוח דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע האָט אויפגעהאַלטן איר עקזיסטענץ ניט דורך דער קולטיווירונג פון אַ באַרבאַרישן שאָוויניזם, נאָר דורך דער שאַפונג פון אַ לערע מכוח דער פאַרברידערונג פון די מענטשן. און ווייל די יידישע גרופּע איז געווען די איינציקע וועלכע האָט פאָרמולירט אַזעלכע דרייסטע ראַדיקאַלע אידייען און האָט געוואָרעמט ביי איר בוזעם אַזעלכע העט־ווייטע אידעאַלן האָט זיך איר איינגעגעבן זיך צו דערהאַלטן ביי איר לעבן אַלס אַ באַזונדער פאָלק, אַלס אַן איבערפאָלק. קולטור־היסטאָרישע מיסיע, רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט און ארץ ישראל זיינען ביי העסן ניט קיין סתירות, נאָר באַשטאַנדטיילן פון איין גאַנצער קאָנצעפּציע.

„דאָס יידנטום טיילט ניט אָפּ דעם יחיד פון דער פאַמיליע, די פאַמיליע פון דער נאַציע, פון דער מענטשהייט, די מענטשהייט פון דעם באַשאַף... דאָס יידנטום האָט ניט קיין אַנדער הויפּט־פּרינציפּ ווי אָט די לערע פון דער מענטשהייט [4]״.

יידישקייט איז סימבאָליזירט דורך דעם לייטער וואָס יעקב אָבינו האָט געזען אין זיין שיקזאַלפולן חלום. עס איז אַ לייטער מיט אַ סך טרעפּלעך. אָבער אַרויפקומענדיק צום סאַמע שפּיץ פון הימעל וואַרפט ער ניט אָפּ די אונטערשטע שטופן. די נאַציע פאַרניינט ניט דעם יחיד. די מענטשהייט פאַרניינט ניט די נאַציע, עס איז אַ „עולים ויורדים בו״, מ׳קען גיין אַרויף און צוריק אַראָפּ. יחיד, נאַציע, מענטשהייט, קאָסמאָס זיינען שטיגן אין דעם טרעפּ, וועלכער הייסט דער יידישער אחד.

„אונדזער אומשטערבלעכקייט ציט זיך אויף צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין ביז צו די אָבות, און אין דער צוקונפט ביז צום משיח־קעניגרייך״ [5].

---

3) דאָרט, ז. 68.

4) דאָרטן, זייט 75.

5) משה העס, רוים און ירושלים, 8, 49, נ. י. 1918. מיר האָבן געברויכט דאָ די ענגלישע איבערזעצונג ווייל זי שיינט אונדז אַרויסצוברענגען דייטלעכער דעם געדאַנק.

אַ ייד לייענט ניט זיין געשיכטע, די געשיכטע פון זיין פאָלק. ער לעבט איבער די שיקזאַלן פון זיין ציבור אַלס געשעעניִשן פון זיין פערזענלעכן לעבן, ער לעבט עס איבער מיט יעדן יום־טוב יעדן יאָר, ווי איינער וואָס באַטייליקט זיך אין אויפפירן אַ דראַמע. די גריכן האָבן דראַמאַטיזירט די וועלט און, ממילא, האָבן זיי געשאַפן אַ קאָסמישע מיטאָלאָגיע, פון וועלכער אַ טעאָלאָגיע איז אַרויסגעוואַקסן. דער ייד לירייצירט די וועלט, וואָס ער דראַמאַטיזירט איז זיין פאָלקסגעשיכטע. ער פירט אויף זיין יציאת מצרים, ער לעבט זיך אַריין אין זיין וואַנדערן דורך דעם מדבר. ער שאַפט אַ דראַמאַטישע אילוזיע, און ער באַפעלט דעם טייך פון צייט צו לויפן צוריק אָדער פליסן אין אַ ראָטאַציע. מיט דעם צוועק געברויכט ער דעקאָראַציעס, סצעניִרונגען, סימבאָלן און אין אָט־דער טעאַטראַלישער סביבה נעמט ער זיך פאַר דאָס שפּילן... אונדזער אומשטערבלעכקייט ווערט גאַראַנטירט דורך אונדזער באַצווינגען דעם צייט־שטראָם, אים אַראָפּדריקן צו דער דרגה פון אַ פּערטער דימענזיע. אונדזער אומשטערבלעכקייט לויפט אויף צוריק ביז צו די אָבות, וועלכע לעבן מיט אונדז, אין אונדז, און מיר לעבן אין זיי, מיט זיי, און זי לויפט פאָרויס מיטן כוח פון דער אומפאַרגאַנגענער פאַרגאַנגענהייט ביז צום לעצטן דור, ביז אין די ימות המשיח אַריין...

„מיט דעם ראַסן־אַנטאַגאָניזם הערט אויך אויף דער קלאַסן־קאַמף. די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע סאָציאַלע קלאַסן קומט נאָך דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע ראַסן און איז בלויז אַ וויסנשאַפטלעכע פראַגע פון סאָציאַלער עקאָנאָמיע"[6].

העס האָט ניט געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו לייזן די אַרבעטער־פראַגע איידער די נאַציאָנאַל פראַגע ווערט געלייזט. אַזוי לאַנג ווי אימפעריאַליזם, מיליטאַריזם עקזיסטירט, מוז עקספּלואַטאַציע פון קלאַס דורך קלאַס עקזיסטירן. וויילביידע פּראָבלעמען געהערן, לויט משה העס, צו דער זעלביקער סדרה, זיי זיינען בלויז צוויי פרשיות פון „סאָציאַלער עקאָנאָמיע", פון „סאָציאָלאָגישער עקאָנאָמיע", וועלכע איז אַ ברייטערע און טיפערע וויסנשאַפט ווי „פּאָליטישע עקאָנאָמיע".

דאָס און מער. העס אָנערקענט ניט דעם „אָבערגלויבן פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם", אַז קלאַסן קענען אָפּגעשאַפט ווערן. ער אָנערקענט און פאָדערט אַ גלייכבאַרעכטיקונג פון סאָציאַלע קלאַסן, ווי אויך די גלייכבאַרעכטיקונג פון ראַסן, פון די נאַציעס. העס גלויבט ניט אַז

---

6) דאָרטן, ז. 206.

מ׳קען, אַז מ׳דאַרף שאַפן אַ מין סאָציאַלן זשעלאַ אין וועלכן מ׳דערקענט ניט קיין נאַציעס און ניט קיין קלאַסן. סיי נאַציעס און סיי קלאַסן בלייבן, נאָר זיי ווערן גלייכבאַרעכטיקט.

משה העס איז אַן אינטערנאַציאָנאַליסט און אַן אינטערקלאַסיסט. משה העס האָט פאַרשטאַנען די קלאַסן־פּראָבלעם צו גרינטלעך ער זאָל זי נעמען בלויז אין איין היסטאָרישן שניט און זיך איינריידן, אַז מיט דער באַזייטיקונג פון איין הערשנדיקן־פּירנדיקן קלאַס ווערט די גאַנצע קלאַסן־דיפערענצירונג באַזייטיקט.

„אַזוי ווי אַמאָל האָט זיך באַצויגן דער האַר צום שקלאַף, און דער כהן צום פּראָסטן מענטשן, ווי שפּעטער האָט זיך באַצויגן דער פּריץ צום פּויער... דאָס הייסט דער אָרגאַניזירער צו דעם אומאָרגאַנישן, ווי דער פאַראייניקטער צום צעשטרויטן... דאָס פאָלק האָט אין דעם דאָזיקן אַנטאַגאָניזם שטענדיק שלעכט אָפּגעשניטן... דערפאַר האָט שוין משה געזאָגט צו אונזער פאָלק: ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, איר זאָלט מיר אָבער זיין אַ גאַנצע מלוכה פון כהנים און אַ הייליק פאָלק״ [7].

משה העס האָט שוין דעמאָלט, אין 1862, באַנומען אַז די קלאַסן־דיפערענציאַציע באַזירט אויף דעם חילוק, וואָס געפינט זיך צווישן דעם אָרגאַניזאַטאָר און דעם אָרגאַניזירטן, וועלכן ער רופט אָן „אומ־אָרגאַנישן״. „דאָס לעבן האָט די נאַטור־נויטווענדיקע שטרעבונג זיך צו צענטראַליזירן, צו פאַראייניקן און צו אָרגאַניזירן״ [8].

דעם בעסטן און ברייטסטן אויסטויש פון משה העסעס לערע האָט געגעבן, לויט דער אָרעמקייט פון מיין פאַרשטאַנד, מ. ווינטשעווסקי.

„דער מענטש, זייענדיק אַלמעכטיק, באַשאַפט אַלץ, און באַשטימט די באַגריפן פון גוט און שלעכט, פון רעכט און אומרעכט, פון מאָראַל א. אַז. וו.

„דער מענטש האָט אָבער, אַזוי קומט ביי אים (העסן) אויס, ביז איצט זיינע אייגענע באַשאַפונגען ניט פאַרשטאַנען און האָט זיך גע־בוקט פאַר זיי, די וועלכע ער האָט געמאַכט מיט זיינע הענט און אויס־געטראַכט מיט זיין שכל און האָט זיי געהאַלטן פאַר העכערע באַשעפעניש, אָדער מאַכט. גאָט, די שטאַט־מאַכט, די געלט־מאַכט — זיי האָט ער באַשאַפן און זיי האָבן אים פאַרשקלאַפט. דער סאָציאַליזם, אַלזאָ,

7) דאָרטן, זז. 199—197.

8) דאָרטן.

איז די וויסנשאַפט וועלכע לערנט ווי אַזוי צו דערגרייכן אַן אָרגאַניזירטן צוזאַמענווירקן פון פיזישע און גייסטיקע קרעפטן" [9].

„לא תעשה לך פסל"...

מיט אַנדערע ווערטער, משה העס האָט געזען אין יידנטום אַן אויסגעהאַלטענעם סיסטעם פון אַנטי־פּאַגאַניזם, אַ שיטה וועלכע באַקעמפט געצנדינעריי אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן פּראַקטישן אָנשטרענג. יידישקייט איז די פאַרהערלעכונג פון דער אידייע פון אחדות, פון איינהייט, אָבער זי וויל בשום אופן ניט דערלאָזן אַז אָט די אידייע זאָל ווערן אַ פעטיש, אַז דער אָרגאַניזירונגס־פּראָצעס זאָל ווערן אָביעקטיוויזירט אין אַ קעגנשטאַנד אָדער אַ קלאַס מענטשן און אַז זיי זאָלן ווערן פאַרגעטערט, אַז זיי זאָלן באַהערשן די יעניקע וועלכע גיבן זיי די מעגלעכקייט צו ווערן „צענטערן". דער „געץ" אין עקאָנאָמישן לעבן איז קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט פעטישיזירט. דעאיפּיצירט, און דער קלאַס פון כוהנים, די קאַפּיטאַליסטן, ווערן פּריווילעגירט. און אָט די עקאָנאָמישע מאַניפעסטאַציע פון היידנטום מוז ווערן און וועט ווערן באַזייטיקט. געצנדינעריי אין דעם פּאָליטישן לעבן איז דער שטאַט און זיינע כהנים, אָפּגעטער, קעניגן, טיראַנען, הערשער. פּאָליטישע מאַכט איז אַ ענערגיע וועלכע ווערט געשעפּן פון אחדות, פון דעם פאַקט וואָס מענטשן לעבן צוזאַמען, און אָט די אחדות־אידייע טאָר ניט ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ באַרבאַרישן געצנדינסט, אין אַ קולט פון צוואַנג און געוואַלדטאַט, מלחמות, גזלה און רציחה פון איין פאָלק דורך אַ צווייטן. משה העס, זייענדיק אַן „יידישקייט־באַוואוסטזיניקער ייד", איז אַרויסגעטראָטן קעגן היידנטום אין אַלע זיינע פאַרצווייגטע מאַניפעסטירונגען. בקיצור, משה העס איז ניט געווען אַ ייד און אַ ראַדיקאַל, און יעדן פון די צוויי האָט ער ניט געהאַלטן, ווי, להבדיל, ראַדזשער בעקאָן זיין פאַרנציס־קאָנעם מאַנאַך און פילאָזאָף, אין אַ חדר מיוחד, אָפּגעזונדערט איינער פון צווייטן זיי זאָלן זיך ניט צוזאַמענשטויסן. ניין, משה העס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער ראַדיקאַל דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ „יידישער מענטש", ד"ה, אַ ייד אין פולן פשט פון וואָרט. ער האָט באַקעמפט עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג אַלס אַ פאָרם פון געצנדינעריי, ער האָט געוואָלט נידערשטירצן דעם קומיר פון גאָלד, דעם עגל־הזהב, און דעם אידאָל פון מאַכט, בכדי צו באַפרייען דעם מענטשן און די נאַציע. דער מענטש וואָס באַשאַפט אַלץ טאָר זיך ניט בוקן צו זיינע מעשי

9) מ. ווינטשעווסקי, מאָזעס העס, צוקונפט, 1902, יאנואַר, ז. 73.

ידיו, צו די אינסטיטוציעס וועלכע האַלטן זיך אויף זיין צוזאַמענלעבן, אויף זיין פאַראייניקונג, אויף זיין פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אחדות און קאָנצענטרירטקייט.

משה העס האָט ברייט פאַנאַנדערגעפּנט די פאָרמולע פון יידישקייט און דאָרטן אַנטדעקט דעם סך־הכל פון די היינטיקע ראַדיקאַלע אידייען און אידעאַלן.

„איין טיטל מעג גאַנץ געוויס פאַרבונדן ווערן מיט זיין (העס') נאָמען... דאָס איז דער טיטל פון אַ ווירדיקן תלמיד פון אונדזערע הייליקע נביאים" [10]).

„דער אמת פון יידנטום ווערט איצט דערקענט אַלס די טענדענץ צו אַ נייער סאָציאַלער מאָראַל און לעבנספּליכט, צו היסטאָרישער דערלייזונג און היסטאָרישן העראָאיזם, צו מענטשהייט־ווילן און צוקונפט־האָפענונג" [11]).

משה העס האָט געזען אין יידישקייט אַ לערע, נבואה און אַ דיס־ציפּלין וואָס איז מסוגל און ראוי צו ברענגען באַפרייאונג צום יידישן פאָלק און דערלייזונג צו דער גאַרער מענטשהייט.

משה העס איז דער רעפּרעזענטירער פון תורת־משה אַלס ראַדיקאַל־יידישקייט. וועגן משה העסן וועלן מיר זאָגן מיטן באַקאַנטן פּסוק: ער איז הונדערט פינף און צוואַנציק יאָר אַלט, אָבער זיין גייסטיק אויג איז ניט טונקל און זיין זאַפט איז ניט אויסגערונען...

„דער יידישער קעמפער", 12טן נאָוועמבער, 1937.

10) דר. ח. זשיטלאָווסקי, משה העס, דאָס נייע לעבן, 1912, מאַי, ז. 14.

11) דר. נ. סירקין, רוים און ירושלים, הקדמה, משה העס, זז. 8—99.

מרדכי בן הלל הכהן

(1856—1936)

וואו איז מרדכי בן הלל הכהן געבוירן געוואָרן ?
מיר וועלן אים לאָזן אַליין ענטפערן.

„באַרימען זיך איז ניטאָ וואָס — אַ מאָהליוועַר", אַזוי האָט געענט־פערט אַ סאָלדאַט, אַ מאָהליוועַר פויער, ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אים געפרעגט פון וואַנען ער איז. אויך איך מוז אייך זאָגן: באַרימען זיך איז ניטאָ מיט וואָס — איך בין אַ מאָהליוועַר" (מרדכי בן הלל הכהן, אין מאַמע־לשון, ז. 7, ווילנא, 1935, געווען געדרוקט אין „צוקונפט" 1927).

ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטאָט, וועלכע איז ניט געווען קיין קליין שטעטעלע, אָבער אויך ניט קיין כרך. אָבער פאָרט אַ גובערניע־שטאָט, ניט אַבי־וואָס, ניט קיין העק. מאָהליוו איז אויך ניט געווען פון אַ גרויסן פאַרנעם אויף דער יידיש־אידעאָלאָגישער קאַרטע, ניט ווילנע, ניט מינסק, ניט פינסק אַפילו. ער דערציילט אונדז, ניט אָן הומאָר, אַז מאָהליוו פלעגט מען באַצייכענען אַלס „נאָענט צו שקלאָוו", וועלכע איז געווען אין שטח קלענער, אָבער אין קולטור־היקף אַ סך גרעסער פון מאָהליוו. מיט איין וואָרט, זיין געבורטסשטאָט איז ניט געווען קיין „עיר מלאה חכמים וסופרים" מאָהליוו איז געווען אַ מיטלמאָסיקייט, ניט גרויס אין איר קליינקייט און ניט קליין אין גרויסקייט, נאָר אַ בינוני.

ווען איז מרדכי בן הלל הכהן געבוירן געוואָרן ?

י״ג שבט תרט״ז. ווייטער זיך ניטאָ מיט וואָס צו באַרימען: ווייל גאונים, גרויסע טאַלאַנטן ווי וויכטיקע רעוואָלוציעס, לויט דער מיינונג פון לאָמבראָזאָ, ווערן ס׳רוב געבוירן אין די פרילינג מאָנאַטן. אָבער

ווי ווייט איז שבת, מיטל־שבת, פון פרילינג? זיין געבורטס־פּלאַץ איז געווען „נאָענט צו שקלאָוו", און זיין געבורטס־דאַטע נאָענט, גאַנץ נאָענט צו פרילינג...

ווי לאַנג געלעבט?

דאָ איז שוין, אפשר, יע דאָ מיט וואָס זיך צו באַרימען, ער איז געווען איבער שמונים ווען ער איז נפטר געוואָרן. דאָס איז שוין אַ היפּש עלטער. נאָך מער וואָס צו אים פּאַסט זיך די באַשרייבונג וועלכע דער חומש האָט געגעבן משה רבנו, „און זיין אויג איז ניט טונקל געוואָרן און זיין זאַפט איז ניט אויסגערונען" איןביידע פשטים, סיי פיזיאָלאָגיש און סיי פּסיכאָלאָגיש, הן קערפּערלעך און הן גייסטיק האָט ער ניט געטונקלט און ניט איינגעדאַרט. איבער זעכציק יאָר איז ער געווען אַ שריפטשטעלער און אַן עסקן, אַ יידישער כלל־טוער. און דאָס כמעט אָן אַן איבעררייס פון אַ לענגערער צייט. דאָס איז עפּעס אויסטערלישעס. דער לאַנגער המשך אימפּאָנירט.

דר. יוסף קלויזנער אין זיין אַרטיקל וועגן מרדכי בן הלל הכהן, געווידמעט צום לעצטן פּולן ליטעראַרישן יובל, באַמערקט אַז גרעסערע און מער טאַלאַנטירטע שרייבער זיינען אַראָפּ פון דער ליטעראַטור־בינע, בשעת דער יובילאַר שטייט פעסט, האָט לייענער, רופט זיך אָפּ אויף טאָג־פראַגן, מאַרשירט פוס־אין־פוס מיט די נייע צייטן.

איבסען אין זיין באַוואוסטער דראַמע „סאָלנעס דער בוימייסטער" שילדערט ווי דער באַרימטער אַרכיטעקט שרעקט זיך פאַר דער יוגנט. ער האָט אַלץ מורא, טאָמער קומט אָן „די יוגנט" און קלאַפּט אין זיין טיר. ער מיינט עס סימבאָליש, מען זאָל אים ניט אָנזאָגן די ביטערע בשורה, אַז יעדער דור האָט זיינע בויער... מאַקס נאָרדוי, שרייבנדיק וועגן דער דראַמע, ווייזט אָן גאַנץ שאַרפזיניק אַז סאָלנעס איז קיין גאון ניט געווען, מחמת דער אמתער זשעני לעבט דווקא ניט פאַר זיין צייט, נאָר פאַר דער צוקונפט. און ער וואַרט טאָקע אַז די יונגוואַרג זאָלן קומען און אים אָנזאָגן די גוטע בשורה אַז זיין צייט פון אנערקענונג איז געקומען.

דער אמת איז, אַז ניט נאָר גאונים שרעקן זיך ניט פאַר דעם צייטנבייט, נאָר אויך ניט קיין גאונים האָבן קיין פחד ניט, אויב זיי זיינען ניט צופיל איינגעשפּאַרט און איינגעגלויבט אין זיך און ווילן ניט דווקא כסדר פירן די וועלט און די געזעלשאַפט, נאָר לאָזן איר גיין איר גאַנג.

מרדכי בן הלל הכהן איז געגאַנגען מיט זיין דור און מיט זיין

קלאַס מענטשן. ער איז ניט פאַרויסגעלאָפן, און האָט זיך אויך ניט נאָכגעשלעפּט. ער האָט זיין דור ניט געפירט. דערפאַר האָט ער געקענט שרייבן פאַר זיין אייגענעם דור און אַפילו פאַר דעם דור פון זיינע קינדער. ער האָט ניט געמושטירט, און ניט געוואָרטשעט ווי אַ „זקן״, וועמען קיין זאַך וואָס די „היינטיקע״ טוען געפעלט ניט. מרדכי בן הלל אַלס אַ פּראַקטישער מענטש, און דאָס איז ער געווען זיין גאַנצן לעבן, האָט באַזעסן אַן אומגעווינלעכע אַדאַפּטיביליטעט. ער האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין ראַם פון די געשעענישן, און האָט זיך צוגעפּאַסט צו די אידעאָלאָגישע רעאַקציעס אויף די געשעענישן, אין אַ משך פון איבער זעכציק יאָר. האָט ער קיין מורא ניט געהאַט פאַר דעם יונגן דור...

ער איז געבוירן געוואָרן פון רייכע עלטערן. אָבער ניט צו רייכע, ניט קיין נגידים־אדירים. זיי זיינען געווען חסידים, חבדניקעס, אָבער ניט קיין חסידים־שוטים, נאָר לייטישע מענטשן, סוחרים וועלכע האָבן געקענט לערנען, אָבער ניט צופיל. אַלץ איז געווען באַלאַנסירט, מיט אַ מאָס און וואָג. ניט צופיל חסידות, ניט צופיל לומדות, ניט צופיל רייכטום. עס איז כסדר אַ פאַל פון אַ „מיטן וואָס פאַרט אין גאָלדענעם שליטן״ סיי בנוגע פאַמיליע סיי וואָס איז שייך געאָגראַפישער סביבה.

ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע, ווי יעדערער האָט דעמאָלט געטאָן, מיט אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „הלבנון״. להבדיל ווי אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, וואו ס׳רוב שרייבער פאַרמאָגן אַ רעפּאָרטער־סטאַזש, אַזוי איז אויך געווען אין דער אַמאָליקער העברייאישער ליטעראַטור. שריפטשטעלערריי האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט קאָרעספּאָנדענצן „פון די ערטער״. יענע קאָרעספּאָנדענצן זיינען געווען אַ מין פּראָטאָטיפּ פון דעם סאָוויעטישן „ראַבקאָר״, וועלכער האַלט אַן אָפן אויג אויף די אָרטיקע פירער און טוער, און פאַר וועמען די גאַנצע אומגעגנט ציטערט און פלאַטערט. מ׳האָט מורא פאַר אים ער זאָל חס־וחלילה ניט פאַרמסרן, אָדער גאָר צונאָגלען צום שאַנדקלאָץ.

איר שפּילט זיך מיט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון אַ שטעטל אָדער שטאָט אין יענע יאָרן!

די ערשטע קאָרעספּאָנדענץ, זיין ערשטן בריוו, אין תרל״ח — שוין אַ קיימא־לן פון איבער זעכציק יאָר צוריק — האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דעם דעמאָלט קעמפערישן „השחר״, וועלכן פרץ סמאָלענסקין האָט רעדאַקטירט. דערנאָך האָט ער פון זיך געלאָזט הערן מיט אַ צווייטן און

דריטן בריוו. דאָס איז שוין געווען אַן אמתע אַטאַקע אויף מאָהליווער קהלה און די פירער־פּאַרפירער.

די יידישע השכלה האָט געקעמפט ניט נאָר אויף דער ריינעם אידעאָ־לאָגישן פראָנט. זי האָט זיך געפליסט צו שאַפן אַ מין שיכטן־צוזאַמענ־שטויס. זי האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער אומגעשטאַלטיקונג, און, אפשר, אביסל דעמאָקראַטיזירונג, פון דער יידישער קהלה. אין דעם פּרט ווי אין אַלע איבעריקע, האָבן די משכילים נאָכגעטאָן די אויפ־קלערער פון די אומות־העולם, הגם דאָ, אויף דער יידישער גאַס איז אַלץ געווען מיניאַטוריזירט. קיין געזונטע שטאַנדן זיינען דאָ ניט געווען בנמצא. קיין טיטולירטע לאַנד־באַזיצנדיקע אַריסטאָקראַטיע איז ניט געווען אַפילו אויף אַ רפואה. דאָס אייגענע וואָס איז שייך דעם קלעריקאַלן שטאַנד. די קאַטוילישע קירכע מיט אירע מאָנאַסטירן האָט פאַרמאָגט אַ דריט־חלק פון דעם גאַנצן אַקערלאַנד פון אייראָפּע. די סינאַגאָגע און דער בית־מדרש האָבן גאָרניט פאַרמאָגט. די גייסטלעכע זיינען געווען גייסט־פּריצים און האָבן עקספּלואַטירט די פויערים ניט ווייניקער פון די וועלטלעכע פּריצים, די הולטאַיעס. די יידישע רבנים זיינען געווען קבצנים, געלעבט, ס׳רוב, אין דחקות, און געגעסן „גמרא״. אָבער פונדעסט־וועגן איז נאָך אַלץ געווען אַ שטיקל פלאַץ פאַר אַ פּסעוודאָ־שיכטן אַנטאַגאָניזם. און די משכילים האָבן פּרובירט אוטיליזירן עס אין זייער קאַמף קעגן אידעאָלאָגישן קאָנסערוואַטיזם.

די בעלי־בתים חשובים פון מאָהילעוו האָבן מרדכי בן הללס קאָרעס־פּאָנדענצן ניט געשמעקט. אמת, ער האָט זיי אונטערגעשריבן מיט אַ פּען־נאָמען. אָבער ער האָט אַליין מגלה־סוד געווען. אַניט וואָס לוינט דער גאַנצער שרייבן! און מ׳האָט אים געוואָלט אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. נאָר זכות אָבות און דאָס אַריינמישן זיך פון די שטאַטישע משכילים האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט. די רעגירונג אין יענע צייטן האָט זיך גערעכנט, און זיך אַפילו געהנדלט מיט די משכילים.

מיט צוויי יאָר שפּעטער פאַרלאָזט ער מאָהילעוו און פאָרט אַריבער קיין פּעטערבורג, וואו זיין פאָטער האָט זיך געפונען צוליב זיינע געשעפטן. דאָ באַקענט ער זיך מיטן גרויסן העברייאישן דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן און ד״ר האַרקאַווי, דעם יידישן געלערנטן. פון פּעטערבורג שיקט ער אויך צו קאָרעספּאָנדענצן צום „הצפירה״, אין וואַרשע, וועלכע איז דעמאָלט רעדאַקטירט געוואָרן פון סלאָנימסקין. ער באַטייליקט זיך אויך אין „המליץ״, וועלכן צעדערבוים רעדאַקטירט, דער זיידע פון צעדערבוים־מאַרטאָוו, דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן טעאָרעטיק, וועלכער איז געוואָרן

באַרימט מיט יאָרן־יאָרן שפּעטער. די „המליץ״ אַרטיקלען זיינען אַרויס אין אַ באַזונדער העפט אונטערן נאָמען „בארות נשברים״ (פּעטערבורג, תרל״ט).

ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין רוסיש־יידישן זשורנאַל „ראַזסוויעט״ און „רוסקי יעווריי״. אין 1880 איז אַרויס זיין בראָשור אויף רוסיש אונטערן נאָמען „יידישע ערדאַרבייטער״. מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין די זאַמלביכער „פּערעזשיטאָיע״ (דאָס דורכגעלעבטע), וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין אַרבייט „צו דער געשיכטע פון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דער רוסיש־יידישער געזעלשאַפט, לויט פּערזענלעכע מעמואַרן״ אין רוסיש, 1911.

נאָך די פּאָגראָמען אין יאָר תרמ״א ווערט ער סעקרעטאַר פון „ראַזסוויעט״.

בכלל האָבן די פּאָגראָמען געמאַכט אויף אים, ווי אויך אויף די איבעריקע משכילים פון זיין צייט, איבערהויפּט אויף זייער רבין און גייסט־פירער, פרץ סמאָלענסקין, אַן אומגעהויער טיפן איינדרוק. אונטער דער ווירקונג פון אָט דער סאָציאַלער ערד־ציטערניש האָט סמאָלענסקין, און מיט אים זיינע נאָכפאָלגער, געביטן דעם פראָנט און אָנשטאָט אַסימילאַציע האָט ער גענומען פריידיקן אַרטיקולירט־אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַליזם.

יידן זיינען געגליכן צו איילבערטן. מ׳קען פון איילבערטן קיין אויל ניט אַרויסבאַקומען סיידן מ׳פּרעסט זיי. יידן זיינען אויך אַזוי. יסורים לערנען זיי (מדרש רבה, שיר־השירים, פרשה א׳, פסוק לריח שמניך טובים).

די פּאָגראָמען האָבן אויפגעריסן די אויגן פון די משכילים און זיי באַוויזן באַשיינפּערלעך אַז אַלע פאַרזוכן פון עמאַנסיפּאַציע און אַסימילאַציע וועלן צו גאָרניט ברענגען. דער ייד קען זיך ניט אַסימילירן. ווען ער נעמט יאָ אויף די קולטור פון זיין ניט־יידישער אומגעבונג, טוט ער עס נאָר בנוגע די אַלמענטשלעכע, פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון יענער קולטור, אָבער בשום־אופן ניט בנוגע איר ספּעציפיש נאַציאָנאַלע באַשטאַנדטיילן. די טאַטזאַך פון דער ראַדיקאַלער איינזייטיקייט פון צוגעשטאַנענעם יידן מוז, פריער אָדער שפּעטער, אַרויסרופן אַ רעאַקציע מצד דער נאַציאָנאַליטעט צו וועלכער דער ייד שטייט צו. דער ייד גייט ניט זוכן קיין טראַדיציע אין דער פרעמדער סביבה, טראַדיציע פאַרמאָגט ער געוווּג־איבערגענוג אייגענע, ביי זיך אין דער היים. וואָס ער זוכט און געפינט און נעמט אויף מיט גרויס באַגייסטערונג איז די רעלאַטיוו־

נאַוואַטאָרישע עלעמענטן פון יענער קולטור. און אַזאַ באַציאונג קען ניט האַרמאָנירן אויף לאַנג, קען ניט צוזאַמענפאַלן אין אַלע פונקטן מיט דער שטימונג, וועלכע הערשט אין דער פרעמדער אומגעבונג, וועלכע אין בעסטן פאַל שטעלט פאָר מיט זיך אַן אייגנאַרטיק אַמאַלגאַם פון דאָס אַלטע און נייע, פון קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע חלקים. און ס׳מוז זיך שאַפן אַן אַנטאַגאָניזם, וועלכער נעמט אַן פאַרשיידענע פאָרמען וועלכע ווערן באַדינגט פון לאַנד, קולטור־ניוואָ, היסטאָרישע אומשטענדן א. א. וו. אַמאָל נעמט דער אַנטאַגאָניזם אַן אַ ווילד מערדעריש־קאַניבאַ־ליסטישע ווענדונג, אַמאָל דריקט זיך עס אויס אין מער איינגעהאַלטענע האַנדלונגען, אָבער דער קאָנפליקט מוז אויסברעכן.

פאַר דער לעקציע און פאַר דער באַפרייאונג פון פאַלשע אילוזיעס האָבן די יידן, אין משך פון זייער גלות, געצאָלט אַ סך רבי־געלט.

אין „כנסת ישראל" (תרמ"ז) האָט מרדכי בן הלל הכהן פאַר־עפענטלעכט זיין זייער אינטערעסאַנטע אַרבייט וועגן פּרץ סמאָלענסקין, וועלכן ער האָט, פשוט, פאַרגעטערט. שרייבנדיק וועגן סמאָלענסקין ווייזט ער אָן אויף דעם באַנקראָט פון דער אַסימילאַטאָרישער השכלה און אויפן איבערגאַנג צום נאַציאָנאַליזם.

ער באַזעצט זיך אין האָמעל. ער גרינדעט דאָרטן אַן אגודה פון חובבי ציון. אַ יאָר שפּעטער (תרמ"ט) פאָרט ער שוין אַלס דעלעגאַט צום צוזאַמענפאָר פון די חובבי־ציון אין ווילנע, צענויפגערופן פון רש"י פין און רבי שמואל מאָהליווער.

אין יאָר תר"ן באַזוכט ער ארץ ישראל. זיינע איינדרוקן גיט ער איבער אין קאָרעספאָנדענצן וועלכע דרוקן זיך אין „המליץ", און גייען נאָכדעם אַרויס אין אַ העפט אונטערן נאָמען „על אדמת ישראל", איבערגעדרוקט אין זיין ווערק „מערב עד ערב". אַ יאָר שפּעטער באַזוכט ער אַ צווייטן מאָל ארץ ישראל. אין יאָר תרס"ב פאַרעפענטלעכט ער זיינע איינדרוקן אין אַ העפט אונטערן נאָמען „נחלה מבוהלה", אינקאָרפּאָרירט אין זעלביקן ווערק „מערב ועד ערב".

ווען אחד־העם נעמט אַרויסגעבן דעם „השלח" ווערט מרדכי בן הלל הכהן אַ מיטאַרבעטער. און אין דעם ערשטן נומער געפינט זיך זיינער אַן אַרטיקל. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון אחיאסף געזעלשאַפט און האָט געשטיצט דעם פאַרלאַג.

ער איז געווען זייער פאַראינטערעסירט אין דער גרינדונג פון קעגנזייטיקע קרעדיט געזעלשאַפטן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם פאַרוואַלטונגסראַט פון „קעגנזייטיקן קרעדיט באַנק" אין האָמעל און

אויך דער פּרעזידענט פון דער סוחרים און אינדוסטריאַליסטן אַסאָציאַציע. מיטן אָנקום פון פּאָליטישן פרילינג אין רוסלאַנד ווערט ער אויסגעקליבן פאַר אַ דעפּוטאַט פון דער ערשטער דומע.

אין 1906 פאָרט ער אַריבער מיט זיין פאַמיליע קיין ארץ ישראל און באַזעצט זיך אין יפו. אין ארץ ישראל זעצט ער פאָרט זיין געזעל־שאַפטלעכע, אַזוי אויך זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. ער האָט געגרינדעט הלואה וחסכון, אַ קרעדיט קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט. נאָך פון דער צייט פון מינסקער קאָנגרעס אָן האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו גרינדן אַ שרייבער פאַראיין.

ער איז געווען כל־ימיו אַ פּראַקטישער טוער און זיין פּובליציסטיק איז אויך ס׳רוב אַ מין הלכה למעשה. זיינע מעמואַרן אָבער פאַרמאָגן קאָליר, ערטערווייז אַפילו קינסטלערישע נשמהדיקייט. זיין טאָגבוך, פינף ביכער אונטערן נאָמען „מלחמת העמים״, פאַרנאָטירונגען פון דער מלחמה־צייט אין פּאַלעסטינע, זיינען אַביסל צו טרוקן און צו פּראָג־מענטאַר, אָן פּרעטענזיעס. בכלל האָט ער זיך אין טעאָריעס ניט פאַרטיפט. אַבסטראַקטע ספּעקולאַציע האָט פאַר אים קיין אַטראַקציע ניט געהאַט. ער האָט זיך אויך ניט געשפּילט און געצאַצקעט מיט געפילן. ער איז רעאַליסטיש אין זיין דענקען און שילדערונג. ער איז געווען אַ פּאָליטישער ציוניסט. אָבער ער איז אויך געווען אַן אַחד־העמיסט. ער און אחד־העם זיינען געווען מחותנים סיי אין פשוטן סיי אין פיגוראַטיוון פשט. ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן שלום צווישן דעם אידעאָלאָג פון גייסטיקן צענטער און דעם עקספּאָנענט פון פּאָליטישן ציוניזם, מאַקס נאָרדוי (עבר ישראל, מערב עד ערב, ז. 245).

מיט טיפן ווייטאָק שילדערט ער די אַנטוישונגען וועלכע זיי האָבן איבערגעלעבט אין ארץ ישראל, די הויכע האָפענונגען פון די באַלפור־דעקלאַראַציע־טעג און דערנאָך — דער פּאָגראָם.

„מיר האָבן זיך דערוואוסט וואָס עס טוט זיך אין לאָנדאָן, דער אויסערן־מיניסטער האָט געשריבן צום לאָרד ראָטשילד (דעם צווייטן נאָוועמבער, 1917), אַז די בריטישע רעגירונג האָט באַשלאָסן צו פאַר־ווירקלעכן די ציוניסטישע שטרעבונג און מאַכן ארץ־ישראל פאַר אַ פאַרזיכערטן אנטרינונגס־פּלאַץ פאַרן פאָלק ישראל... און דאָס יידישע פאָלק אין אַלע לענדער פון זיין צעשפּרייטונג פילט זיך יום־טובדיק געהויבן, דערוויסנדיק זיך פון דער גרויסער בשורה, עס פייערט, עס שאַלט, דערהערנדיק דעם שופר־בלאָזן פון אונדזער באפרייאונג״ (אתחלתא, מבוא, ספר ראשון, ירושלים, תרצ״א).

און דערנאָך —

„עס איז געקומען דער פּאָגראָם מיט אַלע פּיטש־פּיטשעווקעס... מיר האָבן גאָר קיינמאָל זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז די בריטישע באַאַמטע דאָ וועלן זיך לערנען שטאַטס־וויסנשאַפט פון... די רוסישע ראָמאַנאָווס... אָבער מיר האָבן געמאַכט אַ טעות... און די געשעע־נישן אין ירושלים און די פּאַסירונגען פאַר די דרייסיק חדשים זינט אונדזער באַפרייאונג האָבן אונדז באַוויזן אונדזער טעות"... (דאָרט ז. 205—6).

ער פאַרענדיקט אָבער מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן פון יידישן בטחון —

„דאָס וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין וועלן מיר געדענקען, די באַליידיקונגען וועלן מיר ניט פאַרגעסן. אין פון דעסטוועגן — געדולד!" — אַזוי רעדט ער צו זיך און צו אונדז.

„ווען מ׳גיט אונדז אַ תורה, שרייען מיר „נעשה ונשמע!" און מיר זיינען אַ פאָלק וואָס איילט זיך. אָבער ווען מיר גייען איינגעמען אַ לאַנד דעמאָלט: פּאַמעלעך, געלאַסן, געדולד, דאָס איז אונדזער כוח" (דאָרטן, ז. 218).

העברייאיש האָט ער האָלט געהאַט, אָבער יידיש האָט ער ניט פיינט געהאַט. ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם „יוד", „פריינד", „נייע לעבן", „צוקונפט". און ער האָט, אגב, געשריבן יידיש אַ סך קאָלירדייכער איידער העברייאיש. אין דעם זאַמלבוך (אַ קאָלעקציע פון זיינע אַרבעטן, געדרוקט אין פאַרשיידענע יידישע פעריאָדישע אויסגאַבן) „אין מאַמע־לשון" גע־דרוקט אין ווילנע, אָבער רעדאַקטירט און צוזאַמענגענומען וואוינענדיק אין ארץ ישראל, געפינט ער פאַר נייטיק עפּעס ווי צו באַרוהיקן זיין געוויסן און, אפשר, דעם געוויסן פון זיינע קאָלעגן. און ער שרייבט אין דער הקדמה־דעדיקאַציע בזה הלשון:

„איך דרוק דאָס ביכל יידישע שריפטן נאָר צוליב אַ זכרון — דיר, מיין טייערע מאַמע. דאָס איז דאָך אויף דיין לשון"... (אין מאַמע־לשון, ירושלים, תרצ"ה).

עס איז אַבסאָלוט ניט ריכטיק. יידיש פאַרמאָגט „מאַמעשקייט" און דאָס ווערט אויסגעדריקט אין די פאַרצערטלטע צייטווערטער (שלאָפּינקען, עסינקען, טרינקינקען). דאָס האָבן בלויז ליבנדיקע מוטערס געקענט שאַפן ווען זיי האָבן געפּיעשטשעט זייערע קינדער. אָבער יידיש בכלל אין געוואָען דער לשון פון אונזערע טאַטעס ניט ווייניקער ווי פון די מאַמעס. אויף וועלכן לשון האָבן מיר איבערגעזעצט דעם תלמוד ווען

מיר האָבן עס שטודירט? אויף יידיש? אויף יורה־דעה, חושן משפּט. אין יידיש האָבן די רבנים דין־תורות געפּסקנט, לומדים האָבן זייערע הדרנס אויף ש״ס געהאַלטן, מגידים זייערע דרשות געדרשנט, רביים זייערע חסידישע תורה געזאָגט.

איך פּלעג זיך אין הערצער צעשטראַלן
ביים אַלשיך פון זאָגער אין שול;
ביים מגיד אין וואָרט פּלעג איך שאַלן
מיט גבורה מיט זאַפּטיקער פול (א. ליעסין, יידיש).

יידיש איז געווען די שפּראַך פון די ישיבות אַפילו אין די העכסטע קלאַסן פון די מוסמכים, פון די פּרושים.

וועגן יידיש און העברייאיש האָט מרדכי בן הלל הכהן אַ גאַנצן אַרטיקל אין זיין ווערק „מערב עד ערב״ צווייטן טייל. דער אַרטיקל הייסט די גלות־שפּראַך (ז. 64—254). יידיש רופט ער אָן זשאַרגאָן. און ער זאָגט אַז אונדזערע קינדער וועלן עס ניט שטודירן.

איך ווייס אַז אַ סך יידישיסטן האָסן דעם וואָרט „זשאַרגאָן״. איך — אַ האָר ניט. און וואָס איז אַז עס איז אַ זשאַרגאָן?! דער תלמוד ירושלמי און דער תלמוד בבלי מיט די מדרשים זיינען אַלע אָנגעשריבן געוואָרן אויף אַ „זשאַרגאָן״. האָט עס זיי געשאַדט? האָבן זיי די יידן ניט אויפגענומען דערפאַר וואָס זיי זיינען געקומען אָנגעטאָן אין גלות־מלבושים און ניט אויסגעפּוצט אין ריינעם תנ״ך אָדער אפילו משנה העברייאיש? האָט מען דען זיי ניט שטודירט? האָט מען דען אויף זיי ניט פאַרפאַסט הונדערטער פּירושים? האָבן זיי דען דאָס יידישע לעבן ניט געשטאַלטיקט, געפורעמט לויט זייער מוסטער? דעם תלמודס לשון האָבן מיר ספּעציעל קיינמאָל ניט שטודירט, אָבער דעם אינהאַלט האָבן מיר יאָ שטודירט און מיט וואָס פאַר אַ התמדה. און ממילא האָבן מיר אויך געמוזט זיך אויסלערנען זיין געמישט לשון.

די פּראָבלעם פון יידיש און העברייאיש איז ניט קיין ריין פילאָ־לאָגישע פראַגע. אַלץ ווענדט זיך אָן דעם, ווער וועלן זיין די יעניקע, וועלכע וועלן פאַרפאַסן די ווערק, וואָס וועלן אויסאיבן אַן איינפלוס אויף דעם לעבן פון דעם יידישן געזעמל (כנסת־ישראל) אין משך פון די הונדערטער און טויזנטער יאָרן פון זיין ווייטערדיקער, אפשר אייביקער, עקזיסטענץ.

אָבער פאַראיבל האָבן אויף מרדכי בן הלל הכהן פאַר זיין צו

נעגאַטיווער באַציאונג צו יידיש — וואָלט הייסן באַגיין אַן עוולה קעגן אים. מ׳טאָר ניט פאַרגעסן אז ער האָט אָנגעהויבן אין „הלבנון" און אין „השחר". ער איז געגאַנגען געגוג ווייט אין זיין עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג. ער האָט דורכגעמאַכט אַ היפש ביסל עטאַפּן מיט דער יידישער אינטעליגענץ און מיטלשטאַנד. מ׳טאָר ניט צופיל פאָדערן. אַ מענטש קען ניט גיין ווייטער ווי ער האָט כוח צו גיין!

זאָל זיין אָנדענק בלייבן גרין־געבענטשט!

„צוקונפט", מערץ, 1937

דר. י. א. מעריסאָן — דער אַנאַרכיסטישער איקאָנאָקלאַסט

(צו זיין 70־יאָריקן יובל)

וועגן אַנאַרכיזם וועררטלען זיך די „שונאים" אַז, אייגנטלעך, באַשטייט די גאַנצע אַנאַרכיסטישע פּראָגראַם פון צוויי פּונקטן. דער ערשטער פּונקט פון דער פּראָגראַם זאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין שום פּראָגראַם. דער צווייטער פּונקט פון דער פּראָגראַם באַהויפּט אַז דער ערשטער פּונקט פון דער פּראָגראַם איז אויך ניט פאַרבינדלעך. הלואי וואָלט עס קיין שפּאַס ניט געווען. דער אמת איז אָבער אַז פּראָגראַמלאָזיקייט אַליין קען אויך ווערן גאַנץ שטאַרק פּראָגראַמאַטיש. דער קאַמף קעגן טראַדיציע און אויטאָריטעט גאַראַנטירט מכל־וכל ניט די קעמפער קעגן דעם אַז זיי אַליין זאָלן ניט ווערן קיין אומבאַשטרייטבאַרע אויטאָריטעטן און אַ הייליקע טראַדיציע, אַ דבר שבקדושה. דער שטרייט קעגן דאָגמע און אָרטאָדאָקסיע גייט גאַנץ אָפט אַריבער אין זיין ווידערשפּרוך; ער אַליין ווערט פאַרגליווערט אין אַ דאָגמע. און סע שאַפט זיך, בזה האופן, אַ נייע פּראָטעסטאַנטישע מיליטאַנטישע אָרטאָדאָקסיע. געצנברעכעריי קען אויך ווערן אַ געצנדינעריי וואָס וואָלט פאָדערן אַן אברהמען וואָס זאָל דאַרפן צעברעכן ניט די געצן פון תרחן, נאָר די געצנברעכעריי פון זיין זון... דאָס איז די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע פון אידייען און סיסטעמען, פון רעליגיעס און פריידענקערייען — און מ'קען זיך ניט העלפן... און דאָס האָט אויך פּאַסירט מיטן אַנאַרכיזם. די רעוואָלוציאָנערע לערע, וואָס קריגט אויף אַלץ און אַלעמען און וואָלט ווי וועלן פאַראייביקן דעם שעפערישן תהו־ובהו בכדי פון אים זאָלן וועלטן, נייע בעסערע, אַלע מאָל אַרויסשטייגן — איז אַליין פאַרדאָגמאַטיזירט, קאַנאָניזירט געוואָרן

ביז צו אַ געוויסן גראַד. און אַז „זאַלץ" הערט אויף צו זיין געזאַלצן, טויג עס גלאַט אויף גאָרניט. ווייל קיין שפייז קען דאָך עס סיי־ווי־סיי ניט זיין. און אויב אַלס געווירץ ווערט עס אָן זיין באַדייט, דעמאָלט פאַרלירט ער זיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. און דאָס איז שיקזאַל. דער זאַלץ הערט מיט דער צייט אויף צו זיין געזאַלצן און עס איז כמעט ווי אוממעגלעך צו קעמפן דערפאַלגרייך קעגן דעם.

לא תעשה לך פסל... קען אויך ווערן אַ פסל, הגם אַ גייסטיקער, פסיכאָלאָגישער, ניט קיין סקולפּטורישער...

בכדי צו פאַרשטיין דר. מעריסאָנס אַפּיקורסות אין אַנאַרכיזם דאַרף מען וואַרפן אַ בליק אויף דער היסטאָרישער אידייען־אַנטוויקלונג פון דער סומע דיסציפּלינען וועלכע ווערן, מער אָדער ווייניקער עקזאַקט, באַצייכנט מיטן טערמין אַנאַרכיזם.

עס גילט אַ ווערטל אַז עס אידלט זיך ווי עס קריסטלט זיך. עס איבערפאַראַזירנדיק, וואָלט איך זאָגן:

ווי עס סאָציאַליסטעט זיך אַזוי אַנאַרכיסטעט זיך עס, אומגעפער. אין אַנדערע ווערטער דער אַנאַרכיזם אַלס טעאָריע און פּראַקטיק האָט דורכגעמאַכט, מיט ענדערונגען, כמעט דאָס אייגענע וואָס דער סאָציאַליזם בנוגע די שייכותן פון די שטרעמונגען וועלכע זיינען געפּאַרבט אָקסידענטאַל און אָריענטאַל. פּשוטער: אַ פאַרזוך ווערט געמאַכט, אין דער פאָרמולירונג פון לעניניזם, אַראָפּצופירן דעם סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישן לאָקאָמאָטיוו פון די מערב־אייראָפּייאישע רעלסן און אים אַוועקשטעלן אויף די צפון־מזרחשע און אים פאַרקירעווען אַזוי אַז ער זאָל גיין פון רוסלאַנד, אַנשטאָט ווי ביז אַהער, צו רוסלאַנד. דאָס הייסט אַז די רוסישע, האַלב־אַזיאַטישע, סיי לגנאַי און סיי לשבח אויסגעטייטשט, אויפפאַסונג און אַנווענד פון סאָציאַליזם זאָל ווערן טאָנאָנגעבנדיק אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, אין טעאָריע און פּראַקטיק. דער עקספּערימענט האָט זיך אַנגעשטויסן אָן אַן אייזערנער וואַנט פון אייראָפּייאישע טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם־מאַרקסיזם. און אַ מוטיקע, בראַווע קאָנטר־אַטאַקע ווערט געפירט פון אַלע די וואָס ווילן בשום אופן ניט אַנדערקענען די „רוסישע" העגעמאָניע. זיי זיינען אַנטריסטעט קעגן דעם געדאַנק פון פאַרוואַנדלען זיי פון רביים אין תלמידים; ביז אַהער זיינען זיי געווען די עקספּאָרטירערס, און איצטער דאַרפן זיי גאָר ווערן אימפּאָרטירערס פון רוסישער אידעאָלאָגישער סחורה, נעמען אַ ביישפּיל פון די, וועמען זיי האָבן אַלע מאָל געהאַלטן אין לערנען און אויפקלערן.

מיטן אַנאַרכיזם האָט פּאַסירט דאָס אייגענע, אַ „באַלשעוויזירונג״ איז פאָרגעקומען. נאָר דער ווידערשטאַנד איז געווען אַ סך אַ שוואַכערער, און דער ספּעציפיש־רוסישער אויסטייטש פון אַנאַרכיזם האָט כמעט ווי געזיגט איבער דער גאַנצער לענג פון דער אידעאַליסטישער און טאַקטי־שער פראָנט־ליניע, יעדנפאַלס אַזוי האָט עס אויסגעזען פאַר אַ לענגערע צייט.

אַנאַרכיזם פאַרמאָגט אַלטערטימלעכע פאַראויסלויפונגען. עס איז פאַראַן אַ סאָציאַל־מיטאָלאָגישער אויסטראַכט וועגן אַ גאָלדענעם צייט־אַלטער, ווען קיינע געזעצן, קיינע באַגרענעצונגען זיינען ניט געווען בנמצא; אַ מין אַנאַרכיע, וואָס ווערט באַזונגען פון העלעניש־רוימישע דיכטער, האָט כלומשט געהערשט דעמאָלט און אַן אומצעשטערבאַרע גליקזעליקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבערן פּנים פון דער וועלט און דער געזעל־שאַפט. צו די אַנאַרכיסטישע אָנרעגונגען געהערט אויך דער פרייהייט־לעכער קאָסמאָפּאָליטיזם פון די סטאָיקער, און די אָפּטע אויפברויזונגען פון די סעקטאַנטן, און אייניקע פון זייערע אַרויסרעטונגען קעגן דער עטאַבלירטער קאַטוילישער קירכע אין מיטלאַלטער.

אָבער אַנאַרכיזם אַלס אַ „וויסנשאַפטלעכע״ געזעלשאַפט־אויפפאַסונג איז פאָרמולירט געוואָרן אין קרוב־צום־מיטן פון 19טן יאָרהונדערט. און דאָס איז געטאָן געוואָרן פון מערב־אייראָפּייאישע דענקער, און, נאַטירלעכערווייז, האָט ער געטראָגן אויף זיך אַ בולטע חתימה פון ציוויי־ליזירטער געטאַמעוועטקייט. ער איז לכתחלה געווען אָפּגעגאָסן אין אַ „צירלעך מאַנירלעך״ פורעם.

דער ערשטער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָג, ביי וועמען, אמת, די סאָציאַל־פּאָליטישע אַנשויאונגען זיינען אַ רעכט בעסל צושוואומען, איז געווען וויליאַם גאָדווין, דער שוואָער פון שעלין. דערנאָך קומען פּרודאָן, דער פראַנצויז, שטירנער, דער דייטש און דזשאָסייע וואָרען, דער אַמערי־קאַנער. די דריי טרעטן אַרויס מיט זייערע לערן כמעט ווי איינצייטיק. זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אויפפאַסונגען זיינען אַ פאָרקול און ווידערקול פון 1848.

פּרודאָן איז דער יעניקער, וואָס האָט דער ערשטער געברויכט דעם טערמין אַנאַרכיע צו באַצייכענען מיט דעם ניט קיין צושטאַנד פון כאַאָס, אַן אָפּוועזנהייט פון סדר, נאָר, פאַרקערט, אַ באַשטימטע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע סיסטעם. פּרודאָן האָט אַ נאָמען געגעבן זיין לערע „מוטואַליזם״. שטירנער האָט געפּרעדיקט דעם „פאַראיין פון עגאָאיסטן״, דזשאָסייע

וואָרען האָט געפּרעדיקט די עטאַבלירונג פון „יושרדיקער קאָמערץ״. די אַלע דריי אייניקן זיך אין דעם, וואָס זיי זיינען אויסגעשפּראָכענע אינדי־ווידואַליסטן, קעגנער פון דער פאַרגעזעלשאַפטליכונג פון דער ווירטשאַפט. בקיצור, זיי זיינען געווען שטרענגע און בייזע אָפּאָנענטן פון קאָלעקטיוויזם. זיי זיינען אויך ניט געווען קיין מאַקסימאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

אָבער פּלוצלונג קומט פאָר אַן איבערברוך אין דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע און פּראַקטיק. צוויי עכט־באַגאַבטע רוסן טרעטן אַרויף אויף דער אַרענע.

די רוסישע ניהיליסטן זיינען געווען פּאַרטאָן מיט לייב און לעבן אין קאַמף קעגן דעם צאַרישן רעזשים — אַ בלוטיקע, איינגעעקשנטע אויטאָקראַטיע. אין זייער אַנטשלאָסענעם שטרייט האָבן זיי ניט געקענט זיין זייער אויסקלייבעריש בנוגע מיטלען. זיי האָבן אָנגעווענדט טעראָר, געפּריידיקט בונטאַרישקייט לשמה. דערגאַנגען צו דעם עקסטרעם פון באַהויפּטן, אַז דער גייסט פון צעשטערונג איז דער שאַפנדיקער גייסט, אַז דער הייליקער צוועק הייליקט די מיטלען אויב זיי קענען נאָר דער־נענטערן צום צוועק. צוויי פון די חשובסטע רוסישע ניהיליסטן זייענדיק געצוואונגען צו פאַרלאָזן, ריכטיקער אַנטלויפן, פון זייערע „פאָטער־לענדישע״ טורמעס און סילקע, האָבן זיך אַריינגעגאָסן מיט זייער גאַנצן אימפּעט, טעמפּעראַמענט און שטימונגען אין אַלגעמיין אייראָפּייאישן רעוואָלוציאָנערן שטראָם. זיי זיינען אָבער געווען צו אָריגינעל אַלס דענקער, צו פלאַמפייערדיק אַלס רעוואָלוציאָנערן און צופיל באַאיינפלוסט פון די ספּעציפיש רוסישע אַנגעלעגנהייטן, אַז זיי זאָלן זיך קענען אַריינפּאַסן אין דער אייראָפּייאישער ראָם פון פאַרהעלטנישמעסיקער „סטאַטעטשני־קייט״, וועלכע איז געווען אַ פּראָדוקט פון די אַנטוישונגען איבערגעלעבט אין דער שטורמישער פּעריאָדע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע פון 1789.

און די צוויי האָבן, אייגנטלעך, באַצוואונגען, „באָלשעוויזירט״ אַ געוויסן טייל פון דער ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון מערב־אייראָפּע. אויף אַזאַ אופן איז אויפגעקומען דער מזרחשער, דער רוסישער אַנאַרכיזם פון באַקונין־קראָפּאָטקין. און אָט־דער ניהיליסטישער אויפפּאַס איז געוואָרן פאַר אַ געוויסער צייט, כמעט די הערשנדיקע עקספּרעסיע פון אַנאַרכיזם בכלל. אויסער דער בונטאַרישקייט האָבן זיי נאָך אַריינגעטראָגן אַן ענדערונג אין דער פאָרמולירונג פון די עקאָנאָמיש־טעאָרעטישע פּאָדע־רונגען און דערוואַרטונגען פון אַנאַרכיזם. אנשטאָט אינדיווידואַליזם

איז אָנגענומען געוואָרן קאָלעקטיוויזם (באַקונין) צום אָנהייב, און דערנאָך קאָמוניזם (קראָפּאָטקין).

קראָפּאָטקין האָט ניט אַראָפּגעוואָרפן פּרודאָנען פון זיין טראָן. ניין. ער האָט אים גערופן דער פאָטער פון אַנאַרכיזם. אָבער געפאָלגט האָט ער אים פונקט ווי היינטיקע קינדער פאָלגן אַ טאַטן. ער האָט פאַרבראַקירט פּרודאָנס עקאָנאָמישע דאָקטרינע. ער האָט איבערגעלאָזן פון גאַנצן בנין אויפגעבויט פון פּרודאָנען מער ניט ווי דעם אויבערשטן עטאַזש, דאָס אויבנשטיבל, און אַזוי אַרום האָט ער אויפגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקע געביידע: אַ פּאָליטישן אַנאַרכיזם אַרויפגעבויט אויף אַ סאָציאַליסטישן פונדאַמענט. קראָפּאָטקיניזם באַטייט סאָציאַל־קאָמוניזם אין עקאָנאָמיק, אַנאַרכיזם אין פּאָליטיק — דורכדעם האָט זיך אויך געביטן די פּאָזיציע פאַרנומען פון די אַנאַרכיסטן בנוגע די סאָציאַליסטן. שטירנער האָט געטאַדלט קאָמוניזם אַלס אַ מין אוניווערסאַלע „שמאַטעדיקע בעטלעריי", אַ סיסטעם, אונטער וועלכער קיינער וועט גאָרניט פאַרמאָגן און אַלע וועלן זיין בעטלערס. ער האָט געטענהט, אַז דאָס איז דערווידער דער מענטש־לעכער נאַטור און דעם גאַנג פון פּראָגרעס. פּרודאָן האָט געזידלט סאָציאַ־ליזם. עס אָנגערופן אוטאָפּיזם אָדער שאַרלאַטאַניזם. ער האָט באַהויפּט, אַז סאָציאַליזם איז ניט רעאַליסטיש גענוג.

פּרודאָנען שרייבט:

„זאָלן מיינע קאָמוניסטישע פריינט מיר פאַרגעבן! איך וואָלט זיין ווייניקער שטרענג צו זייערע אידייען, ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי זיכער איבערצייגט, אין מיין שכל און אין מיין האַרץ, אַז קאָמוניזם... און אַלע סאָציאַלע, פּאָליטישע און רעליגיעזע אוטאָפּיעס, וועלכע פאַר־אַכטן פאַקטן און קריטיק, זיינען דער גרעסטע מכשול, וועלכן פּראָגרעס מוז איצטער זען בייקומען [1])".

„סאָציאַליזם קען ניט באַפרידיקן די פאָדערונגען פון פאַרשטאַנד. ער איז דעריבער אַ פאָראורטייל צו פאַרניכטן, ביי די יעניקע ווען ער אונטעריאָכט, און אַ שאַרלאַטאַניזם צו דעמאַסקירן ביי די יעניקע וועלכע פּראָפּאַגאַנדירן אים. דער שאַרלאַטאַניזם איז נאָך געפערלעכער מחמת דעם, וואָס ער איז כמעט אַלעמאָל ערנסט [2])".

קראָפּאָטקין האָט פאַרנומען אַ כנגדיקע פּאָזיציע. ער האָט געמוסרט

1) P. J. Proudhon, System of Economic Contradiction, Vol. I, p. 281, Boston, 1888.

2) Ibid, pp. 317—18.

די סאָציאַליסטן, אַז זיי זיינען צו ענג, ניט גענוג ראַדיקאַל, ניט גענוג רעוואָלוציאָנער. זיי זיינען מער ניט ווי פּאָליאַטיוויסטן. קראָפּאָטקין האָט געפּרעדיקט דעם קאָמוניזם: צו יעדן לויט זיינע באַדערפעענישן. אַ לערע, פון וועלכער פּרודאָן מאַכט חוזק אין זיין ווערק „די פילאָזאָפיע פון אָרעמקייט".

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס וואָס לעניניזם האָט ניט אַזאַ דערפאָלג צווישן סאָציאַליסטן ווי באַקונין־קראָפּאָטקיניזם צווישן אַנאַרכיסטן? מיט וואָס איז צו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס סאָציאַליזם איז מער ניט ווי געשפּאָלטן געוואָרן פון די „רוסישע" פירער בשעת אַנאַרכיזם איז כמעט ווי איינגאַנצן איינגענומען געוואָרן?

פילע סיבות האָבן דאָ גורם געווען. בפּרטות זיך אָפּשטעלן אויף דעם און ענטפערן אויף דער פראַגע וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ. מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיטן אָנווייז אויף די פּערזענלעכקייטן פון די צוויי ריזיקע „אַנאַרכאָ־באָלשעוויקעס"...

דער ערשטער, באַקונין, איז געווען אַ טיטאַן אַ רעוואָלוציאָנער, אַ פייערשפּייענדיקער ווולקאַן. ער איז געווען אומדערמידלעך ווי דער סמבטיון. אין דרייצן אויפשטאַנדן זיך באַטייליקט און געווען אין די ערשטע רייען, אויפן ערשטן פייער. ניט אומזיסט האָט אים ניקאָלאַי כאַראַקטעריזירט אַלס אַ „וואוילן בחור, וועלכן מ'דאַרף האַלטן אויף אַ קייט" (אָן סלאָוואני מאָלי, יעווואָ נאַדאָ דערזשט נאָ ציעפּי). דערצו איז ער געווען אַ שאַרפזיניקער, טיפער דענקער. ניט קיין סיסטעמאַטיקער, נאַטירלעך, ער צעשיט זיך מיט פונקען־געדאַנקען, ווי אַ ראַקעטע. ער האָט ניט געקענט זיין סיסטעמאַטיש, ווייל ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרפאַסן זיינע ווערק. אַלץ וואָס מ'פאַרמאָגט פון זיין שריפטשטעלישער ירושה איז אָדער פאַמפלעטן־דרשות אָדער עפּיסטלען, בריוו געשריבענע אין בין־השמשות פון איין אויפשטאַנד און אַ צווייטן. ער פאַנגט אָן זיינע בריוו מיט פערזענלעכע דערפאַרונגען און באַלייכטונגען פון די פּאָליטישע פּאַסירונגען און אַזוי אומבאַמערקטערהייט פאַרפאָרט ער אין פילאָזאָפיע, היסטאָריע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן. אַזאַ אַגרעסיווע און קאָלירפולע פּערזענלעכקייט ווי באַקונין האָט פאַרמאָגט, האָט געמוזט האָבן אַן אומגעהויערע השפעה אויף דער מער מיליטאַנטיש געשטימטער מינדערהייט פון דער אינטעליגענץ און אַרבעטער אין אייראָפּע אין דער שטורם און דראַנג צייט.

קראָפּאָטקין, ווייטער, אויסער זיינע אַלע מעלות, האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערע צויבערקייט, וועלכע האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער

שטאַמט פון דער ערשטער רוסישער דינאַסטיע, די רוריקס, און ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין צאַרס הויף, געווען אַ פּאַזש. צו געפינען זיין גלייכן ביאָגראַפיש דאַרף מען גיין אַזש צו בודהאַן, דער פּרינץ וואָס איז געוואָרן אַ נזיר און אַ מענדיקאַנט. דערצו איז נויטיק צוצוגעבן דעם פאַקט, וואָס ער איז געווען אַ געלערנטער, פון אַ הויכן ראַנג, אַ געאָלאָג, אַ ביאָלאָג און אַ געאָגראַף. חוץ דעם האָט ער באַהערשט אַן אומגעווײנלעך פּליסיקע פּען און געווען אַ העכסט באַגאַבטער פּאַמפלעטיסט־פּראָפּאַגאַנדיסט.

פּרודאָן האָט פאַרפאַסט אַ סך שווערע, אומצוגענגלעכע פּיל־בענדיקע ווערק. שטירנער, זייענדיק געטריי צו דער דייטשער טראַדיציע, האָט געשריבן אַזוי שווער, אַז קיינער זאָל אים ניט קענען פאַרשטיין, און זיין ווערק איז געבליבן ליגן פאַרחתמעט מיט זיבן זיגלען פון דעקאַנדענטישן אויסדרוק, בשעת קראָפּאָטקין האָט געשריבן פּאָפּולערע אַרטיקלען וואָס האָבן געוועקט און גערופן.

און די „רוסיפיקאַציע" פון אַנאַרכיזם איז קראָפּאָטקינען, פאָלגנדיק אין צייט און טאַקטיק נאָך באַקונינען, אַנגעקומען גאַנץ לייכט, רעלאַטיוו ריידנדיק. די עלטערע גענאָסן האָבן אַרויסגעצייגט אַביסל ווידערשטאַנד, אַרויסגעוויזן וויפל־ניט־איז התנגדות צו די „רעפאָרמערס". אָבער זייערע תרעומות האָבן קיין ווירקונג ניט געהאַט, און זיי, אויב זיך ניט אונטערגעגעבן, זיינען געשטאָרבן פיזיש פון עלטער אָדער, גייסטיק, פון פאַרלוסט פון השפּעה אויף דער באַוועגונג.

אָבער ווען דער זיג האָט אויסגעזען צו זיין פול און דער זיגער איז אַנערקענט געוואָרן אַלס דער גרעסטער פּוסק אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון כמעט דער גאַנצער וועלט — האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ ווידערשפּעניקן, פון אַ „רעוואָלוציאָנער" וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם גייסטיק געקרוינטן קעניג פון אַנאַרכיע. דער מאַן איז דוקא אַ באַשיידענער, אַ נחבא אל הכלים. ער איז ניט קיין חצוף, חס־ושלום, ניט קיין שרייער, ניט קיין קריגער בטבע. ער איז אַ „פאַרפראָרענער זאקס", אַ ליטוואַק־שבליטוואַק. און דוקא ער האָט אויפגעהויבן די פאָן פון רעוואָלט קעגן דער גייסטיקער דיקטאַטור פון קראָפּאָטקיניזם. און דער „בונטאָווטשיק" איז נאָך דערצו געווען, ווי אויף צו־להכעיס, אַ ייד.

עס איז מערקווירדיק. דער אַנאַרכיזם פאַרמאָגט ניט קיין איין יידישן טעאָרעטיקער פון גרויס אָנזען אָדער אַנערקענונג. דער סאָציאַליזם איז גאַנץ גרונטאָוונע קולטיווירט געוואָרן פון יידישע גרויסע מוחות. עס

איז געגוג צו דערמאָנען די נעמען מאַרקס, לאַסאַל, בערנשטיין. דער אַנאַרכיזם אַלס טעאָריע איז נאָך עד־היום ניט אַריינגעבראַכט בבריתו של אברהם אבינו... און דער ערשטער פאַרזוך צו טאָן עס איז געמאַכט געוואָרן פון דר. מעריסאָן.

ער, מיט זיין ליטווישן לאָגישן שכל, האָט תופס־געווען, אַז די פאָרמולירונג און אויסאַרבייטונג פון דער טאַקטיק אין דער אַנאַרכיס־טישער קאָנצעפּציע איז פעלערהאַפט. דער סאָציאַליסט־שטאַטיסט באַהויפּט, אַז די מלוכה דאַרף איבערנעמען די אינדוסטריע און מסחר און דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך אָרגאַניזירן אויף אַ פּאָליטישן באַזיס, שאַפן זיין פּאָליטישע פּאַרטיי און זיך באַטייליקן אין פּאַרלאַמענט בכדי דורך סאָציאַלער געזעצגעבונג צו דערנענטערן דעם טאָג פון איבערנעמען די גאַנצע ווירטשאַפט און זי פאַרוואַלטן אויף אַן אָרגאַניזירטן שטייגער אויף אַ גרויסן מלוכהשן מאַסשטאַב. דער אַנאַרכיסט פון באַקונין־קראָ־פּאָטקינס חדר האָט דערויף געענטפערט, אַז ער איז קעגן דעם, אַז דער שטאַט און זיינע אָרגאַנען, וועלכע זיינען פאַרקערפּערט אין ביוראָ־קראַטן, זאָל ווערן דער אייגנטימער און פאַרוואַלטער פון די רייכטימער פון לאַנד. און ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון באַטייליקן זיך אין די וואַלן צו די מלוכה־אַנשטאַלטן.

דר. מעריסאָן האָט אויפגעכאַפּט, אַז זיין אין פּאַרלאַמענט הייסט לגמרי ניט צושטימען צום סאָציאַליסטישן טעזיס פון איבערגעבן די ווירטשאַפט אין רשות פון שטאַט. די בורזשואַזע דעפּוטאַטן באַטייליקן זיך דאָך יע אין די רעפּרעזענטאַטיווע שטאַט־אינסטיטוציעס און דאָך זיינען זיי אויסגעשפּראָכן קעגן יעדן פאַרזוך צו פאַרשטאַטיזירן די ווירטשאַפט. און דער אַנאַרכיסט האָט דאָך געמעגט טאָן דאָס אייגענע: גיין אין פּאַרלאַמענט און דאָרטן טאַקע קעגן־אַרבעטן יעדן פאַרזוך צו דער ביוראָקראַטיזירונג פון באַלעבאַטישקייט און דער באַגרענעצונג פון דעמאָקראַטישער פרייהייט. אַ וואָס, דער שטאַט אַלס אַזעלכער איז טריף־חזיר. ער איז דאָך אָבער ניט טריפער, טענהט מעריסאָן, ווי די פאַבריק און וואַרשטאַט. און אויב עס איז רעכט און כשר זיך צו באַטיי־ליקן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין (טרעיד יוניאָן) וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּיטשינקע רעפאָרמעלעך, ווי קירצן די שעהן פון אַרבעט און העכערן וויפל־מעגלעך די שכירות פון אַרבעטער, פאַרוואָס טאָר דער אַרבעטער־קלאַס ניט נוצן די פּאָליטיש רעפאָרמיסטישע מיטלען וועלכע קענען דינען צום אויסבעסערן זיין מצב.

פאַר די אַפּיקורסישע רעיונות האָט מען אים פאַרשריען פאַר אַ

„פושע״ און אים שיר אין אַנאַרכיסטישן חרם ניט אַריינגעלייגט. מ׳האָט אים כמעט ווי אינגאַנצן איזאָלירט. ער איז אָבער קיין חוזר־בתשובה ניט געוואָרן און ווי אַ מין אַנאַרכיסטישער גאַלילײ טענהט ער, אַז די פּאָליטישע ערד באַוועגט זיך פאָרט...

דר. מעריסאָן איז דער ערשטער טעאָרעטיקער ייד, וואָס האָט באַדייטנדיק בייגעטראָגן צו דער קלאָרמאַכונג און דורכאַנאַליזירונג פון דער אַנאַרכיסטישער דאָקטרינע.

מיר ווינשן אים לאַנגע יאָר פון שעפערישער ווידערשפעניקייט.

„צוקונפט״, יוני, 1936.

אַלעקסאַנדער בערקמאַן

(1936—1870)

א.

די טראַגעדיע וואָס האָט געהייסן אַלעקסאַנדער בערקמאַן

אין אַלעקסאַנדער בערקמאַנס גייסטיקער פיזיאָנאָמיע גייען אַריין שטריכן, וועלכע געהערן צו פאַרשיידענע ספערען, אַנדערש־אַרטיקע לעבנס־שטייגערס, קעגנגעזעצטע אידעאָלאָגיעס, היפּוכדיקע אויפפירונגען. אָט די שטריכן האָבן זיך ניט איינגעלעבט האַרמאָניש, זיך ניט פאַרשמאָלצן אין אַ רואיקן אויסדרוק און אויסזען. און דער כאַראַקטער־פּנים, וואָס האָט זיך באַקומען פון די ליניעס און פּינטלעך, וועלכע האָבן ניט געהויזט, איז געווען, אמת, עכט־אויסטערליש, דערהויבן און דערהויכט צו אַ מדרגה פון אידעאַליזם, אָבער פאַרט דורכאויס טראַגיש, הערצאיש־טראַגיש.

ער איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע, אין יידישן צענטער פון השכלה און, ממילא, פון פרייע רעוואָלוציאָנערע אָנרעגונגען.

בערקמאַנס עלטערן זיינען געווען היפּש פאַרמעגלעך און זיין דער־ציאונג האָט אָנגענומען אַ כמעט אויסשליסלעך רוסישן כאַראַקטער. אין גימנאַזיע, וואוהין מ׳האָט אים געשיקט קריגן בילדונג, האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט דער עפּידעמישער קראַנקהייט, וואָס האָט געהייסן ניהיליזם.

ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער, דער צאַר פון אַלע ראַסייעס, איז דערהרגעט געוואָרן, איז אַלעקסאַנדער בערקמאַן, דער יידישער בחור

פון ליטע, געווען עלף יאָר אַלט. און דער געלונגענער אַטענטאַט האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט אין זיין נאָך־כמעט קינדערשן באַוואוסטזיין.

אַ זאמען פון אַ טעראָריסט האָט זיך פאַרזייט, דורך אָט־דער גראַנדי־עזער רוסיש־געשיכטלעכער געשעעניש, אין בערקמאַנס יונג און פיין־פילנדיקן האַרץ.

נאָך מער, גראַד איינער פון זיינע פעטערס איז טאַקע געווען פאַר־מישט אין דער דעמאָלטיקער אונטערערדישער אַרבעט קעגן דער טיראַ־נישער הערשאַפט.

אַלס גימנאַזיסט, אַ בחורל פון צוועלף, איז בערקמאַן ניט בכוח געווען אַרויסצוטרעטן אָפן, מיט אַ ממשותדיקער טאַט, קעגן דעם צאַר, און ער האָט אויסגעלאָזן זיין גרימצאָרן צו דעם קעניגס פאַרטרעטער... אין הימל. ער האָט אָנגעשריבן אַן אַטעאיסטישע „פאַרפאַסאַכץ" („סאָטשי־נעניע"). פאַר אַזאַ חוצפה איז ער באַשטראָפט געוואָרן. מע האָט אים אַראָפּגעזעצט פון פערטן קלאַס צוריק אין דריטן אַריין. און זיין „אַקטיווער" קאַמף קעגן די הערשער פון דער געזעלשאַפט אין אירע בײדע טיילן, די פּמליא פון אויבן און פון אונטן, הויבט זיך דאָ אָן, הגם גאַנץ אומ־שולדיקערהייט.

אַלעקסאַנדער בערקמאַן איז רעוואָלוציאָנעריש בר־מצוה געוואָרן צו צוועלף יאָר.

ער האָט פאַרטגעזעצט זיין שטודירן מיט זיין קאָפּ, זיין האַרץ איז אָבער דערביי ניט געווען. זיינע געפילן זיינען שוין געווען טיף פאַרטאָן אין רוסישן דאָרף. ער האָט זיך מאַראַליש געקאַרטשעט פון די ווייטאָקן, וועלכע די רוסישע פויערים האָבן איבערגעלעבט פיזיש. זייער נויט, הונגער און דחקות האָבן אים געפייניקט, פאַרפאָלגט, געטריבט זיין רו סיי ביי טאָג און ביי ביינאַכט. און אים האָט זיך געוואָלט גיין „אין פאָלק", דאָס הייסט, גיין צום רוסישן פאָלק, דעם „פיל־ליידנדיקן און פיל־אויסשטייענדיקן" — אָט־די פּילגרים־באַוועגונג האָט אין יענע יאָרן אַרומגעכאַפּט אַ היפּשן טייל פון דער מאָראַליש־סענסיטיווער שטודירנדיקער יוגנט.

איך שטעל מיר גרינג פאָר, אַז אונטער דער שוועל פון אַלעקסאַנדער בערקמאַנס באַוואוסטזיין, האָט זיך געלאָזט הערן און פילן דער יידישער טויזנט־יאָריקער עלבון, האָט געקרעכצט און געלעכצט די יידישע פאַר־יתומטקייט, באַוועלהט־זיין אויף דורות־און־דורות. און אָט דאָס האָט אים געראָפּעט, געצופּט פון אינעווייניק אין די חדרי־חדרים פון זיין צערט־לעכער נשמה, געשפרודלט מיט רעוואָלט־ענערגיע און געברויזט מיט

אויפשטאַנד, מרידה־געוויטער. אָבער אויסערלעך האָט מען עס ניט געקענט באַאָבאַכטן. דער דרויסן איז געווען פאַרשטעלט מיט רוסישן פּאַסאַד. אַ יידישער רעוואָלוציאָנערער תּוך האָט זיך מתלבש געווען אין אַ ריין רוסישער פאָרמע, האָט זיך צוגעדעקט מיט אַ סערמיאַגע. אָבער עכט־רוסיש איז עס דאָך ניט געווען, ניט געקענט זיין...

אין 1887, ווען בערקמאַן איז זיבעצן יאָר אַלט, פאַרלאָזט ער רוסלאַנד און שפאַרט אָן אַזש קיין אַמעריקע, דאָס לאַנד פון די פרייע, און די היים פון די בראַווע.

איך צווייפל שטאַרק, צי אַ רוס־רעוואָלוציאָנער וואָלט אַזוי האַנדלען. צוליב וואָס פאַרלאָזן אַזוי פריציייטיק די „מוטער־רוסלאַנד", נאָך ניט האָבנדיק פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע, פעסטונג און פאַרשיקונג?! צוליב וואָס אַוועקפאָרן אַזוי ווייט, ניט נאָר פון רוסלאַנד, נאָר אַפילו פון אייראָפּע אַזוי, אַז אַלע פאַרבינדונגען מיט דעם „פאָטערלאַנד" זאָלן ווערן אָפּגעהאַקט מיטן מרחק פון טויזנטער מיילן יבשה און ים?

דער איבעררייס האָט געהאַט שליטה מער ניט ווי אויף די רעוואָלו־ציאָנער־גשמיותדיקע פאַרהעלטענישן, די נשמה־פּעדים, וועלכע האָבן פאַרקניפּט בערקמאַנען מיט דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַשטרעבונג פון רוסלאַנד ווערן ניט נאָר ניט צעריסן, נאָר, פאַרקערט, ווערן נאָך שטאַרקער, טיפער און ראָמאַנטישער פאַרוועבט און פאַרשפּונען.

אַלעקסאַנדער בערקמאַן פאַרלאָזט רוסלאַנד ווי אָנוס־על־פּי־הדיבור, אָבער דער „דיבור" איז ניט פון עקאָנאָמישער נויט, נאָר פון פּאָליטישער האָפנונגסלאָזיקייט. ער איז ניט קיין עקאָנאָמישער עמיגראַנט, נאָר אַן אייגנאַרטיקער פּאָליטישער פּליט.

בערקמאַן פאָרט קיין אַמעריקע מיט העל־צעפּאַרבטע האָפנונגען, מיט רייך־צעבליטע דערוואַרטונגען. און ווי דער שטייגער איז אין אַזעלכע פאַלן, באַווייזן זיך פון אונטער די בלומען שלאַנג־גיפטיקע אַנטוישונגען...

ווי האָט נאָדסאָן זיך אויסגעדריקט? — איך לייען עס ניט אין אַ ראָמאַן! איך אַליין שטאַרב טאַקע...

מיט בערקמאַנען, ווי מיט פילע אַנדערע פון זיין גלייכן, האָט פּאַסירט דאָס אייגענע. עס איז שוין מער ניט געווען קיין פראַגע פון „אַקאַדעמישן" מיטלייד, פון וועלן זיך אַראָפּלאָזן צום פאָלק און טיילן זיינע ליידן לשם־מצוה פון רעוואָלוציע, העלפן די מאַסן טראָגן זייער משא פון שוואַרצן ברויט און נאָך שוואַרצערער נויט און בשעת מעשה זיי וועקן, זיי אויפרודערן, זיי אויפבּורען. ניין, מ'איז טאַקע עקאָנאָמיש

אַליין געוואָרן איינער פון המון־עם, און זיך טאַקע געוואַלגערט אויפן סאַמע דעק פון אָרעמקייט און דאַכלאָזיקייט.

בערקמאַן שילדערט קינסטלעריש זיין שווער געמיט, זיינע ביטערע איבערלעבונגען, ווען ער האָט געדאַרפט „וואַגנען" אין די ניט־צו־פיל גאַסט־פריינטלעכע ניו יאָרקער פּאַרקן און שלאָפן אויף זייערע האַרטע בענק, אונטערלייגנדיק אונטערן קאָפּ דאָס קישעלע בטחון, און אונטער די וויטאָקדיקע זייטן — די בעטגעוואַנט פון זויבערע אַספּיראַציעס.

בערקמאַן האָט געקויפט פּאָליטישע פרייהייט, מיטן אַריבערשווימען דעם אַטלאַנטיק איז ער פּטור געוואָרן פון דעם דערזשי־מאָרדאַ רעזשים. אָבער וואָס איז געווען דער פּרייז, וואָס ער האָט געצאָלט דערפאַר, אויסגעדריקט אין עקאָנאָמישע טערמינען? אַמעריקע, אַזוי צו זאָגן, האָט אים באַריסן. און, נאַטירלעך, אַז זיין אַנטריסטונג קעגן דער עקאָנאָמישער שקלאַפעריי וועלכע דעקט צו איר עקספּלואַטאַציע־שאַנדע מיטן פּייגן־בלאַט פון פּאָליטישע רעכט איז געווען ברויזנדיק, שטורמיש, און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז זי זאָל ווערן וואולקאַניש, און נעמען שפּייען מיט פייער.

און אַ געלעגנהייט האָט זיך דאָ גלייך אונטערגערוקט: דער האָמסטעד סטרייק און די ניין דערהרגעטע אַרבעטער. בערקמאַנס געפיל פון פּערזענלעכער באַליידיקונג האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם אַלגע־מיינעם אומרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן אַ טייל פון אַרבעטנדיקן קלאַס, די שטאָל אַרבעטער. און ער האָט זיך באַשטימט פאַר זייער גואל־הדם.

אין יאָר 1892, דעם 22טן יולי, טרעט בערקמאַן אַריין אין דער פּיטסבורגער קאַנטאָר פון הענרי קליי פריק און שיסט צוויי מאָל אויס אין אים. ביידע קוילן פאַרוואונדן אים לייכט. זיי בלייבן שטעקן אין פריקס „האַרטן נאַקן", און בערקמאַן וואַרפט זיך אויף אים מיט אַ מעסער. ביידע ראַנגלען זיך. בערקמאַן שטעכט פריקן דריי מאָל. דער ערשטער שטאָך טרעפט פריקן אין דיך, דער צווייטער — אין דער רעכטער זייט, דער דריטער — שניידט אַביסל איין פריקס פּוס, נידע־ריקער פון דער קני.

מ'שטיינס געזאָגט, ווען האָט דער 22־יאָריקער אידעאַליסט זיך געלערנט שיסן? און אין ווען האָט ער זיך אויף זיין לעבן געצילעוועט, ער זאָל דאָס מאָל טרעפן! און מיטן מעסער איז ער אַוודאי געווען אַ קנאַפּער בריה. בערקמאַן איז אַ קינד פון טרוים, ניט פון מאָרד... און ער האָט ניט געקענט אַרויס פון זיך, פון זיין טרוימער־צושטאַנד.

דער רוסישער ניהיליסט האָט זיך אין בערקמאַנען דערוועקט. דער רוסישער ניהיליסט אויף אַ ווילד־פרעמדן באָדן, אויף אַמעריקאַנער קרקע, אונטער אַמעריקאַנער אומשטענדן. און דאָ ליגט דער טראַגיזם: די סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט ניט אויף איר היסטאָריש און פּסיכאָ־לאָגיש פּאַסנדיקער בינע. דער אַמעריקאַנער מיליאָנער איז ניט קיין אָפּשפּראָץ פון אַן אַדעלשטאַם, איז ניט קיין פאַרצערטלט באַשעפעניש, וואָס האַלט סיי פיזיאָלאָגיש און סיי סאָציאַל ביי יציאת־נשמה.

בערקמאַן האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ יונג מיט ביינער, מיט איינעם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ נידעריקן שטאַפּל אויפן לייטער פון עקאָנאָמישן דערפאָלג. פריק איז געווען אַ געבוירענער אַמעריקאַנער. ער האָט דערזען די שיין פון דער וועלט אין 1849. פון טאַטנס צד איז ער געווען אַ שווייצאַרער, פון דער מאַמעס אַ פּאַלאַנ־טינישער. ביידע צדדים זיינען געווען פּיאָנערן. צו אַכט יאָר האָט שוין פריק געאַרבעט שווער אויף זיין פאָטערס פאַרם. צו פערצן יאָר האָט ער פאַרענדיקט זיין שול־באַזוך און איז געוואָרן אַ קלוירק. ער איז געווען איינער פון יענע בני־עניים, וועגן וועלכע עס שטייט: „הזהרו!״ היט זיך. ער איז געווען אַנטשלאָסן, להרוג ולאבד, אַבי זיך דער־ווערבן עשירות, זיך אָנשטאָפּן מיט גאָלד. זיין האַרץ איז געווען פאַר־פרעסט, פאַרמאַכט מיט זיבן זיגלען אַזוי הערמעטיש, אַז קיין מענטשלעך געפיל פון סימפּאַטיע האָט אַהין ניט געקענט אַריינדרינגען.

און דאָ האָט פּאַסירט איינע פון די אומגעלומפּערטקייטן פון קאַפּרי־ציעזן שיקזאַל. בערקמאַן, דער ווייך־האַרציקער, דער רוסישער סטודענט און יידישער בעל־החלומות און אויסגעהונגערטער אַמעריקאַנער שריפט־זעצער — אַ מלאכה, וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט אין דער דרוקעריי פון דער „פרייהייט״, וועלכע איז געווען רעדאַקטירט פון יאָהאַן מאָסטן — וואַרפט זיך מיט אַ רעוואָלווער, און דערנאָך מיט אַ מעסער, אויף פריקן, אַ מענטש, וואָס האָט געמאַכט זיין פאַרמעגן בחרבו־ובקשתו, ווי אַ רוצח אין וואַלד פון אינדוסטריע און מסחר, און איז געווען אויסגעגאָסן פון שטאָל, פון וועלכן ער האָט געשמידט זיין געגנבעט גאָלד — און דער אַטענטאַט איז געווען אומגעלונגען.

פריק איז געבליבן פריק, דער פאָרזיצנדער פון דעם דירעקטאָראַט פון דער קאַרנעגי שטאָל קאָמפּאַני. דרייצן טעג שפּעטער איז ער שוין געזעסן ביים שרייב־טיש אין קאַנטאָר. און בערקמאַן איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוויי־און־צוואַנציק יאָר געפענגעניש. ער איז אָפּגעזעסן דרייצן יאָר און אַכט מאָנאַטן. דרייצן טעג כנגד דרייצן יאָר...

אין אַמעריקע נעמען אַן די קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל גאַנץ־ניט־זעלטן די בלוטיקסטע, ברוטאַלסטע פאָרמען פון הריגות, מער־דערייען און פינקערטאָנאָוטשינע. אָבער, ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, גייען זיי ניט אַרויס פון זייערע גאַנץ ענגע פאַך־גבולין. בערקמאַן, אַלס רוסישער רעוואָלוציאָנער, האָט אָט־די קליינלעכקייט ניט געקענט באַ־גרייפן. בערקמאַן מיט זיין געוואַגטן אַטענטאַט האָט עפּעס אַנדערש, העכערס און וויכטיקערס, געהאַט אין זינען. ער האָט מיט זיין רעוואָלווער און מעסער געוואָלט דערמאָרדן אַ גאַנצע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סיסטעם. און פריק איז געווען מער ניט ווי דער דראַגאָן, וואָס באַשיצט דעם טראָן פון דער קאַפּיטאַליסטישער טיראַניי, און דערפאַר האָט עס בערקמאַן געוואָלט איבערטרעטן איבער זיין טויטן קערפּער.

אַזאַ ראָמאַנטיש־אידעאַליסטיש אַבסטראַקטער אַרט דענקען איז געווען לחלוטין „אומאַמעריקאַניש”, האָט זיך געפונען אין אַ דיסאָנאַנס מיט דער אַמעריקאַנער מעטאָדאָלאָגיע פון קלאַסן קאַמף, וועלכער איז דאָ בלויז אַ דינגעריי וועגן העכערע שכירות און קירצערע שטונדן, אַ דינגעריי, וועלכע ווערט גאַנץ אָפט באַגלייט מיט אַ שיסעריי, און אַמאָל אויך מיט באָמבעס־אויפרייסעריי, אָבער בלייבט פאָרט מער ניט ווי אַ שקלא וטריא, וועלכע ווערט געפירט אין די גרענעצן פון עקזיס־טירנדיקן סיסטעם אָן קיין שום וואָגענדיקער כוונה צו שטירצן דעם עקאָנאָמישן איינשטעל אַלס אַזעלכן.

בערקמאַנס אַקט איז געווען אַן עכאָ פון רוסישן ניהיליזם, און זיין באַפרייאונג איז פאָרגעקומען, ווי עפּעס צוליב דער שיינקייט פון סימבאָל, ניט אונטער דעם דרוק פון די רוסישע געשעענישן, אָבער צוזאַמענפאַלנדיק מיט דעם קורצן זמן־חירותנו פון רוסלאַנד, אין 1905—1906. די רוסישע טאַקטיק האָט בערקמאַנען אין טורמע געטריבן, און די רוסישע אויפ־ברויזונג האָט זיך, עפּעס ווי עמבלעמאַטיש, באַמיט אים פון טורמע אַרויסצונעמען.

טריי צו דער רוסיש־רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע, פאַרוואַנדלט בערקמאַן, ווי מאַראַזאָוו און אַנדערע, זיין געפענגעניש אין אַן אוניווער־סיטעט פאַר זעלבסט־שטודירונג. בערקמאַן אַרבעט איבער זיך, לייענט אַ סך, לערנט אַ היפּש ביסל, באַהערשט די ענגלישע שפּראַך. ער איז אַריין אין טורמע אַ „גרינער”, ער קומט אַרויס אַ רייפער שריפט־שטעלער.

זיינע „מעמוארן פון אַ תפוס”, פאַרפאַסט און באַאַרבעט אין די יאָרן 1906—1914, זיינען אַ שיין קינסטלעריש ווערק. עס פאַרמאָגט

איינגעהאַלטנקייט, איינזעעניש, האַרץ־ברייטקייט און געפּיל־טיפקייט און, ממילא, ריטם און אָטעם.

די טורמע יאָרן האָבן בערקמאַנען ניט געטאָמעוועט. זיי האָבן אים פאַרהאַרטעוועט אין זיינע איבערצייגונגען פון אַן אַנאַרכיסט. בערקמאַן פּאָרט איבערן לאַנד, טרעט אַרויס אויף מאַסנפאַרזאַמלונגען, גרינדעט אַ פלאַם־פייערדיק רעוואָלוציאָנערע שריפט, מיטן נאָמען „בלעסט״, „דער אויפרייס״.

די מלחמה ברעכט אויס. די ציוויליזירטע וועלט גייט ווי פון זינען אַראָפּ. אַמעריקע ווערט אויך אַריינגעצויגן אין דעם כמעט אוני־ווערסאַלן פאַנדעמאָניזם, אין דעם בלוטיקן שדים־טאַנץ. און די פּרשה פון פאַרראַט, פון פאַרשווערונג פון די הייליקסטע פּרינציפּן פון אינטער־נאַציאָנאַליזם שרייבט זיך, און מ׳זעט קיין סוף ניט צו דער תוכחה, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די רעוואָלוציאָנערע רייען. די ליכטיקסטע נעמען פון די קעמפער פאַר פאַציפיזם, אַנטי־מיליטאַריזם, לעשן זיך אויס איינער נאָכן אַנדערן. ווי האָט מאַלטקע געזאָגט? „אַ מלחמה איז אַן עקזאַמען״... יאָ, אַ מלחמה איז אַן עקזאַמען, וועלכן עס איז שווער אויסצוהאַלטן. און פילע רעוואָלוציאָנערן פאַלן דורך, ווערן איבערנאַכט פאַרוואַנדלט אין הורא־פּאַטריאָטן. צווישן זיי אַזאַ הויכער טורעם פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטנדיקע, ווי פּיאָטער קראָפּאָטקין.

בערקמאַן האַלט אָבער יאָ אויס דעם עקזאַמען. מיט גרויס שברת־לב שיידט ער זיך פון זיין רבין אין רעוואָלוציאָנערן אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, וועלכער איז פאַר דער צייט פון דער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ מין אלישע־בן־אבויה, אַ מין „אחר״.

בערקמאַן ווערט ניט פאַרבלענדט פון ווילסאָנס בליטשענדיקע הבטחות און לאָזט זיך ניט פאַרנאַרן אין מיליטאַריסטישן זאַק אַריין דורך דעם לעצטנס פערצן פונקטן. בערקמאַן טרעט אַרויס קעגן דער קאָנסקריפּציע אין אַמעריקע, סיי שריפטלעך און סיי מינדלעך. ער ווערט אַרעסטירט אין 1917, זיצט אָפּ צוויי יאָר און ווערט אַרויסגעשיקט פון לאַנד צוזאַמען מיט 248 גענאָסן, דעם 21טן דעצעמבער, 1919.

וואוהין שיקט מען אים? פאַרשטייט זיך, קיין רוסלאַנד. דאָרטן גייט דאָך אויף די זון פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

בערקמאַנס האַרץ קלאַפּט מיט ענטוזיאַזם און גרויסער האָפענונג. „סאָציאַליסטישער ציון, דו פרעגסט דאָך זיך נאָך אויף דעם פרידן פון דיינע פאַרבונדענע?!״

און אַנטוישונגען, שווערערע ווי די, וועלכע בערקמאַן האָט איבער־געלעבט אין אַמעריקע, וואַרטן אויף אים, ניט אויפן שוועל, נאָר טאַקע אין סאַמע הויז.

אין פּעטראָגראַד האָט די באָלשעוויסטישע רעגירונג אויפגענומען אירע צוריקגעשיקטע זין מיט גרויס פּאַראַד, מיט הייסע רעדעס, מיט רעוואָלוציאָנערע הימנס, געשפּילט פון אַן אָרקעסטער, מיט פלאַטערדיקע פאָנעז...

בערקמאַן בלייבט ניט לאַנג אין האַלב־חרובן און גאַנץ־אויסגע־הונגערטן פּעטראָגראַד. ער קומט קיין מאָסקווע. ער באַווייזט זיך אין דעם קלוב פון דעם מאָסקווער פאַרבאַנד פון אַנאַרכיסטן, אויף טווערסקאַיאַ. מיר מאַכן פאַר אים און זיינע באַגלייטער אַ קבלת־פּנים על־פּי דעם הונגעריקן רוסישן נוסח. מיר זיינען אים מכבד מיט דרשות, דאָס איז אַלץ.

צוויי הויפּט־רעדנער ווערן אַרויסגעשטעלט. זיי דאַרפן פאַרטרעטן די צוויי קעגנזייטיקע שטאַנדפּונקטן: איינער פאַר די באָלשעוויקעס, דער צווייטער — כנגד. צו גונסטן פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים האָט גערעדט גראָסמאַן־ראשטשין. אין די יונגע יאָרן, פון 1906 פּעריאָדע, איז ער געווען דער טעאָרעטיק פון „מאָטיוולאָזן טעראָר". איצטער, אין דער נאָך־אָקטאָבער עראַ, איז ער געוואָרן אַן „אַנאַרכיסט־לעניניסט". קעגן האָט גערעדט אַבאַ גאָרדין. איך געדענק ניט וואָס איך האָב געזאָגט. איך געדענק אָבער, אַז מיר איז געווען קלאָר, אַז בערקמאַן איז מער גענייגט צו גראָסמאַן־ראָשטשינס שטאַנדפּונקט, איידער צו מיינעם. מיך האָט עס זייער געערגערט. איך האָב זיך אָבער געטרייסט, אַז מאָסקווע און די איבעריקע טיילן פון רוסלאַנד מיט די נייע פּאַראַנדקעס וועלן אויפטאָן מער, ווי מיין רעדן. און בערקמאַן וועט דערזען דאָס ליכט... כך הוא. בערקמאַן, מיט יעדן חודש, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין סאָוויעטישן גן־עדן העליון און גיהנום התחתון, ווערט ער אַלץ פיינטלעכער געשטימט צום באָלשעוויסטישן סדר. און צום סוף ווערט ער אַ הונדערט פּראָצענ־טיקער קעגנער. און אין זיין התנגדות צום סאָוויעטישן־רעזשים אין זיין באָלשעוויסטישן נוסח, האָט ער מיך ווייט אַריבערגעיאָגט.

און דאָ הייבט זיך אָן דער צווייטער אַקט פון דער טראַגעדיע, וואָס האָט געהייסן בערקמאַן.

אין אַמעריקע איז אַלעקסאַנדער בערקמאַן געווען צופיל רוס, ער זאָל האָבן געהאַט אויסגעאיבט אַ ברייטן און טיפן איינפלוס אויף דעם אַמעריקאַנער אַרבעטערטום. זיין אַרט דענקען, זיין שטייגער פון האַנדלען, זיין מאָדוס פון רעאַגירן אויף געשעענישן, זיינען געווען צו „ביהיליסטיש".

פאַר ניי־רוסלאַנד, ווידער, איז בערקמאַן געווען, וואָלט איך זאָגן, צופיל „אַמעריקאַנער", צופיל אויסגעטאָן פון אַלדאָס רוסישע און אַלדאָס רוסיש־יידישע. ער האָט רוסלאַנד ניט געקענט פאַרשטיין און אויך ניט פילן. ער איז געווען פאַרפרעמדט, סיי פון די רוסן, סיי פון די רוסישע יידן.

איך בין זייער ווייט פון צו טיילן די מיסטיש־פאַטריאָטישע שטימונג פון טיוטשעוו, וואָס האָט געזאָגט, אַז רוסלאַנד איז גאָר עפּעס אַנדערש פון אַלץ און אַלעמען. רוסלאַנד קען מען ניט מעסטן מיטן אַלגעמיינעם אַרשין, מיטן שכל קען מען זי ניט תופס־זיין — אין רוסלאַנד מוז מען האָבן אמונה... אָן איינפאַל עפּעס! איך האַלט, אַז רוסלאַנד קען מען שוין דווקא יאָ פאַרשטיין.

קודם כל איז עס שטח, אַן אומגעהויער געאָגראַפיש פאַרנעם. די אַלטע אימפעריע האָט זיך בהרחבהדיק אויסגעצויגן איבער 8,647,657 סקווער מייל, איבער אַ זעקסטל פון ערד־קוגל.

דערנאָך קומט די צאַלרייכע באַפעלקערונג מיט איר גאַנצן שלל פון לשונות, שטאַמען און פעלקער. אָט־די צוויי פונקטן האָבן אַ סך וואָס צו זאָגןביים באַשיידן די אימפערישע מערכה און אַדמיניסטראַטיוון איינשטעל פון רוסלאַנד.

יעקאַטערינע די צווייטע, די אַזוי־גערופענע „די גרויסע", האָט עס שוין געוואוסט. אין איר „נאַקאַז" צו דער קאָמיסיע, וועלכע זי האָט פאַררופן (1767) מיטן צוועק צו פאַרפאַסן אַ נייעם קאָדעקס, זאָגט זי בפירוש, אַז, צוליבן גרויסן שטח מוז רוסלאַנד פאַרוואַלטעט ווערן אויף אַן אויטאָקראַטישן און צענטראַליסטישן שטייגער.

„10. אַ גרויס שטחדיקע מלוכה באַטיילט מיט סוּווערענער מאַכט איין פּערזאָן, וועלכע רעגירט. די גיכקייט פון די אַנטשיידונגען געפּאַסט, קאָמפּענסירט פאַר דער לאַנגזאַמקייט, וואָס די ווייטקייט פאַראורזאַכט.

11. יעדע אַנדערע פאָרמע פון פאַרוואַלטונג, וואָלט ניט נאָר זיין שעדלעך פאַר רוסלאַנד, נאָר וואָלט ברענגען, צום סוף, צו איר רואינירונג (II הויפּטשטיק)".

רוסלאַנד איז גרויס, זי איז ניט צעוואָרפן, אָבער האָט שלעכטע וועגן און נעבעכדיקע קאָמוניקאַציע מיטלען. און די פּעריפעריע וואָלט זיך אָפּרייסן פון צענטער ווען ניט די יד־חזקה, מיט וועלכער רוסלאַנד איז געפירט געוואָרן. די רוסישע פּאַדיאָווקע וואָלט צעפלאַצט ווערן אין אַלע נעט און זוימען, ווען מען וואָלט זי ניט געהאַט געניייט מיט טיראַנישער דראַטווע, נאָר מיט דעמאָקראַטישע פעדים... ווייסע אָדער ראָזע...

נאָך אַלעמען, וויפל דעמאָקראַטישע רעפּובליקן פאַרמאָגט די שטאַטס־**פּראַקטיק? פראַנקרייך איז קליין אין שטח,** 212,659 סקווער מייל, און מאָגער אין צאָל פון אירע איינוואוינער, בערך אַ פערציק מיליאָן. אַמעריקע איז גאַנץ היפּש, אָבער זי איז דאָך אויסגעוואַקסן אַזוי פּאַמעלעך. זי האָט דאָך אָנגעהויבן איר דעמאָקראַטישע קאַריערע ווען זי איז נאָך געווען אַ פּיצעלע.

רוסלאַנד, מיט איר בערך 170,000,000 באַפעלקערונג, ווען זי לאָזט זיך צופיל אַריין אין דעמאָקראַטיע, וואָלט ריזיקירן מיט איר מלוכהשן צוזאַמענהאַלט. זי וואָלט אפשר גאָר צעברעקלט זיך אויף געגנטן, אויף לאַנד־טיילן.

און ווען רוסלאַנד צעפאַלט, וואָס וואָלט זיין דער אומגליק? אויף דעם איז שווער צו ענטפערן. אפשר גאָר קיין אומגליק ניט — פאַר דער וועלט בכלל, פאַרן פראָגרעס בפרט.

וואו שטייט עס געשריבן אין בוך פון פעלקער־שיקזאַלן, אַז גרויס־רוסלאַנד, מיט איר רעזידענץ־שטאָט, וואָס פּרעטענדירט צו ווערן אַ רוים־ירושלים צוזאַמענגענומען, מוז באַצווינגען אַזוי פיל פעלקער און שבטים, און מוז, ניט אַנדערש, ווי קאָנטראָלירן אַ שטיק לאַנד, וואָס ציט זיך פון פינישן ביזן כינעזישן גרענעץ?

אָבער איין זאַך איז קרישטאָל־קלאָר: פאַר די יידן פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, וואָלט די צעשפּליטערונג פון דעם רוסישן פאַרבאַנד געווען די שווערסטע פּאַטאַליטעט. אוקראַינע האָט זיך אָנגעשטרענגט ביז־צו־גאָר, אָנהייבנדיק מיט דעם רעאַקציאָנער סקאָראָפּאַדסקי, און דורכגייענדיק דורכן „ליבעראַל״־פּאָגראָמשטשיק פּעטליורא, און אויס־לאָזנדיק מיט דעם „אַנאַרכיסט״ נעסטאָר־מאַכנא, זי האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן פון מאָסקווע. און ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלט מען די אוקראַינער יידן געדאַרפט זוכן אויפן דעק פון דניעפּער... פילנדיק עס אינסטינקטיוו, אָדער אינטואיטיוו, מיט זייער נאַציאָנאַלן חוש, האָבן זיך די יידישע יונגעלייט פון קיעוו, כאַרקאָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו און אַנדערע קלענערע שטעט אַריינגעגאָסן, אין די שווערע טויזנטער, אין די רייען פון די, וואָס האָבן געקעמפט פאַר מאָסקווע און דעם רעזשים, וואָס איז עטאַבלירט געוואָרן אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע.

חוץ דעם, איז ניט שווער צו באַגרייפן, אַז רוסלאַנד מיט איר הונדערט מיליאָן־קעפּיקן פּויערטום האָט ניט געקענט פרידלעך, גלאַטלעך מיטן הוילן כוח פון קלוגן באַווייז און געפליגלטן וואָרט, אַריבערגיין פון אַ פּריוואַט־אייגנטום צו אַ מלוכה־אייגנטום איינשטעל.

איך זאָג עס ניט מיטן צוועק רעכטצופאַרטיקן די טשעקא מעשים תעתועים, נאָר בכדי צו שאַפן דעם הינטערגרונט, אַן וועלכן דאָס פאַרשטיין פון ניי־רוסלאַנד און וואָס איז דאָרטן פאָרגעקומען און קומט פאָר, איז אַ זאַך פון דער אוממעגלעכקייט. העגעלס זאָץ, אַז דער רעאַל איז, געוויסערמאַסן, ראַציאָנעל, איז זיכער, אין דעם געגעבענעם פאַל, ניט אינגאַנצן פאַלש.

אָבער בערקמאַן האָט זיך מיט דער רוסישער געאָגראַפישער און עטנאָגראַפישערווירקלעכקייט אינגאַנצן ניט גערעכנט. בערקמאַנס „באַל־שעוויסטישער מיף" איז זייער טאַלאַנטפול אָנגעשריבן, אָבער ער איז איינזייטיק. ער זעט ניט דעם לכף־זכות, די „פאַרוויכנדיקע אומשטענדן". קעגנערשאַפט צום באָלשעוויסטישן רעזשים איז אַן עכט־דעליקאַטנער ענין. מ'דאַרף ציען די ליניעס מיט גרויס פּרעזיכטיקייט און זאָרג־פעלטיקייט. מ'טאָר דאָ קיין עקסטרעמיסט ניט זיין. בערקמאַן האָט אָבער ניט געקענט זיין עפּעס אַנדערש.

און בערקמאַן פאַרלאָזט רוסלאַנד, דאָס איינציקע לאַנד, וועלכע האָט געקענט, ווען בערקמאַן גייט איין אויף געוויסע קאָמפּראָמיסן, דינען פאַר אים אַלס מקום־מנוחה.

ווען בערקמאַן פאַרבייגט אַ קאַפּעטשקע זיין אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישע מצוות דרבנן, לאָזנדיק זיינע מדאורייתאס אומבאַרירט, וואָלט ער אין סאָוועט־רוסלאַנד געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אָבער בערקמאַן וואָלט דעמאָלט בערקמאַן ניט געווען. בערקמאַן האָט אויף קיינע פּשרות ניט געוואָלט איינגיין, און וועגן זיינע פּערזענלעכע אנגעלעגנהייטן און באַק־וועמלעכקייטן האָט ער זיך ווינציק־וואָס געקימערט. ביי אים איז כמעט אַלץ געווען יהרג ואל יעבור... און בשעת השמד... לאָזט מען זיך הרגענען פאַר אַ שנירל פון אַ שוך...

און בערקמאַן גייט אַפּריכטן גלות. קיין לאַנד וויל אים ניט האָבן. קיין לאַנד וויל אים ניט אַריינלאָזן. און אַז ער כאַפּט זיך יע אַריין און מ'געפינט אים אויס, איז מען אים משלח. סטייטש, אַזאַ „געפערלעכער" יונג, אַן אַנאַרכיסט און אַ טעראָריסט נאָך דערצו...

און אַזוי איז בערקמאַן, ניט־ווילנדיק, ניט אויסנזייענדיק, געוואָרן די עמבלעם פון דעם וואַנדערנדיקן יידן, פון דעם מענטשן, וואָס לעבט צווישן הימל און ערד, פאַרמאָגט קיין ברעקל לאַנד ניט אונטער זיינע פיס, אָבער אַ סך הימל איבער זיין שטאָלצן קאָפּ.

בערקמאַן ווערט קראַנק. לייגט זיך אונטערן מעסער. בעסערט זיך. ווערט ווידער קראַנק. בערקמאַן זעט זיינע לעצטע און באַדייטלאָזע טעג

נענטערן זיך. און ער קען ניט שטאַרבן פּאַסיוו, ליגן און וואַרטן אויף דעם מלאך־המות, וועלכער זאָל ווערן זיין מלאך־הגואל, אים אויסלייזן פון זיינע יסורים און אומטעטיקייט.

דער ניהיליסט דערוועקט זיך אין אים. בערקמאַנס אומבאַצוואונגענער ווילן מאַכט דאָס מאָל אַן אַטענטאַט אויף בערקמאַנס שוואַכן לייב, אויף זיין אייגענעם שונא...

אָבער בערקמאַן בלייבט געטריי צו זיך. ער האָט פריקן ניט דערשאָסן און ער האָט זיך אויך ניט געקענט דערשיסן. ער צילעוועט זיך אין האַרצן, און די קויל טרעפט אין די לונגען. מ׳אָפּערירט אים — און ער שטאַרבט פון דער אָפּעראַציע.

אַלעקסאַנדער בערקמאַן האָט געלעבט ווי אַ „פרעמדער", אַ „ניהיליסט" אין אַמעריקע, אַן „אַמעריקאַנער" אין סאָוועט־רוסלאַנד, און איז געשטאָרבן אין דער פרעמד, אין אַלע ביטערע פשטים פון וואָרט „פרעמד".

אָבער, טראָץ דעם, קומט ער גייסטיק לקבר־ישראל ווי אַ געטרייער זון, אַ נע־ונדניק, פון דער פאַרוואָגלטער כנסת ישראל, דער אייביקער נע־ונדניצע.

בערקמאַן, אויף צו־להכעיס זיין אויבערפלעכלעכער אַנטי־רעליגיעזיטעט, האָט פאַרמאָגט אַן העכסט־עקזאַלטירטע רעליגיעזע נאַטור. ער האָט מקיים געווען דעם ואהבת... בערקמאַן האָט געליבט זיין אַטעאיסטישן גאָט, זיין אַנאַרכיע, מיט זיין גאַנצן האַרצן און מיט זיין גאַנצער זעל, און מיט זיין גאַנצן זייער, זיין סופּערלאַטיוו, זיין איבערטרייב און פאַרגרייז.

אַלעקסאַנדער בערקמאַן געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון יענע פאַרברענטע מאמינים, וואָס קודם־כל פאַרברענען זיי ניט נאָר זייערע אייגענע ספקות, נאָר אויך זייער קריטישן דענקען בנוגע דער צוקונפט־בוימייסטעריי.

בערקמאַן האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז מ׳קען פּערפעקטירן די סאָציאַלע וועלט, אויפריכטן אַ פולקאָמענע געזעלשאַפט, וואָס וועט זיך באַזירן אויף ריינער סאָלידאַריטעט אָן אַ טראָפּן פון אַנטאַגאָניזם. ער איז געווען אַבסאָלוט זיכער, אַז מ׳קען פאַרוואַנדלען די מלכות־הרשעה, דאָס קעניגרייך פון בייז, מאַכט און צוואַנג אין אַ מלכות־שדי, אין אַ קעניגרייך פון גוטס, גערעכטיקייט און פרייהייט, און אַז די טראַנספאָרמאַציע קען דורכגעפירט ווערן ראַפּטאָם, דורך רעוואָלוציאָנערע, קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע, געוואַלט־טאַטן.

אין אַ וואָרט, בערקמאַן האָט געגלייבט, אַז אַ שמץ קווענקלעניש, אַז מ׳קען פון די גויים, וואָס פאַרמאָגן מלוכות־אימפּעריעס, די עשוּו, וואָס לעבן אויף זייער שווערד, פאַרנעמען זיך כסדר מיט שפיכות־דמים, מלחמות און אָקופּאַציעס, אַז מ׳קען פון אָט די גויים מאַכן יידן, ד״ה, מענטשן אָן לענדער־גרענעצן און אָן מדינות, מענטשן וועלכע אָרדענען איין זייער געזעלשאַפטלעך לעבן אויף דעם פּרינציפּ פון פרייע געמיינדעס.

„צוקונפט״, אויגוסט, 1936.

ב.

דער מאַן פון וויזיע, ווילן און וואָרט *)

די פּראָבע, וואָס אַ גרויס קונסט־ווערק דאַרף אויסהאַלטן איז דאָס ווערן געלייענט צום צווייטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט־דיסטאַנץ, מיט דעם זעלביקן אינטערעס און שפּאַנונג ווי דאָס ערשטע מאָל.

איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט בערקמאַנס געפענגעניש־מעמואַרן בערך צוואַנציק יאָר צוריק. און איצט, אַז איך האָב עס איבערגעלייענט צום צווייטן מאָל פון טאָוול צו טאָוול האָט עס מיך געהאַלטן פאַראינטערעסירט און אינטריגירט נאָך מער ווי דאָס ערשטע מאָל.

אָט־די בערקמאַנס שאַפונג וואָלט שוין לאַנג אָן צווייפל געוואָרן אַן אָנגענומענער קלאַסיק אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווען עס וואָלט געהייסן „געפענגעניש־מעמואַרן״ סתם און ניט אָנגעגעבן גלייך אויפן שער־בלאַט אין סאַמע טיטל די באַצייכענונג „פון אַן אַנאַרכיסט״. אָט דער דאָזיקער פּרט האָט אָפּגעשראָקן די קאָנסערוואַטיווע קריטיקער און נאָך מער די קאָנסערוואַטיווע לייענער, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט באַפרייט פון דער פּאַניק וואָס דאָס שרעקלעך וואָרט וואַרפט אויף זיי אָן. עס איז ניט פּחד אַליין, נאָר טאַקע אויך פאָראורטייל און אַנטיפּאַטיע.

זעענדיק, אַז דאָס איז אַן אַנאַרכיסטיש בוך, האָבן זיי שוין פאַרזען, אָדער, פּראָסט, ניט געקענט דערזען, אַז פריער פאַר אַלץ און נאָך אַלץ, איז עס אַן אמת מענטשלעך בוך, אַ מענטשלעך דאָקומענט.

---

*) PRISON-MEMOIRS OF AN ANARCHIST, by Alexander Berkman. Mother Earth, 1912, sec. ed. 1920; pp. 512.

וואָס דערציילט אונדז אָט־דער אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער ספר־הזכרונות?

דאָס איז אַ דעראינערונגען־געשיכטע פון דעם געראַנגל פון אַן איינצעלנעם אומבאַהאָלפּענעם מענטשן, אַ פאַרמשפּטן צו דער איינזאַמקייט און פאַרלאָרנקייט פון אַ פינצטערן קאַרצער, אָבער אַ באַוואָפנטן מיט אַ שטאַרקן ווילן און אַ פעסטן גלויבן אין זיין גערעכטיקייט, — קעגן אַ מאָנסטער־אינסטיטוציע, אַן אָפּגאָט־מולך, וואָס האָט פאַרצערט, פאַרצערט און וועט נאָך אין משך פון פילע יאָרן, פאַרצערן מיליאָנען מענטשנקינדער.

דער העלד פון דער דאָזיקער עפּאָפּייע, דער מחבר, אַלעקסאַנדער בערקמאַן, איז אַרויס פון דעם טיטאַנען־געפעכט אַ זיגער. ניט נאָר איז ער ניט צעבראָכן געוואָרן, צעמאָלן געוואָרן אונטער די רעדער פון אָט־דעם יאָגערנאָט, נאָר ער איז נאָך אַרויסגעקומען, נאָך די פילע יאָרן פון כוחות־פאַרמעסטונגען, גייסטיק געשטאַרקט, מאָראַליש דערהויבן, אינטע־לעקטועל אַנטוויקלט. נאָך מער, ער האָט נאָך מיטגעבראַכט מיט זיך, פון אָט דעם „ממעמקים” פון אוממענטשלעכער פּיין און צרות־אויסשטיין, אַ היפּשן רייכטום פון קענטעניש און וויסן.

ער איז אַריין אין געפענגעניש כמעט אַ רויער, כאָטש אַן אידעאַליס־טיש געשטימטער בחור, און איז אַרויס אַ רייפער מאַן מיט אַ טיפן באַגעם און ברייטע ידיעות אין דער וועלט־ליטעראַטור און, וואָס איז פיל שעצ־באַרער, אין דער פאַרהוילענער מענטשלעכער נשמה. אויף אָט דעם זאָגט עדות זיין ווערק, אין וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ גרויסער פּסיכאָלאָג, אַ שריפטשטעלער פון אַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט און דעס־קריפּטיווער מאַכט, וואָס איז אַ זעלטנהייט אַפילו צווישן די גרעסטע וואָרט־קינסטלער.

איר לייענט אָט־דעם „אַז־ישיר” וועגן דעם טריאומף פון אַ קרעפטיקער פּערזענלעכקייט איבער די שווערסטע אומשטענדן, ערגסטע נגישות, רשעות, פּייניקונגען און דערנידערונגען, וואָס אַ סאַדיסטישע ראַכע־דאָרשטיקע געזעלשאַפט אין די פּערזאָנען פון די תפיסה־משגיחים, אויפ־זעער, פאַרוואַלטער, אַלערליי סטראַפּטשעס, האָט געקענט צוטראַכטן און אָנווענדן קעגן אירע שונאים, די אַזוי גערופענע פאַרברעכער, — איר לייענט אָט דעם „מזמור” און ניט ווילנדיק הייבט איר אָן צו גלויבן אין דער אַלמעכיקייט און אומבאַצוואונגענקייט פון מענטשלעכן ווילן, ווען ער איז געפּאָרט מיט אַ טיפן גלויבן אין אַן אַלמענטשלעכן אידעאַל.

אמת, בערקמאַן האָט די געפענגעניש ניט בייגעקומען אין דעם סאָציאַלן פּשט פון וואָרט. אָט־דער אומגעהויער איז געבליבן נאָך בערק־מאַנס באַפרייאונג דאָס, וואָס ער איז געווען פאַר דעם. בערקמאַן מיט

זיין שרפהן זיך אין די פייערן פון דעם דאָזיקן גיהנום־התחתון האָט ניט, ווי די צדיקים אין די גוט־האַרציקע לעגענדעס, אָפּגעקילט זייער היץ און ברען, ניט געשטילט זייער רציחה־צאָרן, ניט געמינערט זייערע פּרעסערישע אַפּעטיטן. ער האָט אָבער בייגעקומען די געפּענגעניש פאַר זיך, פאַר זיין פּערזאָן. און דאָס איז אַ זיג־געזאַנג — אַן הללויה צום מענטשלעכן אויסדויער, בטחון, שטייפקייט פון כאַראַקטער, אַדאַמאַנטיש־קייט פון גלויבן. ווי אַזוי האָט דער מאַרטירער בערקמאַן באַוויזן אָט־דעם וואונדער? מיט וועלכן שם־המפורש האָט ער באַצוואונגען אָט־די חיה־רעה?

קודם־כל איז אים בייגעשטאַנען זיין פּאָעטישע נאַטור. וואָס מיין איך? איך מיין זיין אַלץ־אַרומפאַסנדיקע ליבע, זיין איבערגעבנקייט צו אַלץ און אַלעמען, צו די קרבנות פון צרהדיקן, מענטשלעכן שיקזאַל און רשעותדיקן געזעלשאַפטלעכן איינשטעל, צו אַלע מיזעראַבלע באַשעפענישן, וואָס מאַטערן זיך אויף דער וועלט, אין אָט־דער גרויסער תפיסה, צו אַלע קעגנשטאַנדן און דערשיינונגען.

אַ קלאַנג, אַ בראַזג, אַ קלימפּער, אַ קרעכץ פון אַ זאַוויעסע, אַ סקריפּ פון אַ טיר זיינען פאַר אים לעבעדיקע ברואים. ער נעמט אין זיי אַ וואַכזאַמען אינטערעס. ער שטעלט זיך מיט זיי אויף איין ניוואָ פון מענטשלעכקייט. אַזוי אַז ווען ער איז אינגאַנצן איזאָלירט פון דער וועלט מיט איר שפע פון פענאָמענען, בלייבט ער אַלץ ניט איינער אַליין פאַרוואָרלאָזט, פאַרשטויסן.

ער האַלט אַן אַ וואַרעם־לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט זיין באַגרענעצטן אַרום. און זייענדיק איינגעשלאָסן און אויסגעשלאָסן, איז ער פאָרט אויס־געבונדן מיט אַלעמען.

„איך שטיי נאָענט צו די שטאַנגען און כאַפּ די דערפרייענדיקע שטראַלן...

„די לעצטע בלייכן אויס, און אַ שטיק פון מיין האַרצן גייט אַוועק מיט זיי" (ז. 45).

אָבער אויך די שאָטנס זיינען אָנגעלייגטע אורחים. ער איז אין זיי ניט ווייניקער פאַראינטערעסירט.

„...די זיך אויסציענדיקע שאָטנס אויף די גרויע שטיינער שפרייטן אַרום זיך רו... ביסלעכווייז הערט אויף דער גערויש, די קלאַנגען שטאַרבן אָפּ. איך הער דאָס סקריפּן פון די פאַרראָסטע זאַוויעסעס... די שטיל־קייט... פילט מיך אָן מיט געהיימנישפולער פורכט. זי לעבט. זי פולסירט מיט אַ פאַמעלעכן, אָפּגעמאָסטענעם אָטעם פון עפּעס אַן אומגעהויער. זי

הויבט זיך און פאַלט, דערנענטערט זיך און רופט זיך אָפּ. דאָס איז אַן עלנט וואָס שלאָפט. אָט דריקט זי זיך שווער קעגן מיין טיר. איך הער איר פאַרשנעלערטן אָטעמען" (ז. 45—46).

אַלץ אַרום אים לעבט. די טויטע אומגעבונג קען אים דעריבער ניט אָפּטויטן. ער באַלעבט זי מיט זיין פאַנטאַזיע. ער פּערסאָניפיצירט אַפילו שטילקייט, ער מאַכט פאַר אַ "יש" דאָס סאַמע "ניט־זיין".

און וואָס פאַר אַ טיפע ליבשאַפט ער פילט צו די אומגליקלעכע מענטשן פון זיין תפיסה־סביבה, צו אָט־די דערשלאָגנסטע פון די דערשלאָגענע, צו אָט־די פאַרפייניקטע אויף טויט, צו אָט די צעטראָטענע און צעשטויבטע נפשות. ער האָט זיי ליב מיט זיין גאַנצן האַרצן. און די־דאָזיקע אהבה־רבה גיט אים פאַרשטענדעניש פאַר זייערע ליידן, פאַר זייערע אומגליקלעכע מעשים תעתועים, פאַר זייערע פאַרדאָרבענע זיטן און שלעכטער הנהגה, וואָס הייסן פאַרברעכנס.

אַלץ איז בלינד און טויב אויסער ליבע. זי שאַרפט זיינע חושים, זי גיט אים אַן אינערלעך אויג און ער בליקט אַריין אין דעם סאַמע חושך פון דעם געפאַלענעם מענטשן, זי גיט אים אַ וואַכזאַמען געהער, און ער פאַרנעמט דעם מינדסטן שוואַכסטן קלאַנג פון דעם האַרצ־רייסנדיקן יאָמער פון דער צעבראָכענער און צעשטאָכענער, סיי אין זינד און סיי אין חרטה, מענטשלעכער נשמה.

ליבע רופט אַרויס ליבע. די געפאַנגענע ליבן אים, ווי ער ליבט זיי, און זיין ליבע צו זיי און זייער ליבע צו אים פאַראיידלט, פאַרשיינט זיי, דערהויבט זיי, דערוואַרעמט זייערע פאַרגליווערטע גלידער. גיט זיי אַ זין אין לעבן. גיט זיי ליכט און טרייסט און שיין פון האָפענונג.

אַלע באַמיאונגען פון די געפענגעניש־סאַטראַפּן צו שאַפן אַ פיינט־שאַפט צווישן די אַרעסטאַנטן, די קרימינעלע פאַרברעכער, און בערקמאַנען, דעם שוידערלעכן "אַנאַרכיסט", זיינען אַרויסגעוואָרפן. זיי קענען ניט אויפשטעלן קיין טויבע וואַנט, קיין אומדורכדרינגלעכע מחיצה צווישן אָט־די גלייכע חברים, גלייכע אין אומגליק, עלנט און געפאַלנקייט. אַן אחדות ווערט אויסגעשמידט. אַ סאָלידאַריטעט ווערט צעמענטירט, וואָס קען ביישטיין די גרעסטע נסיונות פון געפענגעניש־לעבן.

„איר ווייסט, די „שרויפן" (וואַכלייט) האָבן מיך געוואָרנט קעגן אייך, און איך האָב מורא געהאַט פאַר אייך. איך ווייס ניט ווי אַזוי איך זאָל עס דערקלערן, אַלעק, אָבער דאָס מאָל, וואָס מיר האָבן געהאַט יענעם לאַנגן געשפּרעך לעצטן יאָר, האָב איך געפילט, אַזוי ווי עפּעס איז אַריבערגעגאַנגען גלייך פון אייך צו מיר, און זינט דאַן האָב איך

געהאַט פּאַר וואָס צו לעבן... די אידייע, וואָס איך האָב געקראָגן פון אייך איז צוגעשטאַנען צו מיר און זי איז געווען אַזוי צודרינגלעך, אַז איך דענק ווירקלעך, אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי די אומשטערבלעכקייט פון אַן אידייע... מיט עטלעכע וואָכן צוריק, זיצנדיק ביי מיין טיר, האָב איך געזען אַ פויגעלע אַרומשפּרינגענדיק אין דעם קאָרידאָר. ס'האָט אויסגעקוקט, ווי אים וואָלט געווען קאַלט און עס איז געווען הונגעריק. איך האָב אים צוגעוואָרפן אַ שטיקל פון מיין ברויט. אָבער דער אויפזעער איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער מיך געצוואונגען עס אויפצוהייבן און אָוועקטרייבן דאָס פויגעלע. עפּעס איז מיר דאַן אויפגעקומען אויפן געדאַנק די געשיכטע וועגן די פּויערים אין סיביר, און ווי אַזוי זיי טיילן זייער ברויט מיט אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטן (וואָס בערקמאַן האָט אים מיט אַ יאָר צוריק פאַרציילט — *א. ג.*) פאַר וואָס זאָל דאָס פויגעלע הונגערן בעת איך האָב ברויט? איצט לייג איך יעדע נאַכט אַוועק עטלעכע שטיקלעך ברויט לעבן דער טיר, און אין דער פרי, פונקט ווען עס הייבט אָן טאָגן, און יעדער איינער שלאָפט נאָך, גנבעט זיך דאָס פויגעלע צו און קריגט זיין אָנבייסן. ס'איז די אומשטערבלעכקייט פון אַן אידייע, אַלעק" (ז"ז 534—586 אין מ. קאַטץ און א. פרומקינס איבערזעצונג, 1921).

בערקמאַן האָט אים געגעבן מער ווי אַן אַבסטראַקטע אידייע. ער האָט אים געגעבן אַ קאָנקרעט מענטשלעך האַרץ, אַ וואַכזאַמען געוויסן, אַ קוואַל וואָס שפּרודלט מיט ליבשאַפט צו אַלע ליידנדיקע סיי מענטשן סיי אַנדערע באַשעפענישן.

ווער וואָלט עס געקענט באַוויזן אויפצוטאָן? בלויז אַ וואונדער־מענטש, אַ מענטש פון גרויסער ליבע און גלויבן אין מענטשן, ווי אַלעקסאַנדער בערקמאַן איז געווען.

„אַוועקצוגעבן אַלץ, פרייוויליק, פריידפול; מער, ענטוזיאַסטיש — ווער וואָלט פאַרפעלן צו פאַרשטיין אַט אַזאַ ליבע?" (ז. 59 ענג. אויסגאַבע).

בערקמאַנס ליבשאַפט, זיין אהבת־האדם, נערט זיין וויזיע, זיין גלויבן אין גרויסן אידעאַל פון דער מענטשלעכער דערוואַכונג און דערהויבונג.

אַט דער גלויבן גיט אים כוח אַלץ אַריבערצוטראָגן, אַפילו די גרעסטע און שווערסטע אַנטוישונגען.

בערקמאַן מאָלט פאַר אונדז אָפּ זיין גרויסאַרטיקע וויזיע.

„...די געטין פון סאָציאַלער רעוואָלוציע. איך האָב זי געזען

גאַנץ דייטלעך: הויך און באַפּעלנדיק, אַ העלער שיין פון אַלץ־באַזיגנדיקער ליבע אין אירע אויגן. זי איז געשטאַנען ביי דער זייט פון מיין בעטל. אַ שמייכל פון גרויס צערטלעכקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר מאַיעס־טעטישן געזיכט, איר אָרעם אויסגעשטרעקט איבער מיר... די שטראַלן האָבן זיך געצויגן אין אַ פייער, וואָס האָט זיך געשפרייט און אויגנ־בליקלעך האָט ער צעשמאָלצן דעם אייזן און שטאָל, און צענומען די ווענט פון געפענגעניש און האָט אַנטפּלעקט פאַר מיין אַנטציקטן בליק גרינע פעלדער און וועלדער, און מענער און פרויען, וואָס אַרבעטן שפילפול אין דער זונשיין פון פרייהייט". (ז. 114, ענגלישע אויסגאַבע, מיין איבערזעצונג — א. ג.)

דער אידעאַל פון פרייהייט איז געווען אַזוי טיף איינגעבאַקן אין זיין האַרצן, אַז ער האָט אָנגענומען ביי אים אַ קאָנקרעטע געשטאַלט פון אַ פרוי, פון אַ מין „שכינה" פון פרייהייט.

פון וועלכן טיפן מקור האָט געצויגן איר יניקה בערקמאַנס אמונה שלמה אין דער אויסלייזונג פון דער גאַנצער מענטשהייט? וואָס האָט געהאַלטן אין פולן גלי די דערוואַרטונגען פון אָנקום פון אַט־יענעם גליקלעכן צושטאַנד?

דעם דאָזיקן קוואַל דאַרף מען זוכן אין זיין פריסטער יוגנט, אין זיין קינדהייט.

אַט־וואָס בערקמאַן דערציילט אונדז וועגן דעם:

„אַך, ווען די וועלט וואָלט זיך פאַרטראַכטן פאַר איין קורצער ווײַלע, און וואָלט פאַרשטיין און ווערן פריי.

ניט־ווילנדיק דערמאָן איך זיך וועגן דער אַלטער לערע פון די יידישע חכמים: איין רגע פון רעכטפאַרטיקייט, פון כלו זכאי, און משיח וואָלט אַראָפּגעקומען אויף דער ערד. אַט־דער פּראַכטפולער צוזאָג האָט שטאַרק אַפּעלירט צו מיר אין די טעג פון מיין קינדהייט. דער באַרעמ־הערציקער גאָט פאָדערט פון אונדז ווייניק, פלעג איך אָפט נאָכדענקען. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט אָפּהאַלטן פון זינד און שלעכטס, כאָטש פאַר דער קורצער צייט פון אַ פינטל מיטן אויג?

פאַר וואָכן בין איך אַרומגעגאַנגען געבויגן אונטער דער לאַסט פון ווייטאָק איבער דעם שיקזאַל פון פאָלק ישראל, וואָס וויל ניט תשובה־טאָן און וויל ניט אויסגעלייזט ווערן... מיין נייגעריקער מוח איז געווען פול מיט פּלענער ווי אַזוי צו ברענגען די גאולה. ווי אַ געטלעכע אינספּיראַציע איז געקומען די לייזונג פון דעם פּראָבלעם: פונקט ווען דער זייגער שלאָגט 12 מיטאָקצייט אין אַ פאַרויסבאַשטימטן טאָג זאָלן

אַלע יידן, מענער און פרויען, איבער דער גאַנצער וועלט פאַלן כורעים מיט אַ געבעט. אַלע אין איין אָפּגערעדטן מאָמענט, אַלע אויף אַמאָל — און זע, משיח קומט!

אין אַגאַניזירנדיקער פאַרלעגנהייט האָב איך געקוקט אויף מיין רבין ווי ער שאָקלט פון אַ זייט צו מיטן קאָפּ. זיין מילדער שמייכל האָט אַריינגעוואָרפן אַ ציטערנדיקע שרעק אין מיין מיט פאַרגעניגן־פלאַטערנ־דיקן האַרץ.

— די קינדער פון ישראל קען מען אַזוי ניט ראַטעווען — האָט ער געזאָגט פאַרטרויערט.

מיט אַ געפיל פון ניכטערן אומעט, טראַכט איך וועגן דער נייער האָפענונג, דעם רעוואָלוציאָנערן משיח. פאַרוואָר, מיין אַלטער רבי איז געווען פיל קליגער, ווי ער האָט געמיינט...

...דער פאַקל פון פאַרשטאַנד דאַרף באַלייכטן די פינצטערניש פון די מענטשלעכע מוחות, איידער דער בלינדער אויפשטאַנד וועט צערייסן... די וואָלקנס.. און מיר וועלן דערזען די העלע פראַכט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע..." (ז"ז 226—227).

די גרעסטע יידישע אַספּיראַציע, דער גלויבן אין דעם ענטגילטיקן נצחון פון יושר און צדק, וואָס קלאַפּט אין יעדן יידישן האַרצן האָט אויך געקלאַפּט אין דעם גרויסן מענטשהייט־ליבנדיקן האַרץ פון מאַרטירער אַלעקסאַנדער בערקמאַן. ער איז געווען אַ געטרייער, לאָיאַלער זון פון גרויסן מאַרטירער־פאָלק.

און זיין גרויס ווערק „מעמואַרן" וואַרפט, אָן זיין כוונה, ליכט אויף דער געשיכטע פון יידישן מאַרטירער־פאָלק. קיינע רדיפות, קיינע עינויים קשים, וואָס אים קומט אויס אויסצושטיין אין גלות־תפיסה קענען אים ניט צעברעכן, ווייל ער גיט ניט אויף זיין גלויבן אין נצחון פון גערעכטי־קייט איבער אומרעכט, אין זיג פון גוטסקייט איבער שלעכטס, אין טריאומף פון ליבע איבער שנאה.

בערקמאַנס לעבן אין געפענגעניש איז דאָס לעבן פון זיין פאָלק, געמאָלן אין מיניאַטור.

„פרייע אַרבעטער שטימע", 23טן אויגוסט, 1946.

פּיאָטער קראָפּאָטקין

א.

דער נאָמען קראָפּאָטקין איז אַ צויבער־וואָרט. עס אַנטהאַלט אין זיך אַ פּראָגראַם פון עקסטרעמען ראַדיקאַליזם. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר פון דעם כישוף, וואָס דער שם אַנטהאַלט, נייערט די פּערזענלעכקייט וואָס שטייט פאַרן און הינטערן שם. פאַראַן גרויסע טעאָרעטיקער, ווי גרויסע מוזיקער, גרויסע קינסטלער, וואָס זיינען צום גרויסן באַדויערן, קליינע מענטשן, אַמאָל גאָר קיין מענטשן ניט. פּיאָטער קראָפּאָטקין דער מענטש איז גרעסער פון פּיאָטער קראָפּאָטקין דעם געלערנטן. דאָס איז די הויפּט־זאַך. מיר האָבן פאַר זיך אַ ריזיקע עטישע פּערזענלעכקייט. און עטיק האָט אין זיך אַ באַזונדער כוח וואָס איז „ניט פון דער וועלט". עטיק, עטישער אויפפיר, צידקות אַפּעלירט מער צו מענטשן — און ס׳רוב מענטשן זיינען דאָך פּשוטע מענטשן — ווי געלערזאַמקייט. אויף לומדות, אויף געלערזאַמקייט דאַרף מען זיין אַ מבין, אַ קענער אום צו זיין אימשטאַנד עס אָפּצושאַצן. עטישן אויפפיר, לערע דורך טאַט, דורך מעשה, — דורך פּערזענלעכן ביישפּיל, פאַרשטייען אַלע נאָרמאַלע מענטשן, באַנעמען אַלע, באַוואונדערן אַלע. און אין קראָפּאָטקינס עטישער פּערזענלעכקייט ליגט זיין גבורה. מיט דעם האָט ער באַצוואונגען מוחות און הערצער פון אָנהענגערס און קעגנערס צוגלייך.

ער איז געווען אין זיין אויסגעהאַלטענעם רעוואָלוציאָנערן אויפפיר אַ ריטער אָן פּעלער און אָן פּחד.

ווען מע וויל געפינען עפּעס ענלעכעס צו אים דאַרף מען אַוועק צו אַמאָליקע צייטן, אין אינדיע, טאַקע צו בודהאַן, צו דעם גרויסן סאַקיאַמוני, צו דעם פּרינץ וואָס איז געוואָרן אַ בעטלער און האָט אָפּגעריכט גלות.

פּ. קראָפּאָטקין איז אַ פּרינץ אַ מורד במלכות, און מער ווי דאָס. ער האָט געלערנט אַז מע דאַרף בכלל קיין מלכות ניט. און וואָס פאַר

אַ פּרינץ! ניט אַ נײַ אויפגעקומענער, פון די „פּאַרוועניוס״, די ראָמאַ־נאָוס, נאָר טאַקע פון די רוריקס, די ערשטע דינאַסטיע פון די הערשערס אין רוסלאַנד.

און וואו האָט ער זיך אויפגעהאָדעוועט? אין קייזערלעכן הויף. און פון דאָרטן איז ער אַרויס אַ קעגנער פון מאַכט, פון רעגירונג. פון די מ״ט שערי טומאה איז אַרויס אָט־דער צדיק, אָט־דער אַנאַרכיסט, דער קעמפער פאַר פרייהייט.

ב.

זײַן לערע איז אָנגענומען צו רופן אַנאַרכיזם־קאָמוניזם. און אַזוי האָט ער זי אַליין גערופן. אָבער באמת וואָלט זיך בעסער געפּאַסט צו באַצייכענען זײַן שיטה אין עקאָנאָמיק אלס ״אבונדאַטיזם״. ווײַל ער האָט געלערנט, איך האָב שיער ניט געזאָגט, ער האָט נביאות געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען אַלע מאַטעריעלע גיטער וועלן זיך געפינען אין אַזאַ שפע, אַז מע וועט מער ניט ציילן, מעסטן און וועגן וויפיל איינעם קומט פאַר זיינע באמיאונגען אויף דעם ווירטשאַפטלעכן געביט, נאָר מע וועט לאָזן יעדן נעמען וויפיל זײַן האַרץ געלוסט, וויפיל ער וויל אַליין.

קראָפּאָטקין אַרגומענטירט בערך אַזוי: ערשטנס קען מען גאָר ניט געפינען אויסרעכענען יושרדיק וויפיל איינעם קומט באמת אויס אויף זײַן חלק לויט דער מאָס פון די רעזולטאַטן וואָס עס באַקומט זיך פון זײַן אַרבעט. ווײַל מיר אַלע זײַנען שולדיק אַ גרויסן חוב צו דעם מענטשלעכן זשעני פון דערפינדונג. צווייטנס, וועט מען ניט דאַרפן זײַן אַזוי קליינלעך, מע וועט אין דער צוקונפט מעגן זײַן ברייטהאַרציק, ווײַל עס וועט זײַן גענוג, איבערגענוג פאַר אַלעמען. ער ברענגט ביישפּילן פון די גרויסע ביבליאָ־טעקן, די גײַסטיקע רעסטאָראַנען, און די איינפאַכע רעסטאָראַנען. יעדער איינער וואָס קומט אַרײַן אין ביבליאָטעק און בעט ביכער צום לייענען קריגט זיי, און מע איז ניט בודק זײַנע ציצית, צי ער איז אַ געלערנטער, צי בלויז אַן איינפאַכער לייענער. אַלע זײַנען גלײַך. דאָס אייגענע בנוגע ברויט אין די רעסטאָראַנען: עס ליגט אויפן טיש, יעדערער נעמט וויפיל ער וויל, לויט זײַן אַפּעטיט, דאָס אייגענע וועט זײַן, קען זײַן, וואָס אַנבאַלאַנגט אַלע מאַטעריעלע גיטער [1].

1) P. Kropotkin, *Anarchist Communism,* p. 47, 57, Vanguard, 1927, N, Y.

דער אמת איז, אַז די טעכנאָקראַטן האָבן באַשטעטיקט מיט סטאַטיסטיק, מיט ציפערן און טאַבעלן, וואָס לייגן ניט, אָט־דעם פּראָפעטישן טעזיס פון פּיאָטער קראָפּאָטקין.

אין קראָפּאָטקינען האָט געערעדט די „רוסישע נאַטור", די רוסישע רחבות. אָט־דער פּאַרצייטיקער שפּרוך, מיט וועלכן די רוסן האָבן זיך געווענדט טאַקע צו די רוריקס ווען זיי האָבן זיי איינגעלאַדן צו זיך אין לאַנד:

„אונדזער לאַנד איז גרויס און האָט אַ שפע, וואָס עס פעלט איז אָרדענונג". קראָפּאָטקין האָט אויך אַזוי געהאַלטן: די ווירטשאַפט אַדאַנק דעם מענטשלעכן דערפינדערישן זשעני קען געבן וואוילזיין פאַר אַלעמען, וואָס עס פעלט איז אָרדענונג, אַן איינשטעל, געבויט אויף יושר און פרייהייט.

ג.

פּיאָטער קראָפּאָטקין האָט געשיינט אין הימל פון ראַדיקאַליזם ווי אַ ליכטיקע זון, נאָר עפּעס ווי אַ שוואַרצער בלייענער וואָלקן האָט אים פאַרטונקלט אין די יאָרן פון 1914—1919 בשעת דעם ערשטן וועלט־קריג. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דייטשלאַנד. ער האָט גערופן זיינע תלמידים, יונג און מילטיעריק, זיך אַנצושליסן אָן דער אַרמיי און גיין אין קריג, אין מלחמת־מצווה, קעגן דעם דייטשישן באַרבאַר, קעגן די הונען, וואָס ווילן פאַרשקלאַפן אייראָפּע.

מיר, די יונגע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געווען דעפיטיסטן, ד"ה דערוואַרט אַ מפּלה פאַרן צאַרישן רוסלאַנד, זיינען געווען שאָקירט פון קראָפּאָטקינס אויפפיר. מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קען אָט־דער הויכער גייסט פאַלן אַזוי נידעריק. און מיט ווייטיק און גרויס עגמת נפש האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון אים, פון צו פאָלגן אים. און פאַר אַ קורצער צייט איז ער אַריין אין אַ „ליקוי־חמה"־פּאַזע.

אָבער אָט־די צווייטע וועלט־מלחמה האָט ערשט באַוויזן אַז קראָפּאָטקין איז געווען ניט אינגאַנצן אומגערעכט. ער האָט בעסער געוואוסט און באַנומען דעם סאַטאַניסטישן כוח וואָס איז געלעגן אין דייטשישן מיליטאַריזם, אין דייטשישן יונקעריזם. ער האָט געפילט פּראָפעטיש־אינטואיטיוו וואָס אָט־די „בלאָנדע חיות" גייען טאָן צו דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, צו דער אייראָפּיאישער קולטור.

עס איז מערקווירדיק, אַז דער רוסישער אַנאַרכיסטישער „טריאָ",

די שלשה אבות פון רוסישן אַנאַרכיזם, האָבן פיינט געהאַט שנאת־מות דעם פרייסישן יונקערטום.

אָט־וואָס באַקונין שרייבט:

„אין דייטשלאַנד אָטעמט מען אַריין די לופט פון אַן אומגעהויער שווערער פּאָליטישער און סאָציאַלער קנעכטשאַפט, וועלכע ווערט פילאָזאָפיש רעכטפאַרטיקט און אָקצעפּטירט פון אַ גרויסן פאָלק מיט בכיוונדיקער רעזיגנאַציע און „פרייוויליקייט". אירע העלדן — איך רעד פון דער קעגנווערטיקער דייטשלאַנד... זיינען ווילהעלם דער ערשטער... ביסמאַרק און מאָלטקע, די גענעראַלן מאַנטויפעל און ווערדער. אין אַלע אירע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן, פון סאַמע בראשית פון איר עקזיסטענץ, איז דייטשלאַנד תמיד געווען פאַרנומען מיט אַ פאַמעלעכער און סיסטעמאַטישער אינוואַזיע, מיט אונטעריאָכן, און שטענדיק געווען גרייט איינצופירן איר אייגענע וואָלונטאַרע שקלאַפעריי אין די לענדער פון אירע שכנים; און זינט זי איז געוואָרן פעסט עטאַבלירט ווי אַ גרויס־מאַכט איז זי אַ געפאַר, אַ סכנה פאַר דער פרייהייט פון גאַנץ אייראָפּע. היינט צו טאָג איז דייטשלאַנדס עבדות ברוטאַל און טריאומפירנדיק [2]".

טאָלסטאָי אין זיינע עסייען וועגן דערציאונג באַקעמפט די דייטשישע סיסטעם פון „רואיקייט און אָרדענונג" און שטימט איין מיט באַקונינען, אַז דער רוסישער מיליטאַריזם איז בלויז אַ פועל־יוצא פון דייטשישן מיליטאַריזם, אַז דער יונקער פאַרסמט די רוסישע נשמה און וויל פאַרסמען גאַנץ אייראָפּע. קראָפּאָטקין האָט געטיילט די אייגענע מיינונג — און די צווייטע וועלט־מלחמה האָט באַוויזן, אַז זיי זיינען געווען הונדערט פּראָצענט גערעכט.

און ווען אָט־דער „חטא" פאַלט אַראָפּ, בלייבט קראָפּאָטקינס פּערזענלעכקייט אָן דעם קלענסטן שפּרינקל.

פּיאָטער קראָפּאָטקין — אַן עטישע זון אָן פלעקן.

„פרייע אַרבעטער שטימע", 22טן פעברואַר, 1946.

2) M. Bakunin, *God and the State*, p. 44. ed. Mother Earth.

לונאַטשאַרסקי — אַנאַטאָלי וואַסילעוויטש

1875—1933)

ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם נאָטיץ אין די ציַיטונגען, אַז לונאַטשאַרסקי, דער ערשטער קאָמיסאַר פון בילדונג אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד איז געשטאָרבן, האָט מיר אַ ריס געטאָן אין האַרצן.

טויט איז אַ מאָדנער ענין. דאָס איז אַ זאַך, וואָס מיר קענען עס ניט משיג זיין, קענען עס ניט פאַרדייען און קענען בשום אופן מיט דעם ניט שלום מאכן.

דאָס איז דער סוד פון אַלע סודות, די געהיימעניש פון גיין, אויפגיין און פאַרגיין.

דאָס איז די פאַרהילטע מיסטעריע, וואָס פון אונטער איר דיקן שלייער שעפּטשעט זי צו אונדז עפּעס אַזוינס, וואָס מיר זיינען ניט בכוח צו באַגרייפן און ניט אימשטאַנד עס ניט צו פילן, איגנאָרירן עס.

ווען מ׳דערגרייכט אַ געוויסן עלטער, ווען אַ געוויסע צאָל באַקאַנטע פעקלען זיך און קלייבן זיך ביסלעכוויַיז אַריבער אויפן עולם־האמת, נעמט עפּעס ווערן ווי קאַלעמוטנע אויפן האַרצן.

יעדער אָוועקגעגאַנגענער איז עפּעס ווי אַ מין שליח, וואָס מיר שיקן אומווילנדיק אָנצוזאָגן, אַז מיר וועלן אויך קומען, אַז מיר מוזן קומען...

און עס דוכט זיך אַלע מאָל אויס, אַז ער שטייט דאָרטן אויף יענער זייט פאַרהאַנג, וועלכער צעטיילט די צוויי וועלטן און ער מאַכט מיט די הענט און רופט אונדז.

איך וואָלט ניט וועלן, אַז דער לייענער זאָל זיך שאַפן דעם פאַלשן איינדרוק, אַז לונאַטשאַרסקי איז געווען מיינער אַ פּערזענלעכער פריינט.

הגם אַ פּאָליטישער שונא. מיר האָבן געהאַט אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. עס זיינען געווען פערזאָנען, אין וועלכע די ליניעס פון פּריוואַטע פריינטשאַפט און פון געזעלשאַפטלעכער פיינט־שאַפט פלעגן זיך איבערצלמען אויף אַ משונהדיקן אופן.

בנוגע לונאַטשאַרסקין — איך האָב אים אַסך מאָל, נאַטירלעכוויז, באַגעגנט. איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו ריידן פון איין פּלאַטפאָרמע מיט אים, אונטער דעם פּאָרזיץ פון דעם באַוואוסטן חיות־טאַמעווער, דוראָוו.

וואָס איז שייך דעם טויט פון פיזישן קערפּער און טויט פון פּסיכאָלאָגישן קערפּער און זיין סאָציאַלער השפעה ווייס איך ניט פון קיין בעסערער, האַרציקערער שילדערונג ווי די, וועלכע מאָלט מיט קורצע אָבער בולטע שטריכן דעם טויט פון משהן דעם געזעצגעבער.

משה האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך־המות. ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. ער האָט זיך שטאַרק געדונגען. איז מען איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה. ער זאָל שטאַרבן געזעלשאַפטלעך און בלייבן לעבן פיזיש. דאָס הייסט, זיין קערפּער פונקציאָנירט אָבער זיין השפעה, זיין איינפלוס אויף זיין צייט און זיינע מיטמענטשן איז פאַרהויכט און פאַרקלונגען.

ער איז איינגעגאַנגען אויף דעם, לכתחלה, אָבער אַז ער האָט דאָס נעדאַרפט דורכפירן אין זיין פּריוואַטן לעבן — האָט ער עס ניט געקענט באַווייזן.

מ׳האָט אים געהייסן גיין צו יהושען הערן תורה, אים באַדינען. דאַן האָט משה אויסגעשריען:

„בעסער טויזנט טויטן איידער איין מאָל מקנא זיין יענעם״...

לונאַטשאַרסקי איז קיין משה ניט געווען, אַזאַ עניו אַוודאי ניט, אַזאַ גרויסער מענטש אויך ניט.

אָבער גלייך ווי משה אין דער לעגענדע איז ער נפטר געוואָרן געזעלשאַפטלעך, איידער ער איז געשטאָרבן קערפּערלעך.

אין פּשוטע ווערטער: מ׳האָט אים אַראָפּגעזעצט פון זיין גרויסן אַמט, און ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, זיך געבלאָנקעט אַהין, אַהער, אָן אַ תיקון, אָן אַ באַשעפטיקונג.

אמת, טראָצקי האָט אויך געכאַפּט אָפּגעשניטענע יאָרן, אויפגע־פלאָקערט אַזוי רייך־צויבערהאַפט און פאַרגאַנגען אין וואָלקנס.

אָבער טראָצקי איז גאָר אַן אַנדער פּרשה. ער איז פאַרגאַנגען אין קאַמף. ער טראָגט כמעט ווי אַ קרוין פון דערנער אַרום זיין אָנגעבויגענעם, אָבער נאָך אַלץ פאַררייסענעם, קאָפּ.

בעת מיט לונאַטשאַרסקין איז עס געווען אַ רעזיגנאַציע, אַן איבער־געוואַלדיקע אונטערוואַרפנקייט צום מאָדנעם שיקזאַל.

אַ דונער האָט אים ניט געטראָפן. מ׳האָט אים ניט אויסגעריסן מיטן וואָרצל, נאָר איבערגעבראָכן און ער האָט געגוססט. ניט לעבעדיק, ניט טויט געווען. ער פלעגט שטאַרבן טאָג־טעגלעך.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די צוויי פּערזאָנען, ווי פאַרשיידן זיי זיינען ניט אין זייער כאַראַקטעריסטיק, זיינען זיי ענלעך אין דעם, וואָס ביידע זיינען זיי געווען אַ מין שעטנז אין באַלשעוויסטישן רויטן מלבוש.

טראָצקי האָט פאַרמאָגט צופיל פאָזע און העזה, אָנגעבלאָזנקייט און דרייסט. און דרייסט איז ניט קיין אמתע גבורה, ווי קאָקעטעריי איז ניט קיין שיינקייט. טראָצקי האָט געהאַלטן אין איין שפּיגלען זיך אין דער געשיכטע, וועלכע וועט באַריכטן יעדן טריט און שריט, וואָרט און שלאַג־וואָרט זיינעם.

ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין אמתער באָלשעוויק. אים האָט געפעלט די באָלשעוויסטישע פּשטות, זייער איינזילביקייט און ווידער־האָלנקייט, צום דערעסן ווערן. ער איז אַלע מאָל געווען און פאַרבליבן דער „אינטעליגענט" און דעריבער האָט ער ניט געוואוסט קיין מאָס, סיי אין אכזריות סיי אין רעוואָלוציאָנערישקייט.

באָלשעוויזם און באָלשעוויק איז אַ מאָדנער סינטעז פון דעם גייסט פון רעוואָלט און פּשרה; זיי זיינען אוטאָפּיסטן מיט אַ שטאַרקן געזונטן חוש פאַר רעאַליטעט. און זייער אוטאָפּיסטישקייט נוצן זיי אויס פאַר פּראַקטישע צוועקן.

טראָצקי איז איבערטריבנקייט אַליין. און ווי נאָר דער ערשטער פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע איז אַריבער איז ער אַוועק. ווען לענין איז געשטאָרבן — איז טראָצקי באַגראָבן געוואָרן.

לונאַטשאַרסקי איז דאָס אייגענע. אָן לענינען האָט ער קיין ממשות ניט געהאַט. זיין סטיל, זיין שרייבן, זיין ריידן, זיין שטימע אַפילו, זיינע באַוועגונגען, זיין גאַנצער מהות, זיין קאָנסטיטוציע סיי פון טראַכטן, סיי פון פילן — איז ניט געווען באָלשעוויסטיש.

און די באָלשעוויקעס האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פרעמדן.

אין די יאָרן פון רעאַקציע איז ער געווען איינער פון די גאָט־זוכער. זיי האָבן כמעט ווי באַשאַפן דאָן אין רוסלאַנד עפּעס אַ מין מיסטישע, אויב ניט באַוועגונג, לכל־הפּחות שטימונג.

קענט איר זיך פאָרשטעלן אַ באָלשעוויק פאַרנומען מיט זוכן דעם רבונו של עולם, אָנשטאָט מיט אונטערערדישער אַרבעט.

עס קלעפּט ניט. עס האַרמאָנירט ניט.

ער האָט זיך שפּעטער באַקערט, געפונען לעניגען. אָבער דעם פּלעק האָט ער קיינמאָל ניט געקענט אָפּוואַשן, אַפילו ווען ער האָט זיך געבאָדן אָן אַן אויפהער אין די הייליקע וואַסערן פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראַזעאָלאָגיע, אויף וואָס ער איז געווען איינער פון די גרעסטע מייסטערס.

זיין שטימע איז געווען צו ווייך. ער האָט ניט גערעדט ווי אַ פאָלקס־טריבון דאַרף ריידן. זיינע פּראָזן, זיין רוסיש איז געווען צו גוט, צו איידל, צו געצאַצקעוועט, געדרעקסלט. און דאָס האָט געמוזט שמעקן בורזשואַז. די כלה איז געווען צו שיין. ער איז געווען דער שענסטער רעדנער וואָס סאָוויעטן־רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט. אָבער ער האָט צופיל גלאַנץ געהאַט.

לענין האָט אים אַמאָל אָנגערופן אין זיין אָנוועזנהייט אויפן קאָנגרעס פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, בעת ער איז געווען פאַרנומען מיטן איבער־זעצן די רעדעס פון די איטאַליענער דעלעגאַטן — „באַלדאַ״. אויף יידיש וואָלט ער הייסן טיפּוש. וואָס לענין האָט געמיינט איז, אַז אים פעלט רעוואָלוציאָנערער שכל.

און דאָס זידל־ווערטל האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים און מ׳האָט עס גענוצט, הגם אין זייער אַן ענגן קרייז.

ווען מ׳האָט פאַרמירט דעם ערשטן מאָל דעם „סאָוונאַרקאָם״, דעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, האָט ער גלייך פאַרנומען זיין פּאָסטן אַלס קאָמיסאַר פון בילדונג. בילדונג האָט אַריינגענומען טעאַטערס און אוני־ווערסיטעטן, וכדומה „בורזשואַזע״ אינסטיטוציעס.

אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט אַז דער בירגער־קריג האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט אין מאָסקווע, און די רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך ניט געקענט העלפן, זיי האָבן געמוזט אַביסל אונטערבאָמבאַרדירן דעם קרעמל, האָט ער זיך דערשראָקן:

— סטייטש, פאַרשוועכן אַ טעמפּל פון היסטאָריע און קונסט!

די פאַרגאַנגענהייט האָט ביי אים פאַרנומען מער פּלאַץ ווי די צוקונפט.

די פאַרגאַנגענהייט איז אים געווען טייער, באַליבט, בשעת די צוקונפט איז געשטאַנען אונטער אַ פראַגע־צייכן, אַ בלאַסער פּנים איבערגעצויגן מיט אַ נעפּל.

דאָס אַליין ווייזט, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען אינגאַנצן מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע; אַז ער איז ניט געווען אַ הונדערט פּראָצענטיקער באָלשעוויק.

אמת, אַזוי ווי ער האָט זיך אָפּגעבריט, האָט ער נאָכדעם געבלאָזן

אויף קאַלטע. ער איז געווען זייער אָפּגעהיט נאָכצוטאָנצן די אמתע גדולים. ער האָט ניט געהאַט דעם דרייסט אַרויסצוזאָגן זיין אמתע אינעווייניקסטע מיינונג וועגן וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן. סיידן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קלייניקייטן, ווי פאַרזאָרגן אַ געלערנטן, אַ שרייבער, אַן אַקטריסע מיט אַ „פּאַיאָק".

און וועלנדיק גובר זיין זיין אינעווייניקסטע קעגנערשאַפט צו דער אכזריות פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים און וועלנדיק פאַרשטיקן זיין אייגענעם קול־דממה דקה פון געוויסן — פלעגט ער זיך צעשרייען און צעליאַרעמען און אָפּלויבן עס אין טאָג אַריין, און אַריינפאַלן אין לעכערלעכע גוזמות, וועלכע האָבן ווייטער ניט געקלונגען אמת באָלשעוויסטיש. די טענער זיינען געווען פאַלשע.

איך געדענק אַ פאַל, אַ פאַרזאַמלונג אין פּאָליטעכנישן מוזיי. אַ גרויסער עולם. פּאַסע, אַ באַרימטער כלל־טוער און אַן אַנאַרכיסט פון כמעט אַ טאָלסטאָיאישן שניט, האַלט אַ רעפעראַט. לונאַטשאַרסקי איז אויף דער פּלאַטפאָרמע. זיי זיינען געווען פערזענלעכע פריינט.

פּאַסע, זייענדיק אַן עקזאַלטירטע פערזאָן, גיט זיך אַ בוכצע אַן דר'ערד, גיט זיך אַ שטעל פלוצים אויף די קני פאַר לונאַטשאַרסקין און מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און מיט אַ וויינענדיקן קול בעט ער זיך רחמים ביי אים, ער זאָל זען פועלן ביי לענינען, אַז מ'זאָל אָפּשאַפן טויט־שטראָפן, וועלכע זיינען געווען דעמאָלט שטאַרק אין דער מאָדע. די טשעקאַ האָט געבושעוועט, געאַרבעט אויף טיש און אויף ביינק.

וואָס טוט לונאַטשאַרסקי? קאַלט־בלוטיק, כמעט מיט בטול, קוקט ער אים אָן און ער ענטפערט בזה הלשון:

— עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער ביקס פון רויטן אַרמייער וועט ווערן אַזאַ הייליקייט פונקט ווי דער צלם.

דאָס איז געווען אַזוי קינסטלעך־איבערטריבן, אַזוי אומנאַטירלעך, אַזוי אויסער אָרט און צייט.

ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט און פאַרטיידיקט טויט־אורטיילן מיט אַזאַ היץ ווי פון אַ קאַלך אויוון וואָלט עס אַרויס. און זיינע ווערטער האָבן געקלונגען פוסט און לער, ווי פון אַ פאַס.

אַ צווייטער פאַל. איך בין מיט אים אויף איין פּלאַטפאָרמע. טאַקע אין פּאָליטעכנישן מוזעאום. מיר פרעגן אים:

איז דען ניט די באָלשעוויסטישע מאָראַל האָטענטאָטיש?

אַלע וויסן דאָס האָטענטאָטישע געזעץ פון אויפפיר: ווען איך נעם דיין קו, איז דאָס יושר, ווען דו נעמסט מיין קו, איז דאָס אומיושר.

ער האָט געענטפערט מיטן פולן מויל, אַז אמת ויציב, דאָס איז די ריינע באָלשעוויסטישע מאָראַל. מיר זיינען האָטענטאָטן — האָט ער זיך צעלאָזט אויף זיין זיסער שטימע.

און די ווערטער האָבן זיך געקריגט מיט די טענער. און דער ווייכער לשון האָט ניט געקלעפּט צום האַרטן אינהאַלט. אַ טרוימער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ רוצח, אַ הורג־נפש.

לונאַטשאַרסקי, ווי זיין נאָמען באַדייט, הייסט אויף רוסיש לבנה־צויבער. ער איז עפּעס געווען אַ פאַרכשופטער, אַ ליריקער, כמעט אַ קינסטלער. ער האָט אָנגעשריבן פערצן דראַמעס, הגם מ׳האָט זיי אויפגעפירט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען דער ממונה אויף אַלע בינעס אין רוסלאַנד. און זיין מאָדנער מזל האָט גורם געווען און דער שטראָם פון די רוסישע געשעענישן האָט אים פאַרוואָרפן אויף אַן אינדזל, וואו אומבאַרימהאַרציקייט האָט געוואוינט. זיין קאָפּ האָט ער געצוואונגען מסכים זיין מיט דעם באָלשעוויסטישן פיר, אָבער זיין האַרץ האָט ניט צוגעשטימט.

און זיי האָבן עס געוואוסט. עס האָט זיין געקרענקט. זיין צעשפּאָלטנקייט האָבן זיי אים ניט געקענט פאַרגעבן.

אַ מענטש קען זיך ניט פאַרשטעלן, זיין גאַנצער יש זאָגט עדות וועגן אים. אַ מענטש איז אַ בוך אָן טאָוולען און ער לייענט זיך פון זיך אַליין. און ווער עס שטייט נאָענט הערט דעם ספּור־המעשה.

אָבער אחרי מות קדושים. מ׳האָט אים מקבר געווען ווי אַ באָלשעוויסטישן גדול. סטאַלין און מאָלאָטאָוו זיינען דערביי געווען. מ׳האָט אים אַוועקגעלייגט צווישן די קדושים פון באָלשעוויזם, אין דער וואַנט פון קרעמל, ניט ווייט פון דעם מאָוזאָלעאום, וואו לענין רוט.

וואָס איז דער סוף פון מענטשן, — פּשוטן אָדער געלערנטן, קלוגן אָדער נאַר, קעניג־טיראַן אָדער רעוואָלוציאָנער־טיראַן, זיגרייך, מעכטיק און דערפאָלגרייך אָדער טויגעניכטס און דורכפאַל?

איין סוף וואַרט אויף אַלעמען, און דאָס איז דער קבר, צי אין פּשוטער ערד, אָדער אין וואַנט פון קרעמל, אָדער אַפילו אין אַ מאָוזאָליי.

טויט איז גובר אַלץ און אַלעמען.

און לונאַטשאַרסקי איז פאַרשיקט אַהין, פון וואַנען קיינער קומט ניט צוריק, וואו קיין רעוואָלוציעס און קיין קאָנטער־רעוואָלוציעס ווערן ניט געמאַכט, וואו עס רוען סיי די צעזאַרס און סיי די ברוטוסעס.

„פרייע אַרבעטער שטימע".

טאָמאַש גאַרריק מאַסאַריק

(1850—1937)

מאַסאַריק האָט פּאַראייניקט אין זיין פּערזאָן זקנה, חכמה און גדולה — פּאָליטישע גדולה.

אין מאַסאַריקן זיינען מיר כמעט ווי צוגעקומען צו דעם אידעאַל, וועלכער ווערט אויסגעדריקט אין משלי מיט די ווערטער פון דער וויזהייט: „מיט מיר וועלן קעניגן געוועלטיקן און פירשטן וועלן געבן גערעכטיקייט ווי געזעץ" (משלי ח׳, ט״ו), און וועלכער איז פאַרטראַטן, אַלס הויפּט־אידייע, אין פּלאַטאָנס רעפּובליק. מאַסאַריק איז געווען אַ באַדייטנדיקער פילאָזאָף און צו דער זעלבער צייט אַ מלוכה־גרינדער און פאַרוואַלטער.

„עמאָציעס דעטערמינירן אונדזערע אידעאַלן, עמאָציעס גיבן די מאָטיוון פאַר אונדזער אָנשטרענגונג, אָבער די פּאַסיקע מיטלען מוזן באַשטימט ווערן פון פאַרשטאַנד און פון פאַרשטאַנד אַליין. און דעריבער האָט מאָדערנע דעמאָקראַטיע אַלע מאָל דערקלערט וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע אַלס איר יסוד" [1].

אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע האַלט זיך שוין זיכער ניט אויף וויסנ־שאַפט און פילאָזאָפיע. די פילאָזאָפן און וויסנשאַפטסלייט פאַרנעמען דאָ דעם פּלאַץ, וועלכן פּלאַטאָן אין זיין רעפּובליק האָט באַשטימט פאַר די פּאָעטן... דאָס הייסט, אויף יענער זייט טיר.

**
*

מאַסאַריק איז געבוירן געוואָרן דעם זיבעטן מערץ, 1850. זיין פאָטער איז געווען אַ קוטשער, אַ סלאָוואַק. זיין מוטער האָט געשטאַמט

1) Masarik's Birthday Message, Czechoslovak Review, p. 166, 1920.

פון אַ האַלב־גערמאַניזירטער טשעכישער פאַמיליע. אַזוי אַז אין טאַמאַשן האָבן זיך פאַראייניקט צוויי שטאַמען און אין זיינע אָדערן האָבן זיך צענויפגעגאָסן צוויי בלוט־שטראָמען. און די אידייע פון דער פאַראייניקונג פון די טשעכן און די סלאָוואַקן האָט ער געטראָגן אין די געוועבן פון זיין קערפּער און אין די פאַלבן פון זיין נשמה. און אָט דער געדאַנק, וועלכער איז געווען אין אים בלוט און לייב, האָט אים באַוואויגן צו גרויסע היסטאָרישע פּאָליטישע מעשים.

לכתחילה איז ער דערצויגן געוואָרן אין אַן עלעמענטאַרער טשעכישער שול. דערנאָך האָבן אים די עלטערן געשיקט אין אַ דייטשער רעאַל־שולע, מיט דער כוונה צו מאַכן אים פאַר אַ לערער. אָבער דעם פּלאַן האָבן זיי פאַרוואָרפן אַלס אוממעגלעך. האָבן זיי אים אָפּגעגעבן פאַר אַ לערן־ייִנגל צו אַ שמיד אין וויען. און ער איז טאַקע דערנאָך געוואָרן און געאַרבעט אַלס שמיד. אין קוזניע האָט ער געלערנט צו דערקענען דעם גרויסן אמת פון דעם שפּרוך, אַז „דער האַמער צעדרוזגעט גלאָז, שמידט אָבער אייזן", אַז קלעפּ זיינען שעדלעך פאַר שוואַכינקע נאַטורן און שלאַפּע כאַראַקטערן; די שטאַרקע — שמידן זיי און פאַרהאַרטעווען. אין קוזניע האָט ער געהאַט צו טאָן מיט דעם קאַמף פון די צוויי עלעמענטן, פייער און וואַסער, און זייער שלום־מאַכונג אין געשמידטן אייזן, וועלכער ווערט אָנגעברענט ביז ווייס און דאַן ווערט ער געוואָרפן אין וואַסער זיך אָפּצוקילן. אַ קוזניע איז אַ פּלאַץ פון געשמידטן רעאַליזם, און דאָ איז ער געוואָרן אַ רעאַליסט און געבליבן רעאַליסטיש אויף זיין גאַנצן לאַנגן לעבן. ער האָט אָנגעהויבן אַלס שמיד און איז געבליבן שמיד; ער האָט געשמידט די מערכות פון זיין פאָלק און פון זיין אייגענעם לעבן.

אין 1865 איז ער אַוועק צוריק לערנען. דאָס מאָל אין אַ גימנאַזיע אין ברין. לאַנג איז ער דאָרט ניט געווען. זיין פריידענקעריי האָט זיך אָריינגעמישט. ער האָט ניט געוואָלט גיין אויף „איספּאָוויעדזש" (ווידוי) צו זיין קאַטוילישן גלח, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די גימנאַזיע. פון ברין איז ער אַוועק קיין וויען, וואו ער האָט דורכגעמאַכט אַ גימנאַזיע, דערנאָך אַן אוניווערסיטעט, אין וועלכן ער איז פאַרבליבן אַלס לעקטאָר איבער פילאָזאָפיע. דאָס איז געווען אין יאָר 1879.

אַ יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין לייפּציג, וואו ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין צוקונפטיקער ווייב, שאַרלאָטע גאַריק, אַן אַמעריקאַנער מיידל.

אין יאָר 1881 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין סאָציאָלאָגיש ווערק: „זעלבסטמאָרד אַלס מאַסן־דערשיינונג פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע".

אין יאָר 1882 איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין טשעכישן טייל פון פּראַגער אוניווערסיטעט.

אין יאָר 1885 איז אַרויס זיין גרעסערעס ווערק: „אַ פּאַרזוך פון אַ קאָנקרעטער לאָגיק". מיט דרייצן יאָר שפּעטער דערשיינט זיין וויכטיק ווערק מיטן נאָמען „די פילאָזאָפישע און סאָציאָלאָגישע יסודות פון מאַרקסיזם". אין 1913 קומט אַרויס זיין גרויסע אַרבעט: „רוסלאַנד און אייראָפּע". אין דער ענגלישער איבערזעצונג איז עס דערשינען אין 1919 אונטערן נאָמען „דער גייסט פון רוסלאַנד".

צו פּראַקטישער פּאָליטישער טעטיקייט האָט ער זיך אַ קער געטאָן אין יאָר 1887, ווען ער איז שוין געווען זיבן און דרייסיק יאָר אַלט און האָט שוין געהאַט אַ פּאָר דיקלייביקע בענדער אַלס באַגאַזש. אין אַזאַ געשטעלטן עלטער און מיט דער וויסנשאַפטלעכער משא אויף די פּלייצעס איז נאַטירלעך, וואָס ער איז ניט אַוועק צו דעם לינקן פליגל, נאָר געבליבן אין צענטער, אַ דורכאויסנדיקער ליבעראַל און ערנסטער סאָציאַל־רעפאָרמער, אָבער ניט קיין ראַדיקאַל. אין 1891 איז ער אַריין אין עסטרייך־אונגאַרישן פּאַרלאַמענט. צוויי יאָר שפּעטער האָט ער רעזיג־נירט. ער האָט זיך בעסער געוואָלט איבערגעבן דער מאָראַלישער דערציאונג פון זיין פאָלק. ער האָט באַגריפן, אַז דעמאָקראַטיע אָן אַן עטישער דערציאונג פון די מאַסן איז אַ הויז געבויט אויף זאַמד, וואָס דער ערשטער שטורם פון פּאָליטישן ווילקיר וועט עס אומוואַרפן.

אין 1899 האָט ער באַקעמפט דעם שענדלעכן עלילת־דם, אין וועלכן לעאָפּאָלד הילזנער האָט געשפּילט די ראָלע פון ייד־קרבן.

אָט וואָס מאַסאַריק שרייבט וועגן דעם:

„איך האָב אונטערגענומען הילזנערס פאַרטיידיקונג, ווייל עס האַנדלט זיך מכוח אַן אומשולדיקן מענטשן. אויסער דעם גייט עס אום דעם כבוד פון טשעכישן פאָלק... איך קען ניט פאַרטראָגן די שאַנד פון מיין פאָלק" [2]).

ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז אין קאָן שטייט ניט דער כבוד פון דעם פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט די נביאים, נאָר טאַקע די ערע פון די באַשולדיקער און פאַרלוימדער.

אין 1900 האָט זיך געגרינדעט די רעאַליסטישע פּאַרטיי. די פּרינ־ציפּן פון זייער פּראָגראַם האָבן זיי גענומען פון מאַסאַריקס וויסנ־שאַפטלעך־פילאָזאָפישע ווערק.

---

2) Dr. Oskar Donath, Masarik und der Judentum, p. 13. Bruenn 1920.

אין 1907 ווערט ער אויסגעקליבן אַ צווייטן מאָל אין פּאַרלאַמענט אַלס קאַנדידאַט פון דער „רעאַליסטישער פּאַרטיי".

אין 1914, ווען ער איז שוין געווען איבער ששים, ווערט ער אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, און אין משך פון די פאָלגנדיקע פיר יאָר פירט ער אָן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער באַפרייאונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע. זיין אויסגעשפּראָכענע שטעלונג קעגן עסטרייך האָט ער דערקלערט אין זיין יוהס יאָרצייט־רעדע אין זשענעווע, אין יולי, 1915. אין זעלבן יאָר, דעם 14טן נאָוועמבער, האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ רעוואָלוציאָנערן מאַניפעסט און עס איז פאַרמירט געוואָרן אַ צענטראַל רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, פון וועלכן ער איז געוואָרן פּרעזידענט און זיין תלמיד, בענעס — סעקרעטאַר.

אין 1917, נאָך דער רעוואָלוציע, איז ער געקומען פון לאָנדאָן קיין רוסלאַנד, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ סך טשעכן און סלאָוואַקן אַלס קריגס־געפאַנגענע. מאַסאַריק האָט געפועלט ביי דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג צו גרינדן פון אָט די שבוים אַן אומאָפּהענגיקע טשעכאָסלאָוואַקישע אַרמיי. שפּעטער האָט טראָצקי געוואָלט זיי אנטוואָפּענען. ער האָט עס אָבער ניט געקענט באַווייזן. זיי האָבן רעוואָלטירט און האָבן געשטיצט די ס.ר.ישע סאַמאַרישע רעגירונג, וועלכע האָט קיין אריכת־ימים ניט געהאַט. ווי נאָר די ווייסע־גוואַרדיעס האָבן גענומען פירן די גרענדע, האָט די טשעכאָסלאָוואַקישע אַרמיי זיך אָנטזאָגט זיי צו העלפן.

אין מאַי, 1918, איז מאַסאַריק געקומען אין אַמעריקע, און אַ דאַנק זיינע באַמיאונגען האָט לאַנסינג אַרויסגעגעבן די דעקלאַראַציע פון סימפּאַטיע מיט דער אומאָפּהענגיקייט פון טשעכאָסלאָוואַקיע און יוגאָסלאַוויע.

דעם 14טן נאָוועמבער, 1918, איז מאַסאַריק אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם ערשטן פּרעזידענט פון דער ניי־געבוירענער רעפּובליק, אַ צווייטן מאָל איז ער דערוועלט געוואָרן דעם 27טן מאַי, 1920, און דעם 1טן מאַי, 1927, מיט זיבן יאָר שפּעטער, פאַר אַ דריטן טערמין. מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער רעזיגנירט און איבערגעגעבן זיין אַמט צו זיין פריינד, פאַרהערער און נאָכפאָלגער, בענעס.

מאַסאַריקס וויסנשאַפטלעך פילאָזאָפישע און פאָליטישע אַנשויאונגען

ער איז געווען אויסגעשפּראָכן קעגן יעדער פאָרמע און קאָליר פון דיקטאַטור. וועגן באָלשעוויזם שרייבט ער:

„די באָלשעוויקעס זיינען רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיקער און מיס־טיקער. אַ רעוואָלוציע איז פאַר זיי אַן אָפּענבאַרונג און אין פולן זינען פון וואָרט — אַ פעטיש״ [3].

„מענטשן, וועלכע שטייען אויף אַ נידעריקער שטופע פון אויפקלערונג און מאָראַליטעט, דערנידערן די העכסטע אידעאַלן און אידייען צו זייער ניוואָ. דאָס געזעץ פון אַנטראָפּאָמאָרפיזם איז אָנווענדבאַר ניט נאָר אין רעליגיע, נאָר אויך אין פאָליטיק״ [4].

ער זאָגט, אַז כמעט יעדעס לאַנד און יעדעס פאָלק האָט דעם סאָציאַליזם, וועלכן עס פאַרדינט צו האָבן לויט זיין שטופע פון זיטלעכער אַנטוויקלונג, און אַ פאָלק פון אַ נידעריקן עטישן קאָעפיציענט, מוז האָבן אַ סאָציאַליזם פון אַ נידעריקן סאָרט...

אין פילאָזאָפיע, ווי אין פאָליטיק, פאַרנעמט מאַסאַריק דעם „צענטער״. ער מיידט אויסביידע עקסטרעמען, סיי פון אידעאַליזם און סיי פון מאַטעריאַליזם. ער איז אַ רעאַליסט. ער אַנערקענט די גרויסע פאַרדינסטן פון קאַנטן, אָבער ער וויל מיט אים ניט גיין דעם גאַנצן וועג אַרויף צום טראַנסצענדענטאַליזם.

„קאַנט האָט דעמאָנסטרירט, אַז דאָס קריטישע געוואָרזיין פון די כוחות פון מענטשלעכער פאַרשטענדיקייט איז די איינציק מעגלעכע און די איינציק ריכטיקע שטעלונג, וועלכע דער פילאָזאָף דאַרף נעמען״ [5].

ער אַנטדעקט די ראָלע פון עטיק אין געזעלשאַפטלעך־פאָליטישן לעבן; אָבער ער וויל, אַז עטיק זאָל אָנגעווענדט ווערן הלכה למעשה, און ניט גלאַט שפּילן זיך מיט עטישער ספּעקולאַציע.

„אַן עטישע טעאָריע דאַרף אָנגעווענדט ווערן אין דער פּראַקטיק אין דער געגעבענער געזעלשאַפט. קאָנקרעט גענומען, האָבן מיר צו טאָן מיטן סאָציאַליזם און זיין רעכטפערטיקונג״ [6].

---

3) וועגן באָלשעוויזם, ז. 30, רוסישע אויסגאַבע, פּראַג 1931.

4) דאָרטן, זז. 51־52.

5) Spirit of Russia, p. 205; Vol. 1, London 1919.

6) Ibid, p. 200.

בנוגע רעליגיע האָלט ער, אַז מען דאַרף לחלוטין פּאַרוואַרפן די אַלטע אָפּגעלעבטע פאָרמען, אָבער צו דער זעלבער צייט באַהויפּט ער, אַז עס איז אומבאַדינגט נייטיק פאַרטצוזעצן דאָס רעליגיעזע שאַפן און אים געבן נייעם אויסדרוק.

„יוהם האָט געמאַכט אַ טעות, ווען ער האָט אָפּגעוואָרפן רעליגיע אַלס אַנטראָפּאָמאָרפיזם. אַנטראָפּאָמאָרפיזם איז באמת ניט מער ווי אַ מעטאָד פון מיטישן דענקן. קאַנט האָט רעדוצירט רעליגיע צו מאָראַ־ליטעט... היינט־צו־טאָג קען די רעליגיע־פּראָבלעם פאָרמולירט ווערן בזו הלשון: איז מעגלעך אַ רעליגיע, וועלכע האַלט זיך ניט אויף אָפּנבאַרונג? איז עס מעגלעך פאַר אַ וויסנשאַפטלעך־קריטישן דענקער, פאַר אַ פילאָזאָף, צו האָבן אַ רעליגיע, און אויב יאָ, וואָס פאַר אַ רעליגיע?"[7]). „די עובדא פון דער קעגנוואַרט איז צו שאַפן אַ רעליגיע און אַ רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, וועלכע וועט זיך געפינען אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון דעם קריטישן פאַרשטאַנד צו שאַפן, זאָג איך. מיר ווילן ניט קיין איבערבעטן זיך צווישן וויסנשאַפט און עקלעזיאַסטישער רעליגיע; אונדזער ציל איז די קרעאַציע פון אַ נייעם רעליגיעזן און גייסטיקן אינהאַלט אין לעבן... עוואָלוציאָניזם אַליין פאָדערט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, ניט נאָר פון וויסנשאַפט, נאָר אויך פון רעליגיע און פון אַלע כוחות פון מענטשלעכן שכל"[8]).

אַלץ וואָס מיר וואָלט זיך ווען צוגעבן צו אָט די טייערע שורות איז דאָס: אָט די אויפגאַבע וועט אויסגעפירט ווערן פון דעם יידישן זשעני, וועלכער האָט זיך שוין איינמאָל אַנטפּלעקט אויף דעם געביט אין זיין גאַנצער טיף און הויך. און ווען דאָס יידישע פאָלק וועט עס טאָן, וועט זי ניט דאַרפן שאַפן, נאָר פּראָסט רעסטאַורירן, זיך אומקערן צו די נביאים, וועלכע האָבן די דאָזיקע רעליגיע, וועגן וועלכער מאַסאַריק רעדט, געשאַפן שוין העכער צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק.

בנוגע די פאַרהעלטענישן פון פאַרשטאַנד און געפילן פּרובירט מאַסאַריק זיי צו באַלאַנסירן, אָבער ער איז פאַרט אַ ביסל מער גענויגט צו דער זייט פון געפיל, וואָס ער וויל, אָבער, איז שאַפן אַ סינטעז.

„אין מיין אייגענער פאָרמולירונג פון דעם פּראָבלעם באַשטרייט איך די עקזיסטענץ פון אַ נאַטירלעכער אָפּאָזיציע צווישן פאַרשטאַנד

7) Ibid, p. 210.

8) Ibid, pp. 558-559, Vol. 2.

און עמאָציע אויף איין זייט און דעם ווילן אויף דער אַנדערער. מיין קאָנצעפּציע וועגן די שייכותן צווישן די דריי פונדאַמענטאַלע ענערגיעס פון דער פּסיכיק גייט זיך פאַנאַנדער סיי מיט די ראַציאָנאַליסטן (אָדער אינטעלעקטואַליסטן) און סיי מיט די וואָלונטאַריסטן און עמאָציאָנאַליסטן"[9]). „די באַשרענקטקייט פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד צייגט זיך אויך אין דעם, וואָס מיר זיינען משועבד צו די געפילן, שטרעבונגען און פילפאַכיקע בלינדע כוחות אין אַזאַ מאָס, אַז מיר מוזן זיך אָנשליסן אָן דער מיינונג, אַז געפיל און ווילן גיבן דעם מענטשן זיין אמתן אייגענעם כאַראַקטער. עס שיינט, אַז די אינטענסיטעט און קוואַנטיטעט פון דער פאַרשטענדיקייט איז גרינגער ווי די אינטענסיטעט און קוואַנטיטעט פון די פאַרשידענע געפילן און שטרעבונגען... ניט נאָר אינסטינקטן, אויך אַנדערע בלינדע כוחות רעגירן דעם מענטשן"[10]).

וועגן יידן שרייבט מאַסאַריק אין זיין ווערק „זעלבסטמאָרד"[11]) מיט גרויס דרך־ארץ. ער ווייזט אָן, אַז אומגעאַכט דעם פאַקט, וואָס יידן זיינען מער פאַרפאָלגט ווי אַנדערע נאַציעס, דאָך גיט עס צווישן יידן ווייניקער זעלבסטמאָרד. וועגן דער יידן־פראַגע ענטפערט ער מאַרקסן גאַנץ זאַכלעך און צום פּונקט:

„מאַרקס וויל ניט זען אין דער יידן־פראַגע די נאַציאָנאַלע זייט, די ראַסן זייט, — אָבער דאָך בלייבט די דאָזיקע פראַגע שטיין; די יידן זיינען אַן אייגנאַרטיק פאָלק, אַפילו דעמאָלט ווען זיי גיבן אויף זייער אומגאַנגס־שפּראַך. די שפּראַך אַליין איז בכלל ניט דער איינציקער און וויכטיקער סימן פון אַ נאַציאָנאַליטעט"[12]). „גראָד די רעפאָרמאַציע איז געווען אין אַ באַדייטענדיקער מאָס אַ רעצעפּציע פון אַלטן טעסטאַמענט און יידנטום און, איך זאָג נאָכאַמאָל, צום נוצן פון די מאָדערנע פעלקער"[13]).

בנוגע סאָציאַליזם איז ווידער דאָס אייגענע. מאַסאַריק בלייבט טריי צו זיין געדאַנק מכוח דעם גאָלדענעם מיטן. ער איז „רעאַליסטיש"...

„קיין אַבסאָלוטע גלייכהייט אַנערקען איך ניט... די פאָדערונג פון ווירטשאַפטלעכער גלייכהייט אַנערקען איך ניט. איך בין אַנטשידן פאַר

9) Ibid, p. 201, Vol. 1.

10) Versuch einer concreten Logic, p. 7, Wien 1887.

11) Der Selbstmord als Massenerscheinung der Modernen Zivilisation, p. 88, Wien 1881.

12) Die Philosophischen und Soziologischen Grundlagen des Marxismus, pp. 447-454, Wien 1899.

13) Ibid, p. 453.

סאָלידאַריטעט, איך פֿאַרוואַרף אָבער דעם קאָמוניזם... איך אָנערקען, אַז די היינטיקע אומגלייכהייט איז שעדלעך, אומבאַרעכטיקט און אומגערעכט... איך גלויב ניט, אַז די נויטווענדיקע רעפֿאָרם לאָזט זיך דורכפֿירן בלויז ווירטשאַפֿטלעך; גלייכצייטיק מוז פֿאָרקומען אַ רעפֿאָרם פֿון זיטן און אָנשויאונגען. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, דער מאַטעריאַליזם בכלל, איז אוממעגלעך... איך פֿאַרלאַנג אין פּאָליטיק ווי אין ווירטשאַפֿט אויטאָנאָמיע און פֿעדעראַציע... אָנגרייפֿנדיקע סאָציאַלע רעפֿאָרמען האַלט איך פֿאַר נויטווענדיק [14].

צי מען איז איינשטימיק מיט אַלץ וואָס מאַסאַריק לייגט פֿאָר, צי ניט — איינס איז אומבאַשטרייטבאַר: אין אים רעדן מענטשלעכער פֿאַרשטאַנד און האַרץ. ער איז פֿול מיט מענטשן־ליבע, מיט איבערגעבנקייט צו די אונטערדריקטע, די יידן ניט אויסגעשלאָסן, אָן דעם באַרימטן „קראַמיע יעווריי"ו", וועלכן מען געפֿינט גאַנץ אָפֿט, שוין אַ ביסל צו־אָפֿט, אַפֿילו ביי די ראַדיקאַלן.

אין אונדזער צייט, ווען די חיה רעה אין פּאָליטישן מענטשן האָט זיך צעבושעוועט, ווען מען זעט אַזאַ מענטשלעכן מענטשן אַוועקגיין פֿון אונדז, אַפֿילו אין אַזאַ הויכן עלטער, פֿילט מען אַ טיפֿן וויטאָק... עס ווערט ווייניקער מיט אַ מענטשן, אין אַ דור וועלכער פֿאַרמאָגט אַזוי ווייניק מענטשן, וועלכע זיינען ניט קיין חיות...

זאָל לאַנג לעבן דער אָנדענק פֿון טאָמאַש גאַריק מאַסאַריק, וועלכער איז געווען איינער פֿון די שענסטע מוסטערן פֿון די חסידי אומות־העולם.

„צוקונפֿט", אָקטאָבער, 1937.

14) Ibid, p. 324.